STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07187

# LIDER UN POEMEN (1888-1938)

Abraham Liessin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען



אברהם וואַלט-ליעסין אין 1936

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען

(1938—1888)

מיט צייכנונגען פון מאַרק שאַגאַל

אין דריי בענדער

●

## באַנד איינס

אידיש. — מיין אַלטע מינסקער היים. — די ערשטע טריט. — צוריק אַהיים. — אין דער פרעמד. — געשטאַלטן און געשטאַלטעלעך. — אין דער נייער וועלט. — ניו יאָרק אין בילד און קלאַנג.

אַרויסגעגעבן פון „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן"
ניו יאָרק, 1938.

Copyright, 1938
by ABRAHAM WALT
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

Combo Press, Inc.
161 Grand Street
New York, N. Y.
446

# פאָרוואָרט

דער פלוציםדיקער טויט האָט אָפּגעשטעלט אברהם ליעסינס האַנט, ווען ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די אַרבעט פון צוגרייטן די זאַמלונג פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען צום דרוק. עס איז אים ניט באַשערט געווען צו זען די פאַרווירקלעכונג פון אַ האָפנונג און די דערפילונג פון אַ פאַרלאַנג, אויף וועלכע זיינע צאָלרייכע פריינט און פאַרערער האָבן געוואַרט אַזוי פיל לאַנגע יאָר.

דער באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון אברהם ליעסינס ווערק איז אָנגענומען געוואָרן פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיי־איישאָן" נאָך מיט איבער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. און עס האָט דעמאָלט געהאַלטן גאָר נאָענט דערביי, אַז דער באַשלוס זאָל דורכגעפירט ווערן. פון דעמאָלט אָן זיינען פון צייט צו צייט געמאַכט געוואָרן אַנדערע פאַרזוכן אַריינצוברענגען ליעסינס שאַפונגען צווישן די טאָוולען פון אַ בוך. דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. און עס וועט זיכער זיין אַן איבעראַשונג פאַר די לעזער צו הערן, אַז שולדיק דערין איז געווען ליעסין אַליין, אָדער בעסער געזאָגט אַ גרונט־שטריך אין זיין קינסטלערישן וועזן.

איך האָב אין זינען ליעסינס ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג נאָך פאָלקאָמענקייט אין זיין שאַפן. מען קען זאָגן, אַז ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט אַן אַרבעט. יאָרן שפּעטער, נאָכדעם ווי זיינע אַ פּאָעמע אָדער אַ ליד איז שוין געווען אָפּגעדרוקט און צענדליקע מאָל איבערגעדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן איבער גאָר דער וועלט, האָט ליעסין עס גענומען איבערשאַפן, איבעררדיכטן. מאַנכע פון זיינע בעסטע זאַכן האָט ער אויסגע־בעסערט יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיי נאָכאַמאָל ערגעץ צו דרוקן.

אָט־די שטרעבונג זיינע נאָך פאָלקאָמענקייט איז געווען די גרעסטע שטערונג אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין ביכער. און אַזוי זיינען אַוועק יאָרן און יאָרן. די אויסבעסערונגען זיינען ווירקלעך געמאַכט געוואָרן, אָבער קיין ביכער זיינען ניט אַרויס.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ענדלעך געלונגען צו ווירקן אויף ליעסינען ער זאָל צוגרייטן זיינע ווערק צום דרוק. און ער האָט זיך גענומען ערנסט צו דער אַרבעט, — אַן אַרבעט וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומגעהייער שווער. ליעסין האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור אין זיין געבורטס שטאָט מינסק. זיינע דאַמאָלסדיקע

שאַפונגען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין געהיים, אין אפּשריפטן און העקטאָגראַפיעס. שפּעטער אַביסל האָט ער געשיקט זיינע לידער צו דער „אַרבייטער צייטונג", די ערשטע סאָציאַליסטישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע. נאָך שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס". עס זיינען געווען יאָרן ווען ליעסינס פּאָעטישע פעדער איז געווען זייער פּרוכטבאַר און עס זיינען געווען יאָרן, ווען ער האָט לידער כמעט ניט געשריבן. די פיזישע אַרבעט פון זאַמלען די אַלע שאַפונגען, זיי צו קלאַסיפיצירן, אויסשטעלן אין לאָגישער און כראָנאָלאָגישער אָרדנונג האָט געפאָדערט אַ סך צייט און מי, און דערצו די אַרבעט פון איבערשרייבן און דאָס אייביקע אויסבעסערן, ווי אויך דער געפיל, אַז עס פעלן נאָך די לידער, וואָס ער דאַרף אומבאַדינגט שרייבן — דאָס אַלץ האָט די אונטערנעמונג נאָך שווערער געמאַכט און נאָך מער פאַרלענגערט.

די דריי בענדער וואָס ווערן דאָ אַרויסגעגעבן אַנטהאַלטן פּאַקטיש אַלע פּאָעטישע שאַפונגען פון אברהם ליעסין, פון זיינע אינגסטע יאָרן ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ליעסין איז געווען פון יענע גרויסע טאַלאַנטן וואָס ווערן צייטיק מיטאַמאָל. ער האָט פאַרשפּאָרט דורכצומאַכן „לערע־יאָרן", די יאָרן פון נאָכמאַכן און „שטאַמלען". אין זיינע סאַמע ערשטע לידער וואָס ער האָט געשריבן, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן, פילט זיך שוין דער טאָן פון אַ רייפן דיכטער און אָריגינעלן קינסטלער. אין די דריי בענדער וועט דער לעזער ניט געפינען קיין איין ליד אָדער פּאָעמע, וועלכע מען האָט געקענט אויסלאָזן. ווען מען וואָלט עס געטאָן, וואָלט דאָס ליד געפעלט און עס וואָלט אויך געפעלט אַ געוויסער שטריך, אַ געוויסער קנייטש אין דער קינסטלער־געשטאַלט פון אברהם ליעסין.

אין די דריי בענדער האָבן מיר אברהם ליעסינען דעם דיכטער אין זיין גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג און אין דער גאַנצער גרויס צו וועלכער ער האָט דערגרייכט.

די ווערק ווערן אַרויסגעגעבן פון „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן", מיט וועלכער ליעסין איז געווען פאַרבונדן זיין גאַנצן לעבן דאָ אין אַמעריקע. אַלץ וואָס ליעסין האָט געשאַפן איז געדרוקט געווען אין די אויסגאַבן פון דער אַסאָסיאיישאָן, אין „פאָרווערטס" אָדער אין „צוקונפט".

די „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן" גיט אַרויס די ווערק אַלס אַ טריבוט צו ליעסינען און אַלס אַ בייטראַג צו דער אידישער ליטעראַטור.

**הלל ראָגאָף.**

א. ליעסין

# גרויס וואונדער.

ער איז געווען, אין דאַנק, דער שטאָלצער מענטש
אויף אייביג צו די ווערטער פֿון דיין שטרענג=געבאָט;
צו האָט געוואָלדעוועט אַנטקעגן זי געוויטער
צו האָבן איבערגעקראַפּט די גרונטן אין דער טיף
ער האָט די ווערטער פֿון די הימל
אויסגעלאָזן שוין ניט געקענט...

ער האָט די שלאַפֿקייט רייוויליג זיך אויסגעקליבן,
און צוגעשמידט מיט היימישן דינסט צו יונגקייט,
און ריטעריש און מיט צו אייגענעם געבליבן
צו לעבן האָט ער אויסגעטראָגן [illegible] די קייט,



פאַקסימילע פון אברהם וואַלט־ליעסינס סאַמע לעצטן ליד, געשריבן פון אים דינסטיק אָונט, דעם 1טן נאָוועמבער, 1938, און פאַרגעלייענט פון אים, אויף מאָרגן, ווי אַ הספד נאָך ב. וולאַדעקן, דריי מעת לעת פאַר זיין אייגענעם טויט — שבת פרי, דעם 5טן נאָוועמבער. 1938.

דעם אָנדענק
פון מיין פֿאָטער און מוטער —
יהודה לייב וואַלט,
רעליע האַמבורג־וואַלט.

ערשטע אָפּטיילונג

# אידיש



# א י ד י ש

(מיין מוטער רעליע געווידמעט)

אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זי קומען
צו מיר אין איר ליבער גינאָד.
פון וואַנען זי האָט זיך גענומען —
דאָס איז שוין פאַרבליבן איר סוד.
זי פלעגט אין פאַרטאָגן אין שטילע
מיט ציטער מיט צאַרטן אַריין —
אַ פליסטער פון עפּעס אַ תפילה,
אַ שימער פון עפּעס אַ שיין.
און אויפלויכטן פלעגן מיר אויגן
מיט ווייכן, פאַרטרוילעכן ליכט;
אַ האַנט אויף מיין קאָפּ פלעגט זיך לייגן
און קילן דעם פלאַם פון געזיכט.
פלעגט ווייס אַזוי ווערן אין צימער
און גרינג פון איר וואונדער־באַריר,
ווען ווייס פלעגן געבן אַ שימער
צוויי פליגלען פון הינטן ביי איר.
און פול מיט מעלאָדישקייט גוטער,
פלעגט האַרציק זיך הערן איר קול,
אַזוי ווי דער קול פון מיין מוטער
ביים טייטש־חומש שבת אַמאָל:

„איך קום ניט צו דיר פון גאָטס־וואָרט אַ באַשטראַלטע,
אַזוי ווי מיין שוועסטער פלעגט קומען אַמאָל —
פאַרהייליקט פון ציַיטן פון גרויסע, פון אַלטע,
מיט בליצן און דונערן־אָפּקלאַנג אין קול.

„איך קום ניט, ווי זי, פון אַ זוניקער הויכקייט,
אין הימל אין בלויסטן זיך שפּיגלענדיק ריין;
איך האָב ניט פון היגלען פון גרינע די ווייכקייט,
פון פעלזן־בערג שטאָלצע — דעם וויסט־ווילדן חן.

„איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרפּאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם;
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש השם.

„און טראָג איך אין זיך ניט די בליצן, וואָס בלענדן,
דעם פלאַמיקן זונ־וואָרט, וואָס וואונדער באַווייזט,
טאָ האָב איך דעם שימער פון שטערן־לעגענדן,
די ליבע לבנה־באַלויכטונג פון גייסט.

„פון וואָרמס, פון מיינץ און פון שפּייער,
דורך פּראָג און לובלין, ביז אָדעס,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס.
האָט שטענדיק דער בלוט־פיינט געהויערט,
געלויערט פיל־אויגיק דער טויט —
אָט דאָרט האָב איך, וויסט און פאַרטרויערט,
די עלטערן דיינע באַגלייט.

„איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן
געגאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צער.
און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און ווײ,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי.
און אויב נאָר די קדושה די ריינע
שיינט אָפּ פון ענויים און פּיין,
טאָ בין איך דיר, קינד מיין, די איינע,
טאָ בין איך די הייליקסטע דיין.

„און האָט ניט גאָטס־כבוד געטאָן פאַר מיר ווייהען,
קיין זעאונג פון נביא אין מיר ניט געגליט, —
דערפאַר איז מיר פרעמד אויך די זינד־גלוט פון כהן,
וואָס האָט זיך אין שאַנד פאַרן בעל געקניט.

„און אויב מיר איז פרעמד די אַנטציקונג פון זיגער,
וואָס האָט די געשיכטע מיט שטראַלן געוועבט,
טאָ פרעמד איז מיר אויך די אכזריות פון קריגער,
וואָס האָט אויף פאַרבלוטיקטע שווערדן געלעבט.

„איך האָב ניט געהאַט די טיטאַנען, וואָס גלאַנצן,
ווי איינזאַמע שניי־בערג, אין הימל אַריין;
געווען איז שוין אָבער די אומה אין גאַנצן
געלייטערט אין אומגליק, געהייליקט אין פּיין.

„און אויפֿגעמען פֿלעג איך די בלוטן און טרערן,
און אויפֿנעמען פֿלעג איך דעם ווייטיק־געשריי,
און הייליקער ווערן, וואָס מער איך פֿלעג הערן
פֿון שטאַרבנדע קדושים דעם לעצטן אוי־ווײ.

„איך האָב שוין צום קינד אין די וויגן
פֿון תורה געזונגען אַ ליד;
דערנאָך האָט געקלונגען דער נגון
אַ לעבן־לאַנג אים אין געמיט.
איך פֿלעג זיך אין הערצער צעשטראַלן
ביים אַלשיך פֿון זאָגער אין שול;
ביים מגיד אין וואָרט פֿלעג איך שאַלן
מיט גבורה מיט זאַפּטיקער פֿול.
איך האָב מיט געבעטן מיט הייסע
די אידישע מוטערס באַגלייט;
מאַרטירערינס שטילע און גרויסע
אין הייליקייט האָב איך געגרייט.
איך האָב מיט דער צאינה וראינה
דורך פֿינצטערסטער נויט זיי געפֿירט,
און ליבלעך די העלדן־טאַט יענע,
וואָס הייסט ביי זיי לעבן, געצירט.
און איינגעהיט איז פֿאַר דער אומה
געבליבן אַן אוצר אין מיר״:
די פֿאָלקס־זעל — אַ פֿרישע, אַ פֿרומע,
אַן אוצר אָן ערך און שיעור.

„און ווייטער, מיין קינד, צי די לערע פון דורות,
אַפילו ווען אויך אין פאַרענדערטן שיין —
צו לעבן און שטאַרבן פאַר הייליקע תורות,
אַ האַרטנעקיק פאָלק פון מארטירער צו זיין.

„און זוכסטו מיט שיינקייט די געטאָס באַהעלן,
טאָ וויס, אַז קיין שיינקייט איז ניט אַזוי שיין,
ווי אָפטמאָל די שיינקייט פון מענטשלעכע זעלן,
ווי שטענדיק די שיינקייט פון פאָלקס־זעל אַליין.

„און זוך זי אין מיר, אַט די שיינקייט די שטילע,
און שרעק זיך ניט טאָמער־ווען ווען איך פאַרגיין:
וועט אייביק דען לעבן די אומה אַפילו?
וועט אייביק דען לעבן דאָס לעבן אַליין?

„און כל זמן איך בין דיר, מיין קינד, אַזוי טייער,
און כל זמן מיר זיינען צוזאַמען נאָך דאָ,
און כל זמן עס ברענט אין דיין בלוט נאָך דאָס פייער,
ניט לאָז זי פאַרביי, די באַגייסטערטע שעה."

זי פלעגט אַזוי ריידן. און ווערן
פלעגט אַלץ פון אַ ליבשאַפט באַהעלט;
איך פלעג אין דעם רוף אירן הערן
דעם רופנדן צער פון דער וועלט.
פלעגט דאַן אין באַגינען אין שטילן
געהויבענעם עפּעס געשען,
און דורכגעלויכט פלעג איך זיך פילן
און וואונדער פאַרהוילענע זען.

און לויטער, אין דורכלויכט אין ווייסן,
פֿלעגט אויפֿגיין פֿאַר איר מיין געזאַנג;
דאָס צייטיקע וואָרט פֿלעגט זיך רייסן
און פֿאַלן, אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג.
און אויסברעכן פֿלעגן מיר טרערן
פֿון ליבענדער, שאַפֿנדער פֿרייד,
און וויינענדיק פֿלעג איך איר שווערן
אַ רינג צו פֿאַרבלייבן אין קייט —
צו ציען אַלץ ווייטער דורך דורות
דעם וואונדער פֿון ווילן און וויי,
צו לעבן פֿאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פֿעסטקייט פֿאַר זיי.

ניו יאָרק, 1922.

צווייטע אָפּטיילונג

# מיין אַלטע מינסקער היים



# אָפּשײַנען פֿון פֿלאַמען

אָפּשײַנען פֿון פֿלאַמען
לאַנג פֿאַרלאָשענע
ציען, גליען שוין
אַלץ דערווײַטערטער;
אָפּקלאַנגען פֿון ווערטן
לאַנג פֿאַרפֿלאָסענע —
וואָס דערווײַטערטער,
אַלץ געלײַטערטער.

# שמחת תורה ביינאַכט

קוק איך אין דעם אָפּגרונט פון ערינערונג אַריין,
טוט פון ווייטער קינדהייט מיר די היים אַ שיין,
זע איך זיך פאַרלאָרן אין אַ שטוב אַ לאַנגער,
פול מיט ווינקלען פינצטערע, וואָס שרעקן,
און צוויי לוסטרע־ליכט אין פלאַטערניש אין באַנגער,
און אין אַלע עקן שאָטנס שטעקן.

איז מיר שווער, וואָס שמחת תורה טוט פאַרגיין,
און דער יום טוב ווערט ניט און די שטילקייט קומט,
און מיר זיצן נאָך די שול־טענץ גאַנץ אַליין,
און אַ בייזער ווינט אין שוואַרצן פענצטער ברומט.

וויל איך דאָך די פאָן ניט לאָזן פון דער האַנט,
און איך גיי מיט איר הקפות זאַלבעראַנד,
און איך זוך דעם יום טוב אויף די קני ביים טאַטן,
און איך טו מיט אים אַ נגון ברומען,
בעת די שוואַרצע שאָטנס, פאַרן ליכט דעם מאַטן,
קומען נאָך־הבדלהדיק און קומען.

האָט זיך שוין בײַ אונז די שׂמחה אָפּגעטאָן,
הױבט זיך בײַ די שאָטנס ערשט די שׂמחה אָן.

שאָקלען זיך די לוסטרעס, שאָקלען זיך און װיגן
אױף דער װאַנט אַנטקעגן שאָטנס פּיל און פֿול,
און דער טאַטע הזרט אײן מיט מיר דעם ניגון,
װאָס מען האָט געזונגען ערשט ניט לאַנג אין שול.
נעם איך הילכיק־הױך נאָך אים די װערטער שטאַמלען,
לשון קודש װערטער — שװער און אומבאַקאַנט,
בעת די שװאַרצע שאָטנס זאַמלען זיך און זאַמלען,
און זײ גײען אין הקפֿות אױף דער װאַנט.

טו איך מיטן קינדיש מײלכל, פֿול מיט צונג,
דורך די לאַנגע װערטער האָפּערדיק אַ שפּרונג.

און איך האָב דעם שװערן לשון בײַגעקומען,
מיטן גאַנצן כּוח פֿון די פּיר־יאָר מײַנע,
בעת די שאָטנס האָבן שפּרינגען װילד גענומען
און געמאַכט מיר צײכנס, פֿול מיט שװאַרצער טענה.

און אַליך האָפּערדיקער האָב איך זיך צעזונגען,
בעת די שאָטנס האָבן װילדער זיך צעשפּרונגען,
און דער טאַטע נעמט מיך אין די אָרעמס שליסן,
מיט אַן אימפּעט מיט אַ צאַרטן אומגעריכט,
און פֿון זײַנע טיפֿע אױגן טרערן גיסן
דורך דער באָרד דער װײכער, הײס אױף מײַן געזיכט.

זינג איך, פֿילנדיק דעם װאונדערלעכן מיון,
באָטש איך קען נאָך ניט דעם טײַטש און זין פֿאַרשטײן:

בשעה שישראל שמחים
בשמחת התורה,
קודשא בריך הוא אומר
לפמליא של מעלה שלו.

און דער טאַטע האַלט מיך צוגעדריקט צו זיך,
ווי ער וואָלט אין שרעק געזוכט צו שיצן מיך
קעגן אַ געפאַרן־וועלט, אַן אומבאַוואוסטער —
קעגן שאָטנדיקן פיינט, דעם גרויסן,
קעגן אָנקום פון דער וואָכיקייט דער פוסטער,
קעגן בייזן ווינט און הושך דרויסן.

זינגען מיר אין נאַכט אין וואָכיקער אַריין,
און מיר זינגען די געפאַרן אַלע איין,
און מיר האַלטן־צו דעם יום טוב ליב און טייער,
און פאַרלענגערן די שמחת תורה,
און מיר שיסן אין די שאָטנס צונגען פייער —
דעם געזאַנג אָן אָפּהאַלט און אָן מורא:

בשעה שישראל שמחים
בשמחת התורה,
קודשא בריך הוא אומר
לפמליא של מעלה שלו:
חזו בני חביבי,
חזו בני חביבי.

**שהם משתכחים בצרותא דלהון,**
**ועוסקים בשמחה דלי.*)**

**און פון גרויסער פרייד, פון זינגענדיקער פרייד,**
**האָב איך פרי אַזוי דערפילט שוין דעם באַשייד,**
**ווי מען זינגט אין נאַכט אין וואַכיקער אַריין,**
**און מען זינגט די גרויקייט און די שוואַרצקייט איין.**

ניו יאָרק, 1933.

---

*) דער טייטש פון זמר: „בשעת די אידן פרייען זיך מיט דער שמחה פון דער תורה, זאָגט דער היליקער, געבענטשט איז ער, צו דער הויכער סויטע זיינער: קוקט אָן די ליבע קינדער מיינע, ווי זיי פאַרגעסן זיך אָן די צרות זייערע, און זיי זיינען זיך עוסק מיט מיין שמחה“.

פון וואַנען אָט־די וואונדער־שיינע ווערטער זיינען גענומען — ווייס איך ניט. איך האָב נאָכגעזוכט, זיך נאָכגעפרעגט, און ניט געקענט אויס־געפינען. און געהערט האָב איך דעם זמר נאָר אין מינסק, אין מיין געבורט־שטאָט, און נאָר אין בלומקעס קלויז — אין אַלט־אַלטער קלויז, וואָס איז פאַרבונדן מיט זכרונות נאָך וועגן שאגת אריה און זיין פלימעניק ר׳ רפאל כהן. זייט איך געדענק זיך, געדענק איך אויך אָט־דעם זמר, וואָס מען פלעגט זינגען מיט ברען, מיט באַגייסטערונג.

א. ליעסין.

# חנוכה

וואונדער פון מיין קינדהייט פון מיין פריסטער,
פון באַוואוסטזיין פון אַן ערשט־דערוואַכטן;
ליכטער פון אַ וועלט אַ לאַנג־פאַרוויסטער,
ליבע פרייד פון חנוכה־ביינאַכטן.

רייסט דער ווינט די דובעלט־שויבן,
וואו דער טאַטע קוקט געהויבן,
מיטן שמש־ליכט, אַ גרייטער,
קוקט אין נאַכט אין שניי־פאַרוויטער,
אויפן חושך אויפן בלינדן,
בענטשט און נעמט די ליכטלעך צינדן.

פאַלט פון זיי דער שיין דער דינסטער,
צוקט און שפּילט אויף די געזימסטער,
ווען ביים פענצטער, אין דער פינצטער,
דרייט אַ פּחד אַ געדיכטער.
פילט מיין רוקן נאָך די סקרוכעס,
ווי עס בושעווען אין פענצטער,
אין דער יום טוב־שעה דער שענסטער,
טויזנט רוחות, זאַווערוכעס.

לויכט מיר די אנטציקונג נאָך אין האַרצן,
ווי דער טאַטע זינגט צום בייזן דרויסן,
וואו דער קלויסטער טוט אַנטקעגן שוואַרצן
און ניט־גוטע יאָגן זיך און שטויסן.

טוט מיין האַרץ די פרייד גערענקען,
ווי דער טאַטע פלעגט מיר שענקען,
זינגענדיק אַזוי, אַ דריידל,
און פאַרשמייעט, שטיל און איידל,
פלעגט פון קיך די מאַמע שיקן
שמייכלען, שיינען, שמחה־בליקן.

איז פאַרטאָן, ווי איך, דער טאַטע
אין דער בלייענער זאַבאַווע,
ווי דאָס דריידל דאָס פּוזאַטע,
וויגט זיך, שאָקלט זיך טשיקאַווע,
שטעלט זיך, ווי אַ איד אַ פרומער,
שמונה עשרה אַלץ און ווידער,
ביז עס פאַלט צום סוף אַנידער
אין פאַרחלשטקייט אין שטומער.

נעמט דער טאַטע האָפּערדיק דערקלערן
יעדן אות ביים דריידל אויף די זייטן,
און איך טו געשפּאַנט די מעשה הערן
פון דעם נס, וואָס איז געשען פאַרצייטן.

הער איך דרויסן די יללות,
ווי אַנטיוכס'עס חילות
שטורעמען דורך אַלע שפּאַלטן
און באַפאַלן אונז מיט גוואַלטן —
זיי, די שטאַרקע און די שלעכטע,
מיר, די שוואַכע און גערעכטע.

און די ליכטלעך ברענען, ברענען,
ווי אַ לויכטנדיקער צייכן,

אַז קיין רוח וועט ניט קענען
אויך אויף ווייטער אונז דערגרייכן —
ווען פון חושך פון דעם ווייסן
אָטעמען מיט פראָסט די שונאים,
די צעיושעטע „יונים",
און זיי שפּאַרן זיך און רייסן.

רעדט דער טאַטע פון די חשמונאים,
ווי זיי האָבן, גרוים אין זייער האָפן,
זיך געשטעלט אַנטקעגן די רשעים,
און עס האָט דער גרויסער נס געטראָפן.

טראָגט זיך פון אַ וועלט אַ ווייטער,
ווי אַ פייערדיקער רייטער,
און עס בלאַנקט פון אַלע זייטן
די געשיכטע פון פאַרצייטן;
קומט דורך נאַכט און ווינט און שנייען,
טוט זיך פאַר די ליכטלעך דרייען.

לויפט אַוועק פון גאַס דער ליארעם,
ווי אַ וואונדער־מעשה ריכטיק,
און אין מיטן פראָסט ווערט וואַרעם,
און אין מיטן נאַכט ווערט ליכטיק;
טוט דעם גאַנצן אָוונט בלאַנקען
אַלץ דער נס, וואָס האָט געטראָפן,
ביז איך פאַל אַנידער שלאָפן
מיטן וואונדער אין גערדאַנקען.

און אויף מאָרגן רייסט מיר אויף די אויגן,
דורכן פראָסט־שויב פינקלענדיק, דער וואונדער,

גליט מיט יעדער פאַרב פון רעגנבויגן,
שפּילט אין יעדן זון־שטויבל באַזונדער.

און איך לאָז זיך מיטן קוכן
אויפן גאַס די רוחות זוכן;
זע איך נאָר אַ שניי אַ ריינעם
און קיין סימן ניט פון קיינעם;
טוט עס בליצן, טוט עס בלענדן,
וואו איך טו מיין בליק נאָר ווענדן.

נעם איך אים, דעם נס, דערוואַרטן
אין דער וואונדער־וועלט אַנטקעגן,
ווי ער גייט אין שניי אין צאַרטן
אויף די זון־פאַרפּלייצטע וועגן;
קומט ער היינט צו אונז נאָך ווייטער,
פאַר די ליכטלעך זיך צו דרייען —
קומט דורך נאַכט און ווינט און שנייען,
ווי אַ פייערדיקער רייטער?

וואונדער פון מיין קינדהייט פון מיין פריסטער,
פון באַוואוסטזיין פון אַן ערשט־דערוואַכטן;
ליכטער פון אַ וועלט אַ לאַנג־פאַרוויסטער,
ליבע פרייד פון חנוכה־ביינאַכטן.

ניו יאָרק, 1932.

## דער געלער קלויסטער

עס שפּראָצט דער באַגינען אין גלי אין אַ דינעם —
אין פראָסט־שויב אַ קווייט פון אַ דימענט אַ גרינעם.

און הינטן אין חושך די גלעקער
פאַרטויבן די איידעלע שיינען;
די וועקער די בייזע, די שרעקער,
זיי שפּרינגען און קלינגען און טענהן,
און וועקן די אידישע שטיבער
און שרעקן די קינדער דאָרט איבער.

אין האַרץ פון דער שול־גאַס דער רוף פון דעם קלויסטער —
אַלץ העכער, אַלץ פרעכער, צעררייצטער, צעבייזטער.

איך ליג אויפן בעט, אַ צעפלאַמטער,
און זע אים, דעם טייוולשן קלינגער;
ער שטייט אַזוי הויך, דער פאַרדאַמטער,
און האַקט מיט די קופּערנע צינגער,
און פּאַכט מיטן טמא־געפילדער,
אין טרייפענער יובע, אין ווילדער.

פיל דומפּיקע שטימען און זעאונגען שווימען —
דערשראָקענע, גלאָקענע, קאָרטשען זיך, קרימען.

איך גראָב זיך אין קישן פאַרטוליעט,
די אויערן פרואוו איך פאַרשטעקן;
דאָך גלין־גלאָנט דער גיהנם און הוליעט,
און שוואַרצער אַליץ שטיקן די שרעקן.
עס שלאָגט מיר מיט שוויים מיט אַ קאַלטן:
ווי קען מען פון שד זיך באַהאַלטן!

ער שטייט אַזוי הויך אין דעם חושך און רעגנט
מיט טומאה אַראָפּ אויף דער אידישער געגנט.

איך וואַרף זיך מיט פויסטלעך מיט שוואַכע:
„דו מיין ניט אין שוואַרצן נצחון,
אַז טויט זיינען מיר־שוין פאַר ראַכע,
אויף אייביק אין גייסט שוין געבראָכן!
מיר וועלן אַ שמשון נאָך האָבן,
וואָס וועט דיך אין חורבות באַגראָבן!"

און פלאַמיק צעבליט זיך אין שויב דער באַגינען
מיט קווייטן־רובינען, מיט קווייטן־בורשטינען.

און ערגעץ אין פאַרב־שפּיל פאַרבאָרגן,
פון זוניקער פראָסט־גלוט אַ רויטער,
אין וואַליקעס סקריפּעט דער מאָרגן,
און קנאַקט אַזוי מונטער, אַ גרייטער —
אַז ערגעץ טוט שפּיגלען און וואַרטן
אַ גליטש אין אַ שניי אין אַ צאַרטן.

צעגייט זיך מיין האַרץ אין דערוואַרטונג פון גליטשן,
וואָס טוען אין בלענד־ווייסע שניי־ראַמען בליצן.

באַלד לויף איך אין חדר אַוועק שוין
פאַרביי אָט דעם קלויסטער דעם געלן,
און פריילעך, אָן מינדעסטן שרעק שוין,
געמונטערט פון מאָרגן פון העלן,
מיט האַרץ זאָג איך: „שקץ תשקצנו!"
און לאַך פון פאַרטאָגיקער סצענע.

ניו יאָרק, 1931.

# אשרי תמימי דרך

אַ שבת־צו־נאַכט אין מיין קינדהייט אין קלויז:
איך זיץ אויף די טרעפּלעך ביים עמוד פֿאַרטראַכט.
הענגט שוואַרץ, ווי אַ מיטה־טוך, דרויסן די נאַכט,
און פֿול איז די קלויז מיט לויה־געברויז —
מען פֿירט דעם פֿאַרשטאָרבענעם שבת אַרויס.
איך קוק אין דער פֿינצטער, די אויגן פֿאַרמאַכט,
און שווים נאָכן שבת אין שוואַרצקייט און שווים,
און שיינענדיק קומט מיר אַנטקעגן אַ שטים,
נר תּמידיק־סומנע, נר תּמידיק־פֿרום —
אַ נשמה־ליכט פֿלאַטערט אין פֿינצטערניש אום:
אשרי תמימי דרך.

עס הערט זיך מיר הינטער דער שטים אַזוי באנג,
דער מאַמעס המבדיל, דער וואָכיקער שוין,
דער ברום פֿון אליהו הנביא־געזאַנג,
וואָס רייסט זיך פֿון טאַטן אַרויס, ווי געוויין;
און דריקנדיק אומערט דער שווערער געדאַנק,
וואָס מאָרגן־פֿרי מוז מען אין חדר שוין גיין.
דאָך לאַשצענדיק לויכט זי, די שטים, און זי רעדט,
זי גלעט מיט די רייד אַזוי ליכטיק און בעט:
אשרי תמימי דרך.

א חבר זיצט שטיל נעבן מיר און דערציילט
אַ מין מעשה נורא, וואָס האָט ניט קיין עק,
פון רוצחים און רוחות און אַלערליי שרעק,
די האָר שטייט קאַפּויר אַזש, עס פראָסטיקט און גרוילט.
האָט פּלוצלונג אַ תהום אונז פאַנאַנדערגעטיילט;
אָט שלעפּט מיך אַ רוח אַ בייזער אַוועק.
און זינק איך אין פּוסטקייט אין שוואַרצער, ווי טויט,
נעמט־אויף מיך אַ שטים, אויפן אָפּגרונט צעשפּרייט;
עס טראָגט מיך, אַזוי ווי אויף פליגלען, אַרויס
דער פרומער, פאַרטרוימטער, פאַרטרויערטער רויש:
אשרי תמימי דרך.

אָט בין איך אין הימל פון יענער זייט זוים;
איך פלעמל שוין פריי פון דער ערד און איר יאָך;
אָט בין איך אַ ניט קיין געבאָרענער נאָך,
וואָס לערנט ביים מלאך אין שיינענדן טרוים —
עס טראָגן מיך פליגלען אין דורכלויכט פון רוים,
וואו שטענדיק איז שבת און קיינמאָל ניט וואָך;
ווי וויהט מיר מיט ווייכער און זעליקער רו,
ווי תהלימדיק־טרייסטנדיק טוליעט מיך צו:
אשרי תמימי דרך.

ניו יאָרק, 1923.

# והיה באחרית הימים

(מ. ווינטשעווסקין אַ מתנה)

אַ חדר — פּאַרצייטיק און ציכטיק,
אַ רבי — עקסטאַטיש און צאַרט;
מיר זיצן צען אינגלעך און לערנען,
אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ צוגעשפּאַרט;
איין צימער, איין טיש און איין לעמפּל,
וואָס טשאַדיעט פיל מער ווי עס ברענט;
און חושכס אַרום אין די ווינקלען,
און שאָטנס אַרום אויף די ווענט;
דאָך גליען באַגייסטערט די בעקלעך,
און הויך, מיט אַ הילך, מיט אַ קנאַק,
צען קולכעלעך קלינגען, ווי גלעקלעך,
מיט חשק, געטריי און געשמאַק.

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל:
„והיה באחרית הימים."

און דרויסן אַנטקעגן אונז וואַכט
די לויטערע, זילבערנע נאַכט,
זי קוקט אונז אין פענצטער און רופט:
אַרויס אין דער פראָסטיקער לופט!
אָט ווינקט צו אונז פינקלדיק־גרייט
דער שניי, מיט בריליאַנטן צעשפּרייט,
אָט שפּיגלט פון ווייטן אַ גליטש,

אַ חברה קונדסים באַוויזט זיך
און לאָזט זיך אויף אים מיט אַ קוויטש,
מען גליטשט זיך, מען פאַלט און מען רייסט זיך.

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל,
דאָך ציט שוין אין דרויסן און ציט;
דאָס געטלעכע וואָרט פון דעם נביא
קריכט מער אין די מוחות שוין ניט.
אָט קלאַפּט אין אַ ווינקל דער זייגער,
מיר כאַפּן בגנבה אַ קוק:
ווי קריכט אַזוי לאַנגזאַם דער ווייזער,
כאָטש טו אים אַליין זשע אַ רוק!
דאָך וויל אין צעהיצטקייט געשמאַקער
דער רבי די צייט גאָרנישט זען,
וואָס ווייטער ווערט העלער זיין פלאַקער,
וואָס ווייטער ווערט שענער זיין ברען.

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל:
„והיה באחרית הימים.‟

און דרויסן איז פריילעך און פריי,
עס גלעקלען זיך שליטנס פאַרביי,
עס זילבערן וואָלקנדלעך הויך,
עס וואַליען די קוימענס מיט רויך;
אָט גייט מען מיט טעניק און געזאַנג
פון אַלע חדרים שוין לאַנג;
געלעכטער, געפּילדער, געשריי,
מען הוליעט, מען שפּרינגט און מען פרייט זיך;
אָט וואַרפט מען אַריין זיך אין שניי,
מען דרייט זיך אין קנוילן און דרייט זיך.

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל,
און ווידער און וואונדערלעך שטראַלט
די זעאונג פון ישעיה בן אָמוץ
אין מוח ביי אונז איבערגעוואַלד:
אָט זעען מיר הויך דעם באַרג ציון,
פון אַלע בערג העכער געשטעלט,
אָט ציען אַהין זיך די פעלקער,
אָט משפט משיח די וועלט;
אָט שמידט מען דעם שפּיז און דעם שווערד שוין
אין שניידמעסערס אויס — אויפן פלאַם,
און פול איז מיט וויסן די ערד שוין,
אַזוי ווי מיט וואַסער דער ים.

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל:
„והיה באחרית הימים."

און דרויסן — צעקערט מען די וועלט,
מען האָט זיך ביים פענצטער צעשטעלט,
מען רופט אונז, מען טאַנצט קאַראַהאָד,
מען רייסט פון די קרוקעס די לאָד;
אָט שטעלט מען דעם רבין אַ צונג,
און פּלוצלונג אַ קלונג נאָך אַ קלונג,
מיט שניי־קוילן האַקט מען די שויב.
דער רבי כאַפּט אָן פאַרן קאָפּ זיך,
אָט טוט ער פון אָרט זיך אַ הויב,
די חברה די ווייסע טראָגט אָפּ זיך.

און פייערליך שטעלט זיך דער רבי
און לויכט אַזוי פלאַמיק און שיין;
עס דוכט זיך, מיר זעען דאָס פּנים

פון ישעיה בן אָמוץ אַליין.
ער רעדט פון דער קליפּה דער בייזער,
וואָס לויערט דעם אידן אין וועג,
ער רעדט פון דער גבורה פון צדיק,
ער רעדט פון דעם „סוף פון די טעג".
אַ איד מוז זיך שטאַרקן און וואכן,
ביז פאָרט דער נצחון געלינגט!
צען קליינינקע אידעלעך מאַכן
אַ כּוח אויף זיך און מען קלינגט —

מיר חזרן דאָס גרויסע קאַפּיטל:
„והיה באחרית הימים."

און דרויסן — די זינדיקע מאַכט
פאַרשווינדט אין דער בלאָקייט פון נאַכט,
און ווייטער אַלץ הילכט איר געזאַנג,
און עפּעס אונז ווערט אַזוי באַנג;
מיר טראַכטן פון „סוף פון די טעג",
דאָך ווילט זיך פון חדר אַוועק
און כאַפּן מיט חברה אַ לאָף;
צען אידעלעך זיצן פאַרקלעמטע,
און פרואוון אַלץ טראַכטן פון „סוף"
און בלייבן ביים ספר פאַרפרעמדטע.

ניו יאָרק, 1910.

# אגרת בת מחלת

לא יצא יחידי בלילה — לא בלילי רביעיות
ולא בלילי שבתות, מפני שאגרת בת מחלת, היא
ושמונה עשרה רבוא של מלאכי חבלה, יוצאים,
וכל אחד ואחד יש לו רשות לחבל בפני עצמו.
(פסחים, קיב׳)

איך זע זיך אַ אינגל און לויף,
אַליין אין אַ שניי־וועלט פון שרעק,
און הויך, פון איר שטראַליקן רייף,
באַוואַכט די לבנה מיין וועג.

איך לויף, און עס לויפט מיט מיר בלאַס
דער פחד אין פראָסט־בלאָען רוים;
מיין שרעק־טראָט פאַרסקריפעט די גאַס
און וועקט אַ פאַרפראָרענעם טרוים.

איך לויף עס פון קלויז, און מיר דאַכט,
עס יאָגט אַ געלאַף נאָך מיר שטום;
איך וויים, עס איז שבת צו נאַכט,
און אָגרת בת מחלת רייט אום.

די פינצטערע פירשטין פון שלעכטס,
זי טראָגט זיך אַ לופט־בילד אַ גרינגס,
ניין רבוא מזיקים פון רעכטס,
ניין רבוא מזיקים פון לינקס.

זי טראָגט זיך, די טאָכטער פון העל,
מיט שוואַרצע מחבלים פאָרויס,
און טרעפט נאָר איין איינציקע זעל —
אַ אינגל ניט ווייט פון זיין הויז.

איך לויף, און די לבנה לויפט מיט
און זילבערט דעם וועג פאַר מיר אָן,
און בראוו קלאַפּ איך אָפּ מיינע טריט:
אין שיין קען אַ שד גאָר נישט טאָן!

אָט לויף איך אַ קלויסטער פאַרביי;
איך קוק ניט, דאָך זע איך באַשטימט
אין שאָטן אַזאַ שטופּעריי,
מען קרימט מיך אַלץ איבער און קרימט.

איך לויף דורך דער פראָסט־בלאָער נאַכט
און פיל, ווי מען היט מיר די טריט;
די שוואַרצע, די אומריינע מאַכט,
זי לויפט אויף דער שאָטן־זייט מיט.

און באַלד ווערט די גאַס אַזוי ענג,
פאַרצויגן מיט שאָטנס געדיכט;
עס בלייכט נאָר פאָרויס אין דער לענג
אַ ציטערדיק־דינער פאַס ליכט.

אָט־אָט און דאָס שטראַלכל פאַרשווינדט,
און פינצטערניש הערשט אומעטום;
איך שטיי, אַ פאַרלאָזן ווייסט קינד,
מיט מחנות ניט־גוטע אַרום.

אָ, שטילע באַלויכטערין מיין!
איך רוף אין מיין עלענד און בעט:
באַווייז זיך, באַשיין מיט דיין שיין,
עס איז אַזוי שרעקלעך און שפּעט.

גאָטס־וואָרט איז אין מיר אַזוי שטום,
גאָטס־הויז איז פון מיר אַזוי ווייט,
און שבת צו נאַכט איז אַרום,
און לצים פון יעטווידער זייט.

איך בעט פון דער טיף פון מיין שרעק:
באַוואַך מיט דיין רעטענדן שיין!
איך שטיי שוין ביים סוף פון מיין וועג,
אָ, שטילע באַלויכטערין מיין!

ניו יאָרק, 1922

## שיר השירים

(צום אָנדענק פון מיין באַליבטן רבי ר' שואל קאַרעליטשער)

עס טוט מיט די פליגלען דער פרילינג אַ ווייה
אַדורך מיין פאַרלאָפענעם לעבן:
און ווידער שוין אָטעמט צעגאַנגענער שניי,
און לינד, ערב פסחדיק פילט זיך אַזוי
אין חדר ביים טיש פאַרן רבין.

עס שמעקט פרישע מצה אין ווינקל פון קויש,
מיט טישטיכער ווייסע באַצויגן.

און פרילינגדיק רייסט זיך אין פענצטער אַ רויש,
מיט טויזנטער לויכטנדע אויגן,
פון בלאָקייטן ווייטע געצויגן.

עס הענגען אין לופט, ווי אַ גאָלדן־געוועב,
די טעג פאַרן יום טוב דעם גרויסן.
און לינד איז דער לימוד; מען דרייט ניט די קעפ
שוין מער וועגן „טעפּער, וואָס לאָזט אין גאַס טעפ".
און „אָקסן, וואָס טוען זיך שטויסן".

מע זינגט שיר השירים, און האַלבע־טעג נאָר,
צעשפּרייט אַ הגדה פאַר יעדערן.
און הימל־הויך טוקט זיך די זון אַזוי קלאָר,
און זינגט מיט אונז מיט אַזוי שפּאַסיק אין כאָר
פון וואָלקנדלעך לייכטע, ווי פעדערן.

עס בלאַנקט אַזוי זויבער אין אַלע פיר ווינקלען,
געענדיקט אין שטוב איז דאָס כשרן.
און דרויסן אַרום טוען פייערליך פינקלען
אַרויף צו דער זון צו דער שפּאַסעריין
פון טויזנטער ריטשקעלעך וואַסערן.

און פייערליך זינגען מיר אַלץ פון די צוויי,
פון גלוסטונג פון ביידע פאַרליבטע,
וואָס בעסער פון וויין איז די ליבשאַפט פאַר זיי,
וואָס לויפן אויף בשמים־בערג שמאַכטיק פאַר ווי
און זוכן זיך אַלץ, די באַטריבטע.

איך זינג און איך ווייס, אַז עס איז ניט פאַראַן
פון וואָס דאָ צו ווערן נתפעל:
דאָס ווערט נאָר אין משל פון פרוי און פון מאַן

באַזונגען דער הייליקער הימל־ראָמאַן
פון גאָט מיט דער כנסת ישראל.

דאָך טו איך אין שטים פון דעם רבין דערפילן
אַ צער אַזאַ צערטלעכן ציטערן:
דער ליבהאָבער וואַנדערט מיט שאָף צווישן ליליען,
און זי איז פון גערטנער אַ היטערין
און ווייס ניט, וואו טוט ער עם פיטערן.

צעזינגט זיך דער רבי פאַרבענקט מיט זיי מיט,
מיט ביידע פאַרליבטע אינאיינעם,
און פרילינגדיק זינגט אויך ביי מיר אין געמיט,
איך פלאַם מיטן פלאַם פון דעם רבין, וואָס גליט
ביי אים אויפן פנים דעם שיינעם.

„אַ, צי מיך נאָך זיך, און איך לויף נאָך דיר באַלד!"
און רייצנדיק נעמט זיך באַוועגן
אין פריידיקע סודות פאַרהוילן אַ וואַלד,
וואָס רוישט פאַר מיין לעבן אַנטקעגן,
און טוט מיר דאָס בלוט אַזוי רעגן.

און סודותפול רוישט מיר די פרייד פון באַפרייאונג,
מיט שטראָמען צעשמאָלצענע כוואַליענדיק —
די פרייד פון באַפרייאונג, די פרייד פון באַנייאונג,
מיט שיינען מיט טויזנטער שטראַלנדיק,
מיט קולות מיט טויזנטער שאַלנדיק.

ניו יאָרק, 1933



# שבועות

איך האָב אין סיון ברייט די פענצטער אויפגעמאַכט,
אין ווייסער, אויפגעוועקטער, אויפגערעגטער נאַכט!

און ווייסעם, ווייטעס־וואָס ווייהט יום־טובדיק אַריין,
צעגליט זיך ליב און שטיל מיט לאַנג־פאַרגליטן שיין.

אַ ווייס־פאַרווייהטע וועלט האָט ווידער אויפגעבליט;
זי ציטערט, ווי אַן אָפּשטראל, צאַרט אין מיין געמיט.

אָט שמעקט מיר וואַרעם־ברוין פון גלח'ס סאָד דער מאַי,
אָט טרעלט אַ פויגל־ליד אין שול־פענצטער דערביי.

עס טוט דער דופטנדער און טרעלנדער פאַרטאָג
מיט שבועות־שטימונגען, ווי בליטן, ווייס אַ טראָג —

מיט וואַכעניש פאַרחלומט ביי דעם תיקון פרום,
מיט הימלען אויפגעשפּאָלטן אין געהיימניש שטום.

און מיט אקדמות־נגון און מגילת רות,
און מיט דער מאַמעס קאַווע און דער מאַמעס קוש.

איך זיץ אַ שלאָפלאָזער, באַרוישט, אַנטציקט און שטום,
און שוועב אין זעאונגען אין וואונדערלעכע אום.

איך זע די ווייסע נאַכט אין ווייסן מדבר־טאָל,
עס ציען זיך געצעלטן ווייסע אָן אַ צאָל.

און איבער זיי דערהויבט זיך דער באַרג סיני שטיל —
אַ גרינער, ווי די גרין־גראָז, וואָס באַדעקט דעם דיל.

איך זע געהייליקטע, די ששים רבוא שטאַרק,
זיי שטומען אין דערוואַרטונג פאַרן גרינעם באַרג.

אַט קומט אין וואָלקן שוואַרץ דער מאָרגן פון דער הויך,
אַט צינדט זיך אָן דער באַרג און ציטערט אין דעם רויך.

איך הער דעם דונער־קראַך, איך זע דעם באַרג אין בליץ,
מען בלאָזט אין גרויסן שופר אויפן העכסטן שפּיץ.

און פאָרכטיק דורכן פלאַם לאָזט הערן גאָט זיין שטים,
דאָך פיל איך טיפן גליק, איך שרעק זיך ניט פאַר אים.

איך וויים, עס קומט דער טאָג אין יום־טובדיקער פרייד,
באַלד הילט זיך גאָט אין ליכט, אַזוי ווי אין אַ קלייד.

ווי זינגט אין מיר און טרעלט, ווי לויכט אין מיר און העלט!
ווי ליב איך גאָט דעם גוטן און זיין גוטע וועלט!

דעם גרעסטן פון די מענטשן זע איך קומען באַלד,
ער גייט אַרויס פון וואָלקן און זיין פּנים שטראַלט.

ער קומט פון פינצטערניש, די לוחות אויף די הענט,
און אויפן וואונדער־פּנים שיינט אַ זון און בלענדט.

איך זע זיין פּנים־זון אין חלום אויפן וואָר,
זי שיינט אין הימל־הויך פערטהאַלבן טויזנט יאָר.

אַט גייט זי אויף אין יום־טוב, בלענדיק אין איר גלות,
אַט גייט זי אויף אין האַרצן, מילד אַזוי און גוט.

זי שיינט אין מאַמעס שמייכל און אין טאַטנס בליק,
און אויפן טיש אין מאָלצייט, פול גינאָד און גליק.

דו שרעקסט מיך ניט, אָ, פּנים־זון, אָ, קנעכט פון גאט!
איך ליב דיך, ליב דיך, משה, דיך און דיין געבאָט.

איך ליב דיין תורה, משה, ליכט און רייניקייט,
דעם טאַטן און די מאַמען, אַלע גוטע לייט.

איך ליב דיין יום־טוב, משה, וואו דיין פּנים העלט —
די ווייסע נאַכט, די רויטע זון, די גאַנצע וועלט.

ניו יאָרק, 1924.

# פון דער באָבעס מעשות

(צום אָנדענק פון מיין באָבען פייגל בהרב)

## 1

## קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן־טיר

מיין אַלטער באָבע, וואָס געדענקט נאָך דעם פּראַנצויז,
קוקט טרוימעריש צום הימל אָונטצייט פון הויז;
פון אונטער ברעם איר שווערן קוקט זי ווייט אַוועק,
בעת איך טו טאָרקען זי און צושטיין, ווי אַ קלעק: —

„דערציייל מיר, באָבע, עפּעס־וואָס פון די פּראַנצויזן —
מיט אָט די לאַנגע שווערדן און די קורצע הויזן,
וואָס זיינען פון דער ווייט, ווי שררות, אָנגעקומען,
געצאָלט פאַר אַלץ מיט רענדלעך גאָלדענע מזומן".

די באָבע ווייס פון די פּראַנצויזן מעשות פיל,
נאָר דוקא ווילט זיך איצט איר זינגען אין דער שטיל;
טאָ זינגט זי אין די שאָטנס, אַ פאַרטרוימטע, מיר
דאָס ליד, וואָס נאָך איר באָבע האָט געזונגען איר: —

„קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן־טיר:
מיין זיס־לעבן עפן מיר!
— שוין צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט:
ס'איז טיר־און־טויער צוגעמאַכט!"

דאָך ווײַל איך הערן מעשה׳לעך און ניט געזאַנג,
איך קען דאָך אויך איר ליד אויף אויסווייניק שוין לאַנג;
טאָ פּרוואוו איך שטיפּעריש די באָבען אַנציען,
בעת קעגן אונז דער הימל טוט זיך אָנגליען: —

„דערציייל מיר, באָבע, ווי מען טוט דיר צווייען ריידן —
דעם בן הגביר און אויך דעם בן הרב, דעם זיידן;
טאָ וואַרפט מען גורל צווישן די חתנים ביידע,
געווינט מיט מזל דיך דער עילוי גראָד — דער זיידע".

די באָבע רויטלט זיך אַנטקעגן זון־פֿאַרגאַנג
און לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווי אַ כלה, באַנג;
זי האָט זיך שעמעוודיק אָן וויטעס־וואָס דערמאָנט,
און זינגט נאָך האַרציקער, ביים פּלאַם פֿון האָריזאָנט:

„סאַ־אַ ווינט עס ווייהט, סאַ־אַ רעגן גייט:
איך וועל איינגעצן מיין זיידן־קלייד!
— בעט אוים דיין קלייד אויפֿן גרינעם גראָז
און ווער אַנשלאָפֿן, ווי אַ יונגער האָז!"

די באָבע זינגט און טופּעט צו און צינדט זיך אָן;
אָט האָט דורך אירע אַכציק יאָר אַ ליכט געטאָן
איר שיינקייט די אַמאָליקע, אַ שפּור פֿון חן,
וואָס טוט אַנטציקן, אָנצינדן אויך מיך אַליין: —

„דערציייל מיר, באָבע, ווי דו פֿאָרסט, אַן עלעגאַנטע,
אַריין אין מינסק אויף טראָיקעס נאָשפּיץ־איינגעשפּאַנטע —
און אויף דיין חתונה, ווי הויכע מחותנים,
געלויכטן האָבן פֿון דעם אַטלעס צוועלף רבנים".

די באָבע זינגט דאָך וויטער טרױמעריש־פאַרבענקט,
בעת אַלץ האָט לאַנג דער מבול פון דער צייט פאַרשװענקט;
און איבער דער פאַרפלייצונג טראָגט זיך הײם איר קול —
ביים לעצטן אָונט־גלי, די גלוטן פון אַמאָל: —

„ווער וועט מיך צודעקן?
ווער וועט מיך אויפוועקן?
— די בלאַט פון בוים וועט דיך צודעקן!
דער שטראַל פון זון וועט דיך אויפוועקן!"

ניו יאָרק, 1938.

2

## די מעשה מיטן גזלן בויטרע

שווימט ווייס אַריין דער אָונט, און מיין באָבעס פּנים
ווערט פול מיט פּחד, ווי זי נעמט דערציילן
פון וועלדער פינצטערע און פינצטערע גזלנים,
פון אַטאַמאַנען, אָנפאַלן און גרוילן,
פון אויגן בלוט־פאַרלאָפענע און בלאַנקענדיקע העק —
דאָך וואַלד האָט דורכלויכטן, און צו רציחה נעמט אַן עק!

דערציילט זי מיר פון בויטרען, ווי ער פלעגט צערייסן
אויף צווייען קינדער פאַר אַ מאַמעס אויגן,
און ווי מען כאַפּט אים און מען טוט אים טויט פאַרשמייסן;
דאָך אויף דער טאַטשקע, גוסס־אויסגעצויגן,
פאַרלאַנגט ער כאַרכלענדיק אַן אַרבע כנפות אויפן וואונק —
ווייל אין דער פינצטערסטער נשמה טליעט דאָך אַ פונק!

אין וואַלד אַ דורכלויכט! זע איך אים פּאָר זיך מיט ציטער:
געפירט קאַסטראָי אין טאַטשקע, אַ געשמידטן —
ווי הונדערטער סאָלדאַטן האָבן מיט די ריטער,
מיט יעדן כוואַשץ, זיין רוקן דורכגעשניטן;
פון טויזנט וואונדן בלוטיקט ער אין ברענענדן געדריי —
דאָך טראַכט ער פון אַן אַרבע כנפות אין זיין ווילדסטן וויי!

אָט זע איך אים, אַ טויטן שוין, אין טאַטשקע ליגן —
אַן אויפגעלאָפּענעם, אַ בלוט-צעווייקטן;
דער שוואַרצער סוף פון וואַלד-גזלן פון מוראַדיקן,
אין אַרבע כנפות אין אַרויפגעלייגטן!
טאָ פרעג איך אויס די באָבען מיט אַ ציטערדיקער שטים:
צי וועט אין הימל דאָרט דער אַרבע כנפות בײַשטיין אים?

און איך און אויך די באָבע — בײדע קוקן איין זיך
איז אָוונט-הימל, וואו וואָס-ווייטעם גלוטיקט,
ווי אַ נשמה וואָלט געטראָגן דאָרט אין שײַן זיך —
אין אַרבע כנפות, רויט אַזוי, פאַרבלוטיקט;
און סומנע ווערט מיר, און עס שלאָגט מיר הײס אַרויס אַ שווייס
פון באָבעס ענטפער, ווי זי מורמלט מיר: ווער ווייס? ווער ווייס?

אָט גליען הויך אין אימה פייערן געהיימע —
מיר קוקן, און די באָבע האַלט אין ברומען:
„וואָס ווייסן מיר פון פייערדיקן מלאך דומה,
כאָטש בויטרע איז געגנוג שוין אָפּגעקומען!"
און אָט פאַרלעשט זיך אַלץ, דאָס לעצטע פלעמל נעמט פאַרגיין;
מיר בלייבן אין געהיימניש זיצן — מיט דער נאַכט אַליין.

ניו יאָרק, 1938.



## 3

# דער הויכער ר׳ ר׳ לייב *)

זיי גליען נאָך פאַר מיר די פורפורנע פאַרנאַכטן,
די זומער־פרייע מעריב׳דיקע שעה,
די אינגלש־ווילדע צווישן־גאַסן שלאַכטן,
דער ווייטער, ווייטער, ווייטער לאַנג־ניטאָ.
איך לויף אַריין אין הויז, אַ מידער, אַ פאַרשטיפטער,
אין ווייסער איר־נאַכט זינגט די באָבע וואו;
באַלד זיך איך נעבן איר אין ווייסקייט אַ פאַרטיפטער,
זי ווישט מיין שווייס און זינגט און טופּעט צו.

זי נעמט מיר וואונדער פון אַן אור־זיידן דערציילן,
און קוקט פאַר זיך דורך אירע אַכציק יאָר.
זי זעט אין ווייטער קראָקע אים, דעם שיין פון פוילן,
דעם הייליקסטן און גרעסטן פון זיין דור.
און סומנע־ליכטיק פלאָטערט דורכן הויז די מעשה,
ווי ערגעץ וואָלט געברענט אַ יאָר־צייט ליכט,
און טרוימעריש דערזע איך, ווי פון שאָטנס ווייסע
טיילט שטיל זיך אָפּ אַ שיינענדיק געזיכט.

אָט שטייט ביים שוועל אין פולער גרויס דער עלטער־זיידע,
דער פּאַרכטיקער, דער הויכער ר׳־ר׳ לייב;
און איך און אויך די באָבע, דוכט מיר, זעען ביידע,
עס טוט פאַר אים זיך דער אושאַק אַ הויב,
עס טוען זיך אַ הויב אין מויער אַלע שטאָקן,

*) אַן אוידעם פון מרש״ל. מיטן צווייענדיקן ר׳־ר׳ (רעב־רעב) פלעגט פאַרצייטן דאָס פאָלק טיטולירן אַ זייער באַליבטן און זייער גרויסן גאון.

ער זאָל דעם לייבן־קאָפּ אַ בויג ניט טאָן,
און אומעטום די שכנים סודען זיך צעשראָקן:
דאָס קומט דער הויכער ר׳־ר׳ לייב שוין אָן.

עס בלייכט אין הימל הויך־וואו אַ לבנה־האָרן;
טוט ווער זיך וואָלקן־גרויס אַהין אַ הויב,
און באַלד פון האָרן איז אַ שופר שוין געוואָרן —
דעם שופר האַלט דער הויכער ר׳־ר׳ לייב.
ווי גליאיק־שיין פאַרוואַרפט ער איבער קאָפּ דעם טלית!
באַלד שפּאַלטן הימלען זיך פון גרויסן בלאָז;
יאָגט בייז זיך דורך אַ ווינטל און פאַרווייהט ווערט אַלעס,
איך פאַל אַ מידער שלאָפן אויפן גראָז.

די באָבע לאָזט אָן קריאת שמע ניט אַנשלאָפן ווערן,
און קוים דערטשוכעט, שטאַמל איך און פרעג:
טאָ וואָס זשע לאָזט דער גרויסער שופר זיך ניט הערן?
און וואָס זשע זאַמט משיח זיך אין וועג?
און וואָס זשע שווייגט דער עלטער־זיידע אין די הויכן?
און פרעגנדיק פאַרקלעפּן זיך שוין צאַרט
די קינדער־אויגלעך אין אַ שטילן שלאָף, אַ ווייכן —
איך האָב זיך אויפן ענטפער ניט דערוואַרט.

ניו יאָרק, 1923.

## 4

# די מעשה מיט די קאזאקן און די אינגלעך

איז דער הימל, ווי אַ פייער־טרעפּ, געלעגן,
אויף די אָוונט־וועגן, וואָלקנדיק אַנטקעגן.

קלינגט אויף חגא אונטן ווילד דער געלער קלויסטער;
און אין שטוב, אין שאָטנס איינגעטוליעטע,
הער איך מיט דער באָבען צו, ווי אַלץ צעבייזטער
ווילדעווען די קלאַנגען די צעהוליעטע;
און צעציטערט איז די באָבע אויפגעשפּרונגען,
ווי אַ מעשה נורא קומט איר אויפן זין:
האָט מען דאָך אַזוי רציחה'דיק געקלונגען
אויך פאַרצייטן אין דער גזירה פון לובלין.

אין דער שטאָט פון גרויסן ליכט, פון דעם מרש"ל,
בעת דעם פינצטערן קאַזאַקן־איבערפאַל.

און די הייסע לופט איז געל פון קלויסטער־קלאַנגען,
און די מעשה בלוטיקט אום אַ גלוטיקע;
זיינען רויט פאַר מיר אין וואָלקן אויפגעגאַנגען
די קאַזאַצקע אָנפאַלער, די בלוטיקע —
מיט די ווילדע וואָנצעס, מיט די סטראַשנע טשובעס,
אין די רויטע קאַפּטעלס, אויף די פלאַמען־פערד,
און די גלעקער רעווען, און די טרובעס טרובען,
און לובלין קומט אום פון פייער און פון שווערד.

ברענט מיט מארד דער הימל, רויט אַזוי ווי צונטער,
ווי מען צינדט עס דאָרט אַ שול מיט אידן אונטער.

האַקט פון קלויסטער מיט אַ פּראַסט מיר דורכן רוקן,
און די באַבע צאַפּלט זיך דערציילנדיק,
ווי איך טו צום בראַנד פון שול אין הימל קוקן,
און איך זע אַ קנויל פון קינדער קנוילנדיק,
וואָס מען יאָגט צום שמד מיט שווערדן אַלץ צעברויזטער;
ווערט דער גאַנצער מאַרק מיט חדר־אינגלעך פול —
צווישן מערדערלעכן, קלינגנדיקן קלויסטער
און דער אָנגעפּאַקטער, ברענענדיקער שול.

האַקט דער קלויסטער מיט נצחון פון דער הויך,
בעת די שול גייט־אויף אין פלאַמען און אין רויך.

נעמען זיך די אינגלעך פּאָר די הענט צוזאַמען,
בעת דער טויט טוט טויזנט־שווערדיק הויערן;
רייסן זיי זיך דורך די שווערדן צו די פלאַמען,
און דער „שמע ישראל" שפּאַלט די אויערן,
און זיי וואַרפן זיך אין קנאַקענדיקן פלאַקער,
און די באַבע לאָזט אַרונטער שטום דעם קאָפּ,
און איך מורמל: נצח ישראל לא ישקר,
און איך ווייש די טרער די ברענענדיקע אָפּ.

ניו יאָרק, 1938.

## 5

# אין די נעכט פון ניסן

איך הער זיי, די עכאָם פון גרוילן,
דער אומגליק פון דורות דערוואַכט;
אַן אור־באָבע זיצט וואו פאַרהוילן
אין ווייסקייט פון ניסן ביינאַכט.

זי זיצט אין דער שעה אין דער שפּעטער
ביים ליכטל און תהלים, אַליין,
געבויגן אַריבער די בלעטער,
אין גלוט פון אַ שטומען געוויין.

---

אָט פליט וואו אַ נאַכט־פויגל איבער,
די אור־באָבע טוט אַ שפּרונג אויף;
עס בלאַנדזשען די בליקן פון פיבער
צום פּאַלאַץ פון בישאָף אַרויף.

וואָס טוט ער, דער רשע, דאָרט גרייטן
אין לייבן־גרוב, אונטן, פאַר אים?
— דעם ערגסטן, דעם ווילדסטן פון טויטן! —
רופט אוים אַ פאַרהוילענע שטים.

אָט הערט זי אַ נאַכט־קרעכץ אַ שווערן,
און באַלד אויפגעשווידערטערהייט,
פאַרוואָרפט זי די הענט אויפן שטערן,
אַזוי ווי צום ליכט־בענטשן גרייט.

— לאָז שטאַרבן אויך מיך פאַר דיין נאָמען,
אָ, גאָט מיין, צוזאַמען מיט אים! —
עס טוט איר אַן ענטפער וואו „אמן"
אַ סומנע, פאַרהוילענע שטים.

צעפלאַטערט זיך באַלד אַזוי שטראָמיק
אַ שיין אויף איר געלן געזיכט,
ווי פלאַטערן וואָלט דאָ נשמה׳ק
ביים קאָפּ פון אַ טויטן אַ ליכט.

זי פלאַטערט און שיינט, וואָס איר חלק
וועט זיין מיט איר צדיק אין צער —
צו ליידן די לייד אַזוי גרויליק,
צו שטאַרבן דעם טויט אַזוי הייליק,
אינאיינעם, אין ביטערן גזר.

---

און טיף אין די גלחעשע היילן,
פאַרהאַקט אין די שטיין־טויבע ווענט,
דער אור־זיידע ליגט אין די גרוילן,
אויף הינטן פאַרבראָכן די הענט.

ער ליגט אונטער פייער פון תליון
און בראט זיך, ווי קויל, אַזוי שוואַרץ;
עס טראָגט זיך אַ טשאַדיען, אַ סמאַליען,
מען ברענט מיט אַ ליכט אים דאָס האַרץ.

דאָך שווייגט ער אין פריידן אין שטילע
און מערקט ניט די לייד, וואָס ער פילט;
ער מערקט ניט דעם בישאָף אַפילו,
וואָס פאָכט מיטן צלם און שילט.

אַזוי דורך דער נאַכט איז געלעגן
דער אור־זיידע שטום אין די לייד,
געטאָן נאָר די ליפּן באַוועגן,
געפריים זיך פון גאטס־נאָמען־וועגן,
געשיינט מיט דער הימלישער פרייד.

און לאַנג איז דער בישאָף געשטאַנען,
געקוקט ווי מען ברענט און מען בראָט —
שעה־אויס און שעה־איין, און ביז וואַנען
אַ כאָרכל געטאָן האָט „אחד".

עס ווערט מיט דער בשורה אָן לשון
די לופט די פּאַרטאָגיקע פול,
אַ ווינט האָט דאָס ליכטל פאַרלאָשן,
און זעליק, אין טויטלעכן מלאָשן,
די אור־באָבע פאַלט אין איר שטול.

---

און קוק איך אין תהלים אין אַלטן
אַמאָל אין די גרויל־נעכט אַריין,
טוט שטיל, אין די גלותן באַהאַלטן,
איר ציטער איר לעצטער אַ שיין.

איך זיץ אין דער שעה אין דער שפּעטער
ביים אַלטן נשמה'קן בוך;
איך מיש זיי, די גלותיקע בלעטער,
און זוך אים, דעם ציטער, און זוך.

בעלמאר, 1924.

# פרשה בהעלותך

(שמואל קטן־לואיס — אַ מתנה)

שבת בהעלותך. שלאָפט מען נאָכן טשאָלנט שווער,
ווען די זון פון תמוז גייט אַרויס פון פוטערפאַס.
ליגט די גאַנצע שטאָט, ווי אויסגעשרפהט, וויסט און לער,
זיינען מיר, קונדסים, בעלי־בתים פון דער גאַס.
גייען מיר אַזוי און קוקן אויס די אויגן
אויפן שטאָט־משוגענעם, וואָס זוכט אַ שאָטן קיל,
אויף אַ אידיש גימנאַזיסטל, אָנצופּאַטשן שטיל,
אויף אַ גויאיש פּורל, וואָס איז דורכגעפלויגן
דורך די שבת־גאַסן, ווי אַ פייל פון בויגן,
און דער האָגל פון די שטיינער האָט פאַרפעלט דעם ציל.

כאַפּ איך זיך אַריין אין הויז אַ ביסל טאָן וואָס אויף גיך,
און די חברה מיינע בלייבט אין טויער וואַרטן.
טרעף איך שוין דער מאַמען מיטן טייטש־חומש פאַר זיך,
ווי זי טייטלט מיטן פינגער מיטן צאַרטן,
און באַנומען פון אַ טרויער פון אַ זיסן,
זינגט זי אויס דעם תענוג, וואָס זי טוט געניסן.

ווישט זי מיר אַרום דעם איינגעשוויצטן שטערן,
גיט מיר די געקאָכטע פלוימען און די חלה,

און זי לאָזט ניט אָפּ מיך, און זי צווינגט מיך הערן
די טשיקאַווע און די פֿיינע מעשׂות אַלע.

זעצט זי זיך אַוועק ביי האַלב־פֿאַרמאַכטע לאָדן;
פֿינטלען זיילן שטראַל־שטויב אין אַ שפּיל אַ שיינעם,
פֿינטלען דאָרט די מעשׂות און די שבת־גנאָדן,
און די מאַמע מיטן טייטש־חומש אינאיינעם —
גאָלדיק־דורכזיכטיק, אין פֿלאַטערניש אין גרינגער,
לויכטן זיי פֿון מדבר ביז צו אונז אין דירה,
טייטלט מיר פֿון דאָרט די מאַמע מיט די פֿינגער,
רופֿט מיך מיט די ליבע קלינגענישן אירע:

„הער, מיין זון מיין טייערער, די מעשׂה פֿון די ליכט,
וואָס אַמאָל פֿלעגט אהרן אין דעם משכּן צינדן!"

און די מעשׂה פֿלעכט זיך מיט משלים אומגעריכט,
און מיט שיינע דרשות טוט זי זיך פֿאַרבינדן —
דרשות פֿון חזקוני און פֿון פּרי מגדים,*)
און פֿון צרור המור און אַלטן רב' בחיי,
דרשות גאָלד־געוועבטע אין אַ וואונדער־פּאָדים,
אַז עס איז צו זען און הערן אַ מחיה.

שטייגט באַגייסטערטער איר זינגענדיקער ברען,
ווען זי טוט אין מיר איר צוהערער דערזען.

---

*) זיכער בין איך ניט, צי אָט דער פּוסק איז אויך געווען אַ דרשן און צי זיינען זיינע דרשות טאַקי אַריינגעפֿלאָכטן אין טייטש־חומש. אפשר דוכט זיך מיר אַזוי, ווייל דער נאָמען איז אַזאַ זיסער — אַן עכטער טייטש־חומש נאָמען.

ווי זי זינגט און לייענט, וואָס עס שטייט געשריבן,
אַז צו ליכט געגליכן זיינען מענטשן־זעלן:
ווי איין ליכט צינדט אָן פיל ליכט, און דאָך געבליבן
ניט געמינערט איז דער פלאַם און טוט ניט פעלן,
טוט איין מענטש' נשמה פיל נשמות צינדן,
און עס קען דער פלאַם דער הייליקער ניט שווינדן.

און פון גרויס עקסטאַז, פון פרומען און דערהויבטן,
נעמט אַליין איר פנים, ווי אַ ליכטל, לויכטן.

דאָך מיין חברה הויבט שוין אָן אין טויער פייפן,
גיט מיר די סיגנאַלן, אַז עס דויערט צופיל צייט.
נעמט די מאַמע באַלד שוין די געפּאַר באַגרייפן,
פירט זי דורכן טייטש־חומש אַנטשלאָסענער דעם שטרייט,
טייטלט מיטן פינגער אויפן בלאַט אַליך פעסטער,
און צעקלינגט זיך אין התפעלות אין דער גרעסטער:

„הער, מיין טייערער, די מעשה פון דעם וואָלקן,
ווי ער האָט אַמאָל אין מדבר אונזער פאָלק באַגלייט!"

זע איך זיי מיט פאָנען, פאָלקן אַליך נאָך פאָלקן,
און אַ זייל פון וואָלקן טראָגט זיך איבער זיי צעשפּרייט,
און דער גרעסטער פון די וואָלקנס טראָגט זיך ווייט פאָרויס,
טרעפט ער אָן אַ באַרג, דער וואָלקן, גלייכט ער אים באַלד אויס,
טרעפט ער אָן אַ טאָל, דער וואָלקן, נעמט ער און פאַרשיט,
און ישראל גייט זיין וועג באַשירעמט און באַהיט.

וואָלט מען נאָר פון הימל אונז אַזוי באַוואָרן

אין די שקצים־שלאַכטן דאָ אין די קאַשאַרן! *)

און די מעשה ברויזט מיט דרשות און מיט וואונדער,
וועגן יעדן וואונדער דרשות אַליך באַזונדער,
דרשות פון חזקוני און פון פרי מגדים,
און פון צרור המור און אַלטן רב׳ בחיי,
דרשות גאָלד־געוועבטע אין אַ וואונדער פּאַדים,
אַז עס איז צו זען און הערן אַ מחיה.

ווערט מיין חברה אומגעדולדיקער אין טויער,
און עס רייסן זיך די פייפן בייז און אָן אַ צאָל;
גייט אין מיר דער קאַמף אָן שאַרפער אַליך און רויער,
און צעשראָקן זעט די מאַמע, אַז איר צד האַלט שמאָל,
און פאַרצווייפלטער אַליך קלינגט זי, און אַליך ליבער
טייטלט זי דעם פינגער, און זי חזרט איבער:

„הער די מעשה נאָר פון מרים הנביאה,
ווי זי האָט איר גרויסן ברודער און זיין ווייב באַרעדט!"

דאָך מיין חברה טוט אַ בלאָז די גרויסע תקיעה,
און איך רייס זיך, און די מאַמע גלעט מיך אַליך און בעט,
לייענט פון חזקוני און פון פרי מגדים,
און פון צרור המור און אַלטן רב׳ בחיי;
ווייזן זיי זיך מיר אין זייד און אַטלעס־בגדים,
און זיי שטעלן אוים זיך אַלע אין אַ רייע —
מיט די הויכע שטערנס און די הויכע נעמען,
מיט די בערד און שטריימלעך און געדיכטע ברעמען.

אַלע קענען מיר, דעם וויסטן,

---

*) אַ קריסטלעכע געגנט אין מינסק.

אין אַ קאַמף אַזאַ אומזיסטן,
אַלע אידן גרויסע, היציקע,
מיט די אויגן, שטרענגע, שפּיציקע,
מיט די בליקן, ביסטרע, בליציקע.

און זיי פּרוּאוון אַלץ, צוזאַמען מיט דער מאַמען,
צו דער גאַס דער ווילדער מיר דעם וועג פאַרצאַמען.

האָט די מאַמע, קלינגענדיק, דעם טאַטן אויפגעוועקט,
און ער קומט אַרויס און זעט פאַר זיך די סצענע:
ווי איך שטיי עס, אַ גמרא־אינגל, אויפגערעגט
פון געשיכטעס ווייבערשע פון צאינה־וראינה.

האָב איך נאָר זיין קוק זיין שפּאַטישן דערזען,
בין איך שוין אויף יענער זייט פון שוועל געווען.

קאַמישאַ, נ. י., 1930.

# תשעה באב

(די מעשה פון חנה און אירע זיבן זין)

איז די וואונד נאָך פריש און ברענענדיק געווען,
ווי עס וואָלט דער חורבן נעכטן ערשט געשען.

לויף איך, אויפגעטרייסלט, פון געוויין פון קלויז,
נעמט מיך דורך דער אומעט טיפער נאָך אין הויז;
הענגט די שבעה־שטימונג אין דער לופט געדיכט,
ווי מען וואָלט אַ מת פון דאַנען אויסגעריכט.

ברענט אַ ליכט ביים צאינה וראינה אויפן שטול,
און אין אַלע ווינקלען זיינען שאָטנס פול;
זיצט די מאַמע אויף אַ קעסטעלע פאַרזאָגט,
לייענט וואָס עס האָט רב׳ יוחנן געזאָגט,
ווי דער גרויסער אומגליק האָט געטראָפן דאָרט,
און די שאָטנס שאָקלען־זיך אויף יעדן וואָרט.

ליג איך אויף דער סאָפקע, אויפגערעגט, צעהיצט,
אויגן ברייט־צעעפנט, אויערן אָנגעשפיצט.

הענגט די נאַכט אין פענצטער, ווי אַ שוואַרצע טוך,
וואָס פאַרהילט דעם אָפּהילך פון דעם גרויסן פלוך.
דאָך, מיר דוכט, עס טליען נאָך די מקדש־ווענט
דאָרט ביים הימל־זוים, וואָס וואַלקנט זיך און ברענט.

און די מאַמע לייענט, און די מאַמע וויינט,
און די מעשה פינצטערט גרויס אַזוי און שטוינט.

און די אַלטע צרות האָבן אויפגעלעבט,
און אין פלייש און בלוט פאַר מיר אַדורך געשוועבט,
ווי עס וואָלטן זיך יאָרטויזנטער צערוקט,
און איך האָב אין זיי מיט שרעק אַריינגעקוקט.

זע איך זיי אין שיף, פאַרשלעפּטע פון דעם בראַנד,
די פיר הונדערט מיידלעך, וואָס מען פירט צו שאַנד —
מיט דער וואונדער־שיינקייט, וואָס אַנטציקט, באַלויכט,
מיטן שטאָלצן אַדל, וואָס דערהויבט, דערהויכט,
ווי זיי וואַרפן זיך אין טיפן ים פאַר ווייַ,
און פיר הונדערט אינגלעך שפּרינגען באַלד נאָך זיי.

דאַן די מעשה־חנה — פון דער פרומער מאַמען,
ווי זי גייט צום טויט מיט זיבן זין צוזאַמען.

און איך זע זי, די צדקנית, ווי זי שטייט,
מיט די זין די זיבן, פאַרן תליון גרייט,
און אנטיוכוס שטייט אַ גרויזאַמער דערבייַ,
הייסט איר בוקן זיך צום געץ און ווערן פרייַ,
און די מוטער אין ישראל ענטפערט שטאָלץ,
אַז זי דינט ניט צו קיין גאָט פון שטיין און האָלץ.

און די מאַמע לייענט, און די מאַמע וויינט,
און די מעשה פינצטערט גרויס אַזוי און שטוינט.

לויכט מיר אויף אין פינצטערניש דער שטראַל דער העלסטער,
גייט צום טויט צום הייליקן דער זון דער עלטסטער,

און דער צווייטער, און דער דריטער, און דער פערטער —
אַלע ענטפערן דעם קעניג שטאָלצע ווערטער,
און דער תליון פירט זיי, איינעם נאָכן צווייטן,
צו די ווילדסטע מארטער, צו די בייזסטע טויטן,
און די גרויסע מוטער, וואונדער איבער וואונדער,
שטייט דערביי און מוטיקט יעדערן באַזונדער.

און מיין מאַמע שטאַרקט זיך, דאָך אין גרויסן צער
גיט איר קוואַל פון טרערן ברענענדיק אַ שפאַר.

שפּאַנט די מעשה ווייטער גרויס אַזוי און גרוויליק,
טרעטן־אויף דער פינפטער און דער זעקסטער הייליק,
גיבן זיי די ענטפערס שאַרפער אַלץ און האַרטער,
חוזקן פון קעניג און זיין מאַכט און מארטער,
טויט מען זיי משונה און מען טוט זיי לייגן,
זעקס צעהאַקטע ברידער, פאַר דער מוטערס אויגן.

און דער גורל קומט צום זיבעטן, צום קלענסטן,
צום באַליבטסטן און געראָטנסטן און שענסטן,
אָבער וואָס עס טוט זיך — קען איך שוין ניט הערן,
ווייל עס ווערט דערשטיקט מיין מאַמעס קול אין טרערן,
שטאַרקט זי ווידער זיך און טוט דעם טאָן געפינען,
ווי דער טרערן־נעבל טוט פאַר איר צערינען.

און זי לייענט ווייטער מיט אַ שטים אַ הייסער,
אין באַגייסטערונג אין פרומער און אין גרויסער.

ווי אַזוי דער קלענסטער, מיטן גייסט דעם גרעסטן,
נעמט זיך מיטן קעניג שטאָלץ די כוחות מעסטן —
מיטן קינדעריש פנים און דאָס וואָרט געשליפן,

מיט דער פרייד פון קדושה און דעם ברען דעם טיפן,
שטייט ער דורכגעלויכטן פאַר דער גאַנצער עדה,
גליקלעך וואָס ער גייט פאַר גאָט צו דער עקדה.

פילט דער צורר זיך באַזיגט און נעמט אים בעטן,
זאָל ער, כדי דאָס יונגע לעבן זײַנס צו רעטן,
מאַכן נאָר דעם אָנשטעל, אַז ער איז צום קעניג
און צום קעניג׳ס גזרה כלומרשט אונטערטעניק.

זאָל ער אויפהויבן אַ רינג, בעת אַלע קוקן;
וועלן מיינען לייט, ער טוט צום געץ זיך בוקן.

און אין ליכטיקן עקסטאַז פון אַ מארטירער,
ענטפערט אָפּ דאָס קינד דעם פינצטערן רעגירער,
אַז ער וויל דאָך דוקא פאַר דער גאַנצער אומה
אויסדריקן זיין האַס צו אים און צו זיין טומאה.

וויל ער מיט זיין טויט דאָך, מיטן גרויליקן,
פאַר די אַלע לייט גאָטס־נאָמען הייליקן.

טוט די מוטער פלאַמיק צו איר קינד זיך וואַרפן,
האַלזט אים, קושט אים פאַרן ענטפער פאַרן שאַרפן;
ווייס זי אָבער וואָס ער דאַרף נאָך איבערטראָגן,
בעט זי זיך, אַז פריער זאָל מען זי דערשלאָגן.

האָט אַנטיוכוס איר דעם וואונטש ניט נאָכגעגעבן
און אין גרויסער רשעות שטראָפט ער זי מיט לעבן.

און זי זעט, ווי אויך איר לעצטער און איר ליבער
שטאַרבט פון האַנט פון תליון, ווי אַ שטאָלצער גבור,
הויבט זי אויף די הענט צום הימל עקזאַלטירט:

„זיבן האָב איך צו עקדות דיר געפירט!"
און זי לויפט אַרויף צום דאַך פון טורעם מונטער,
און זי שפרינגט צום טויט צום הייליקן אַרונטער.

און איך הער מיט גרויל, אַז ווי עס קומט צום שפרונג,
גיט מיין מאַמעס קול אַ מוראדיקן קלונג.

און זי לייענט ווייטער: גלות, אומגליק, שלעג,
און פון בלוט אַן אָפשיין צייכנט אָן דעם וועג,
טויט־שרעק פון די טעג, געוויינען פון די נעכט,
און אַ פרייד־געשריי פון שעכטער, ווי ער שעכט,
יאָמערט אַלץ דער הילף־רוף דורך אָן־סוף פון צייט,
שטראָמען טרערן אַלץ אין טרערן־אייביקייט.

און פון אַלע שרעק פאַרפאָלגט מיך מער דער קלונג,
ווי די מוטער חנה טוט צום טויט אַ שפרונג.

דרייט דער קלונג זיך גרוויליק אַלץ אין הויז אַרום,
וואו די אַלטע שאָטנס שמייען שוואַרץ און שטום —
אַ געשפּענסט, וואָס שוועבט יאָר־טויזנטער און גליט,
דורכן תוהו אַלץ, און האָט קיין תיקון ניט;
נאָר אין תשעה באב, אין זומער נאַכט אַמאָל,
לאָזט ער זיך אַנטפלעקן אין אַ מאַמעס קול,
הערט אַ אינגל פאָרכטיק צו דעם קול זיך צו,
און עס לויפט פון אים אויף לאַנג אַוועק די רו.

האָט ער דורכגעקלונגען ווען אין געמיט,
וועט מען ניט פאַרגעסן — קיינמאָל, קיינמאָל ניט.

קאמישא, נ. י., 1931.



# שמחת בית השואבה

(מײַן זעליקן פֿאָטער געווידמעט)

קולות, געוואַלדן, טויב צו ווערן,
אָבער איז עס אָן סכנות —
אידן לאָזן זיך דאָס הערן,
חס ושלום ניט קיין פּאָניעס!
פֿלעשלעך משקה שטייען גרייט,
דאָך די העלזער זײַנען טרוקן.
אידן ווערן שכור־טויט
נאָר פֿון שמעקן, נאָר פֿון קוקן.
און ווען שכור ווערן אידן,
טאָ, זייט מוחל, רוקט זיך אָפּ,
ווײַל דאָס דריידל גייט אַנטשיידן,
מיטן נגון, מיטן טראָפּ:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

צעגעטופּעט מיט די פֿיס,
צוגעטרייסלט מיט די פּאות,
גייט דער טאַנץ אויף באַנק און טיש,
פּאָ־קאזאַצקי לכל הדעות.
גאָטס־קאָזאַקן, אידן הייסע,
זיי פֿאַרגעסן אָן דעם גלות,
אָן די אומגליקן די גרויסע,
און פֿאַרקאַשערן די פּאָלעס.

די כשל ברך׳ס*), עלטער, אינגער,
שטעלן פּאַלקעס, און מען קנאַקט
מיט די פינגער, מיט די ציינגער,
און מען האַקפעט אויס צום טאַקט:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

די קונדסים, פלינק, געראָטן,
הענגען אָן זיך אָן די עקן
פון אַ טאַטנס טלית קטן,
אָן די נאָז־טיכער, וואָס שטעקן
פון דעם הינטער־טאַש אַרויס.
און זיי טראָגן זיך, די בראַווע, —
קריגט מען אָפּט אַ שטורך, אַ שטויס,
איז מען מקבל דאָס באהבה.
און מיט אויפגעפלאַמטע בעקלעך,
און מיט אויגלעך, פול מיט פייער,
און מיט קולכלעך, ווי די גלעקלעך,
שפרינגט מען, קלינגט מען פריי און פרייער:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

פריי און פרייער, ווילד און ווילדער
גייט דאָס דריידל, אַ טשיקאַוועס.
און עס בייטן זיך די בילדער,
אַנגעפליגלט פון התלהבות.
אָ, דאָס זיינען ניט די זעלבע
אַט די רוקנס, אַט די קרומע,

*) לייען: קשאַל־בערעכס.

אַט די פּנימער די געלבע,
ליפּן שמאַכטיקע און שטומע.
וואָסער גלגול טרייבט דאָ, יאָגט דאָ
אין דער שמחה ווילד און פרעכטיק!
וואָסער צויבער־וואונדער שלאָגט דאָ
אין די ווערטער שטאָלץ און מעכטיק:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

יאָרן טויזנט בענקען, גאָרן,
הילכן אָפּ אין אָט דעם שאַלן;
נשמות רייסן זיך און שפּאָרן,
קייטן ברעכן, תפיסות פאַלן!
וויסטע אידישע נשמות,
אָנגעזעטיקט דורך מיט צרות,
אָנגעליטן אין מלחמות
מיט די אַלע יצר הרעס,
רייסן זיך אַרויס מיט שטורעם,
פריי פון חומר און פון מורא,
פריי פון ערד און פון יסורים,
באַמבאַרדירן היים דעם בורא:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

און די לופט ווערט פול מיט פייער
און פאַרכאַפּט די גאַנצע עדה —
נשמה־פייער, ריין און טייער,
לויטער חדוה און עבודה.

גרויסע, הייליקע פאַרלאַנגען,
שטאָלצע תביעות, שטרענג און שטרענגער,
טראָגן זיך אין פלאַמען־קלאַנגען
דורך דער אַלטער קלויז, דער ענגער.
און אָט שפּאַלט זי זיך און ברעכט זיך,
דאַך און ווענט געשטירצטע ליגן,
און צום הימל ציט זיך, פלעכט זיך,
ווי אַ פייער־זייל, דער נגון:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

הויך און העכער, מעלה, מעלה,
און דער נגון גרייכט די שכינה;
ווענדט זיך גאט צו דער פמליא,
פול מיט צערטלעכקייט און מינע:
„זיי פאַרגעסן, מיינע קינדער,
ווי זיי ליידן אָן אַ שיעור —
אָן די קוילער, אָן די שינדער,
און זיי דענקען נאָר פון מיר!"
און ער בליצט מיט שטראַלן־ימען —
די פמליא ווערט נתפעל;
שטעלט זי זיך און זינגט צוזאַמען
מיטן ליבן פאָלק ישראל:

„יחביאני בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

מעטאטשען, ניו דזשוירסי, 1905.

# תיקון חצות

על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים
כל היום וכל הלילה תמיד לא יחשו
המזכירים את ה׳ אל דמי לכם.
(ישעיה סב׳, ו׳)

איך גנבע זיך אַרויס אין מיטן נאַכט פון הויז,
צו זיצן אויפן משמר דאָנערשטיק אין קלויז.

איך בראָדזע דורך די שנייען פיבערדיק אַוועק —
מיט שאָטנס אָפּזיצן אַ נאַכט אַליין!
און פּלוצלונג אויפן שול־הויף כאַפּט מיך אָן אַ שרעק,
דערהערנדיק פון ערגעץ אַ געוויין —
ווי סומנע פון דער הויך צעטראָגט זיך אין דער שטיל
אַ שווערע כליפּעניש פון שטימען פיל.

איך לאָז זיך נאָכן יאָמער אויף אַ טרעפּ אַרויף,
און האַסטיק עפן איך די טיר אין אימה אויף.

דערזע איך אידן, ווי זיי זיצן אויף דער ערד,
אין זאָקן, און מיט ליכטלעך אין די הענט —
געדיכטע ברעמען, פייכטע בליקן, שיווע בערד,
און אַ המון פון שאָטנס אויף די ווענט;
און תפילות, פלעמלעך, שאָטנס — אַלץ באַוועגט זיך שווער,
אין צער אין שלוכצענדיקן, הין און הער.

„אויף דיינע מויערן, ירושלים!" — און דער ברום
נעמט פאַרכטיק, ווי מיט שאָטן־הענט, מיך יאַמערלעך אַרום.

און איך דערזע ירושלימס מויערן,
אויף הויכקייטן אויף פעלזיקע צעשפּרייט,
און הינטער זיי די מחנות שונאים לויערן,
און אויפן מויער שטייען פלאַמיק גרייט,
מיט שווערדן טאָג און נאַכט, די היטער אויף דער וואַך —
אָ, לאַנג צוריק! אין צייט פון דעם תנ"ך!

און מיט אַמאָל באַגרייף איך מורא'דיק דעם מיין
פון אָט די פליחות פון געוויין פאַר מיר אַליין.

עס פליט אַדורך מיר אין געדעכניש שוואַרץ און שווער
אַ נאַכט אַזאַ, אין ערשטן גלגול נאָך;
דערזע איך זיי באַשיינפּערלעך, די טרויערער,
מיט שווערדן פלאַמיקע, אין גרויסן בראָך —
ווי פלאַמיק בין איך אויך געשטאַנען דאָרט מיט זיי
אין וואַכעניש און וואָגעניש און ווייי.

און איצט, שוין לאַנג־צעשטערטע, ליגן דאָרט די מויערן;
און מיר, אין גלות, וויינען אין די נעכט און טרויערן.

„דערמאָן זיך, גאָט, אָן אונז און קוק אויף אונזער שאַנד,
ווי צו דער ערד געבויגן ליגן מיר,
און שפּרייטן צו אַ פרעמדן גאָט ניט אויס די האַנט,
כאָטש ווי די שעפּסן שלאַכט מען אונז פאַר דיר;
מיר ווערן דאָך פאַר דיר גע'הרג'עט יעדן טאָג —
ביז וואַנען, גאָט, וועט שלאָגן אַלץ דער פּלאָג!"

איך בלייב אַ ווײַלע, אויפגעטרייסלט, אויפן שוועל,
און טו אַ שפּרונג אַראָפּ צוריק אין דרויסן שנעל!

און ווי איך פֿאַל אַרײַן אין פֿינצטערניש און פֿראָסט,
טוט עפּעס ריזיקס וואָס פֿאַר מיר אַ בליץ,
ווי בלענדיק וואָלט פֿון הימל זיך אַראָפּגעלאָזט
אַ זון־באַרג מיט אַ טעמפּעל אויפֿן שפּיץ,
וואָס בלאַנקט מיט גאָלד און מירמלשטיין און פּורפּור רייך,
און מאַכט די מיטן־נאַכט מיט טאָג צוגלייך.

דער בית המקדש טוט אַ בלענד אַן אויגנבליק,
און פֿינצטער זינקט דער שול־הויף באַלד אין שניי צוריק.

איך זע די שמאָלע פֿענצטער פֿון דער קאַלטער שול,
וואָס קוקט, ווי אַ געשפּענסט, אויף מיר אַראָפּ;
זי איז דאָך איצט, אין האַלבער נאַכט, מיט מתים פֿול,
וואָס ריכטן זייער טויטן חצות דאָרט אָפּ.
אָט הער איך דאָרט אַ רויש, פֿון פֿאָרכט אַרומגעכאַפּט,
ווי אין תּכריכים וואָלטן ביינער ווייס געקלאַפּט.

איך לאָז זיך, ווי אַ בליץ־געטראָפֿענער, אַהיים אַוועק;
פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע יאָגט מיך נאָך דער שרעק.

ניו יאָרק, 1937.

# מיטן „שארית ישראל“

לייען איך די מעשה פון ביבליאים *) שפעט ביי נאַכט,
ווי מען האָט אויף אידן אַן עלילת דם געמאַכט.

בלאַנדזשען מיינע בליקן איבער דער געשיכטע.
שלאָגן פאַר די אויגן פלאַמען־רויך געדיכטע,
און געשרייען טו איך אין דער שטילקייט הערן,
און דעם אַלטן ספר ווייק איך היים אין טרערן,
זעענדיק און איבערלעבנדיק די גרוילן,
ווי אַן עדה אידן ווערט אַ קופּע קוילן.

און עס איז אַזוי געשען:
איין און דרייסיק זיינען זיי געווען,
האָט מען אַלעמען מיט שטריק געבונדען,
און אַ גרויסן פייער אָנגעצונדן,
און פאַרוים פון ברומענדיקן עולם
שטייט אַ גלח, פאָכנדיק אַ צלם,
און עס שוימט אים פון די ליפּן סם:
„שמד און לעבן, אָדער טויט אין פלאַם!“
קערן זיי זיך אָפּ פון אים מיט שטאָלץ,
ווילן בעסער ברענען אויף די האָלץ,
אַלע איין און דרייסיק זיינען גרייט
אויפצונעמען ברענענדיק דעם טויט.

וואַרפט מען זיי אַריין, די קדושים, אין די פלאַמען,
כאַפּן זיי זיך אַלע פאַר די הענט צוזאַמען,
און זיי זינגען מיט אַ וואונדערלעכן כח

*) די שטאָט בלואַ אין פראַנקרייך.

דורכן פלאַם און רויך: „עלינו לשבח".
און אַזאַ געזאַנג פון זיסקייט און פון טרויער
האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַ מענטשן־אויער.

אַ געזאַנג, וואָס אויסגעפאַלן איז אויף זייער חלק
פאַרן רום פון גאָט צו שטאַרבן אויסדערוויילט און הייליק.

לייען איך און ציטער פאַר התלהבות,
פאַלט מיר איין צו פּרואוון אויף טשיקאַוועס,
צי אַ חדר־יאַט, ווי איך, וועט קענען
אין אַ גזרה אויפן פייער ברענען?
דאַרף מען זיין דאָך גרייט און טאַקע זען,
ווי דער קדושים־ווייטיק איז געווען.
כאַפּ איך באַלד אַראָפּ פון לאָמפּ די גלאָז,
גיב זיך אויפן פינגער שטאַרק אַ בלאָז,
האַלט אים אויפן פלאַם אַן אויגנבליק,
און איך כאַפּ אים באַלד אַוועק צוריק.
טוט מיך פאַר יסורים ווילד אַ הויב,
זינג איך שטאָלץ אין זיך צו גאָט אַ לויב,
וואָס מיין פינגער האָט דערפילט דעם טעם
פון אַ קדוש אויפן בייזן פלאַם.

ברענט דער פינגער און עס ברענט מיר אויך אין מוח,
און איך זינג זיך שטיל: „עלינו לשבח",
הער באַשיינפּערלעך, ווי זים מיט מיר צוזאַמען
זינגען פון די דורות קדושים אין די פלאַמען —
שטיל אַזוי, מען זאָל דעם שלאָף אין הויז ניט שטערן,
קיינער זאָל חלילה דעם געזאַנג ניט הערן.

וועט מען פון דעם עסק זיך דערוויסן,
וועט דער קדוש קריגן אָפּגעשמיסן.

ניו יאָרק, 1930.

## מיט אַ מעשה פֿון דער אינקוויזיציע

אַ נאַכט אַ פֿינצטערע, ווי טאָרקוועמאַדאָס אויגן,
איך זיץ ביים לעמפּל, קינדיש אויפֿן טיש געבויגן,
און פֿיל די שוואַרצע שרעקן, ווי זיי לויערן;
אַט האָט זיך אַ פּראָצעסיע פֿאַקלדיק געצויגן,
עס הילכן סומנע־שווער די טריט;
אַט ברעכט מען זיך אַריין אין טויערן,
און אַלע גלעקער פֿון מאַדריד
צעקלינגען זיך אין מיינע אויערן.

מען ברענגט אנוסים פֿאַרן אינקוויזיטאָרס אויגן,
און דורכן רוקן איז אַ פֿראָסט מיר דורכגעפֿלויגן,
איך פֿיל דעם אָטעם פֿון דעם טויט מיט זיי צוזאַמען;
אַט האָט מען אויף די קוועל־בייַנק זיי אַרויפֿגעצויגן,
עס טרעשצען ביינער אונטער שטאָל,
און גלידער סמאַליען זיך אויף פֿלאַמען;
עס ווילט זיך שרייען אויפֿן קול
און רופֿן, וועקן טאַטע־מאַמען.

דער סוף פֿון דעם קאָשמאַר. עס בלויט פֿאַרטאָג אין פֿענצטער,
און די פֿאַרפּייניקטע, ווי צאַרטע טרוים־געשפּענסטער,
דערזע איך הויך אין הימל, אַ פֿאַרוואונדערטער,
זיי גייען אויף פֿאַר מיר אין רויטקייט אין דער שענסטער,
איך האָב באַזוכט זיי אין מאַדריד,

איצט שטראַלן זיי מיר אין די הונדערטער,
מיט יעדן אויסגעבערענטן גליד,
פון יעדער צעל פון אָפּגעזונדערטער.

און דורכן טאָג אין חדר זיין איך אַ דערהויבטער,
אַ שלאָפלאָזער, אַ גאַרענדער, אַן אויסגעבלייכטער,
און קוק אַוועק פון גמרא־בלאַט צו די געשפּענסטער.
איך חלום אַלץ פון דער מדרגה דער דערגרייכטער;
איך בלאָנדזשע מיטן פּיבער־בליק
און זוך געהיימנישפול אין פענצטער,
צי וועל איך זיי דערזען צוריק
אין וואונדער־הייליקייט אין שענסטער.

ניו יאָרק, 1930.

# מיטן „צמח דוד"*)

(ר׳ שמעון דובנאָוו — אַ מתנה)

**אַ צעשטראַלטער, ליבער לג׳ בעומר,**
**מיט אַ האַלבן חדר־טאָג, אַ פרייען;**
**ציט מיך הינטער שטאָט צו סאָסנע־בוימער,**
**ווייט אַוועל פון רבא׳ן און אביי׳ן;**
**לאָז איך זיך אַוועק אין וועג, און באַלד**
**בין איך שוין אין קאַמערויקער וואַלד.**

---

*) דער צמח דוד — אַ געשיכטלעכער ספר אין העברייאיש אין דער פאָרם פון כראָניקעס, וואו איך האָב געשעפּט אין מיין קינדהייט די ערשטע ידיעות וועגן דער געשיכטע פון מיטלאַלטער. דער מחבר, ר׳ דוד גאַנז, אַ געלערנטער דייטשער רב, האָט געלעבט אין צווייטער העלפט פון זעכצעטן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ תלמיד פון רמ״א. און אויסער זיין תלמודישער לומדות, איז ער אויך געווען אַ היסטאָריקער און אַן אַסטראָנאָם, וואָס איז געווען נאָענט אויפגעטראָגן מיטן וועלט־באַרימטן קעפּלער. אין ערשטן טייל פון זיין ספר, אין חלק ראשון, ווערן אויס־גערעכנט די וויכטיקסטע געשעעניש פון דער אידישער געשיכטע, דער־הויפּט די גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן — די נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים און באַרימטע רבנים. אין צווייטן טייל, אין חלק שני, ווערן אויסגערעכנט די וויכטיקסטע געשעעניש פון דער וועלט־געשיכטע, דערהויפּט פון פּינצטערן און בלוטיקן מיטלאַלטער — די אַלע גרויסע מלחמות, הריגות און מעשים תעתועים.

איניקע אידיאָמען זיינען העברייאישע, ווי זיי זיינען דעמאָלט דורכ־געגאַנגען באַ מיר אין געדאַנק, איניקע נעמען — ווי רב׳ דוד גאַנז האָט זיי געשריבן: גאַנגיז־קאַן — טשינגיז־כאַן, דער באַרימטער מאָנ־גאָלישער עראָבערער. וועלפן — גוועלפן, די פּאַרטייז פון די פּאַפּסטן, וואָס האָבן געפירט ענדלאָזע מלחמות קעגן די קייזאָרים. מוסקאָוויטער — די רוסן. זאַקשן — די זאַקסן, וורענקן — די פראַנקן, אַפּיפיור — דער פּאַפּסט. דוכס (דוקעס) — אַ דוק, אַ פירסט. הגמונים — די הערשנדע פירסטן פון דער קירך. גראַבן — גראַפן, לאַנד־גראַפן, מאַרק־גראַפן. כומרים — גלחים.

איינער נאָר, אַ קונדרס׳ל, צוזאַמען
מיט אַ קהל רויטע סאָסנע־שטאַמען.

פיל איך אין מיין פחד זיך געהויבן —
פון דעם סאָסנע־ריח דעם געזונטן,
פון די דורכלויכטן פון גינגאָלד אויבן,
פון די פלאָנטערס פון די שאָטנס אונטן,
פון דעם רויש, וואו יעדער בוים־שפּיץ הויך
ברומט בציבור, דאָך ביחידות אויך.

ליג איך אויפן וואַלד־מאָך אויסגעצויגן,
מיטן צמח דוד פאַר די אויגן.

לייען איך און ווער אַלץ מער באַנומען
פון דער אימה פון דער וועלט־געשיכטע,
ווי אין צמח דוד וואָלטן ברומען
גאַנצע וועלדער, פינצטערע, געדיכטע,
און צו יעדן ווייסטן, ווילדן אַקט
וואָלט אַ סאָסנע צוגעברומט צום טאַקט.

ווי דער קריג פון גוג און מגוג פלאַקערט,
און עס ווערן וועלטן דאָרט צעאַקערט!

לאָזט זיך גאַנגיזיקאַן פון טאַרטאַריאָה,
ווי אַ שפּאַרבער, אויף די מוסקאָוויטער;
לאָזט זיך פרידריקוס פון ציציליאָה
אויף די וועלפן, ווי אַ ווילד־געוויטער.
און די זאַקשן גייען אויף די וראַנקן,
און די וראַנקן גייען אויף די זאַקשן,
און זיי האָבן איינס נאָר אין געדאַנקען,

אַז קיין גראָז שוין זאָל נאָך זיי ניט וואַקסן.
יעדער גאָט־געזאַלבטער, קאַן און קייסר,
און דער הייליקער אַפּיפיור — אַלע
זיינען אין דער טויט־אַרבעט דער גרויסער
זייער גאַנצן לעבן אַלץ מקבלה.
מלכים, דוכסים, גראַבן און הגמונים,
פֿאַלש־שווערער, פֿאַרגיפֿטער, אויגן־שטעכער,
וואָס אין בלוט־דאָרשט שווינען זיי ניט קיינעם,
חיות אַלץ געקרוינטע און פֿאַרברעכער —
אַלע שיקן זיי די הענט אין רויב,
און דערשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד,
און צעמאָלן זייער פֿיינט אין שטויב,
אַזש עס ציטערט אונטער זיי די ערד.

ווערן מיר אַלץ סומנער די געדיכטע
ווילדערנישן פֿון דער וועלט־געשיכטע.

לייען איך, און אין די סאָסנע־קרוינען
הודיעט דאָ און דאָרט אַ בייזער דוכס ;
הער איך הוכא־טלולאס און געוויינען,
דולע אָפּהילכן פֿון ווילדע שטוקעס —
זיפֿצן, סווישצען און אַ בייז־געברום,
אַ בהלה דורכן וואַלד אַרום.

און פֿון ווילדע איינדרוקן אַ פֿולע
גיב איך אויפֿן מאָך זיך ווילד אַ קוליע.

ווי זיי שפּרינגען אויף אין פּאַנצערס בראַוו,
מיט די אויגן בלוט־פֿאַרלאָפֿענע,
פֿון דעם צמח דודס רשי־כתב,

פֿון די בלעטלעך, פֿון די אָפּענע,
שאַלט מיר דורכן וואַלד: אַאו! אַאו!
און צערודערט זע איך יעדערן,
ווילדע רייטער גאַלאָפּירן וואו,
און אויף קיווערס ווייהען פֿעדערן,
און אויף הערצער גלאַנצן צלמים רויט,
און אויף זאָטלען פּיקעס בליציקע,
קלינגען שווערדן דאָרשטיקע מיט טויט
פֿון די פֿערדלעך פֿון די היציקע,
און אין הייכן מיין און אויגן ווילד
פֿליען כומרים מיט און דרשענען,
ווי זיי פּאָכן מיטן נוצרים בילד,
הייסן — „רצחענען און ירשענען!"
אַ, מיין גאָט, ווי בייז צעברענט זיך כּאַלד
אַלץ אַרום אין פֿלי און שפּיליקן!
ווי עס סטראַשעט הוזשענדיק דער וואַלד
מיט פּאַרטיליקן, פּאַרטיליקן!

און צו מעריב נעמט דער טאַטע פֿרעגן:
וואָס בין איך אַ טאָג אין וואַלד געלעגן?

זאָג איך, אַז איך בין אַרומגעלאָפֿן
מיט אַ חברה מלכים און הגמונים,
האָב אין צמח דוד זיי געטראָפֿן —
און זיי טוען זיך אַ לאָז אינאיינעם
דורכן וואַלד דעם קאַמערויקער יאָגן,
און די האָרנס און די עכאָס שאַלן,
און די פֿערד מיט שוים מיט ווייסן שלאָגן,
און די פּיקעס בליצן אין די שטראַלן.
האָט דער זון־פֿאַרגאַנג זיי אָפּגעגאָסן

פלוצלונג מיט אַ פלאַקער מיט אַ רויטן;
האָט אַן אָפּשיין פאַרכטיק זיך צעפלאָסן
פון חורבנות ווייטע, שׂרפות, טויטן —
פון די מעשׂים אַלע, די געמיינע,
וואָס ר' דוד גאַנז האָט אויפגעקליבן,
און ער האָט זיי אין זיין חלק שני,
לויט די כראָניקעס, געניי פאַרשריבן.
לויף איך, טאַטע, באַלד פון וואַלד אַוועק —
האָט עס דען אַ זין, וואָס נאָכאַנאַנד
לאָזט עס הפקר גאָט די ווילדע שלעק
וועלטן אומברענגען אין בלוט און בראַנד?

איז עס אונזער זכות, וואָס איז געגעבן,
אַלץ אין ניט־צעשטערטע סדומס צו לעבן!

קוקט און קוקט דער טאַטע מיט זיין שטילן,
דינעם שמייכל אין די ליפּן־ווינקלען,
און ער נעמט זיך מיט זיין קייטל שפּילן,
און די טרויעריקע אויגן פינקלען,
ווי ער גיט מיר צאַרט דעם שווייס אַ וויש
און אין צמח דוד באַלד אַ מיש:

זאָל איך נאָר די בלעטלעך איבערמישן
אָט אַזוי צוריק צום חלק ראשון.

זעץ איך שפּעט ביים לעמפּעלע און לייען,
ווייט שוין, ווייט פון ווילדוואַלד פון פאַרפלוכטן;
ווייען בילדער אַנדערע און ווייען
פון אַ טרוים פון קדושה אַ געזוכטן;
שיינען־אויף פאַר מיר אין חלק ראשון,
פון אַרומיקייט פון שוואַרץ־געדיכטער,

הויכע שטערנס ביי גמרא־טישן,
וואונדערלעכע ליכטער פון געזיכטער,
ווי זיי קומען פון די ווייטסטע דורות,
פאַר מיין זעאונג, ריין און שיין צו שוועבן,
פירן נאָר די שלאַכטן פון די תורות,
וויזן גבורות נאָר אין הייליק לעבן,
און געהויבנקייט אין עלענד טיפן,
און געלייטערטקייט אין לייד פאַרהוילן —
האָב איך שטאָלץ דעם גרויסן תהום באַגריפן
צווישן צמח דודסביידע טיילן.
און איך האָב מיט עקזאַלטירטן ברען
אין דער שוואַרצער, בלוט־פאַרפלייצטער וועלט
נאָר איין פאָלק, נאָר אונזער פאָלק געזען
פון אַ שיין פון הייליקייט באַהעלט.

ליכטער פון ישראל! ווי איך ווענד
אַלץ צו אייך־נאָך מיין פאַרבענקטן בליק,
ווען דער ווילדוואַלד ברומט אַרום און ברענט
מיט זיין פולער פאַרכטיקייט צוריק.

קאָלד ספּרינג ראָוד, מאָנטיסעלאָ, נ. י., 1936.

# מיטן „עמק הבכא״*)

מי הוא זה האיש האכזרי
שלא יבכה בראות ספרי.

(ר׳ יוסף הכהן אין זיין הקדמה־
שיר צום עמק הבכא)

דאָס ספרל ליגט אויפֿן שטענדער,
אנשטאט דער גמרא, פֿאַר מיר;
עס בלוטיקן צייטן און לענדער
אַרויס פֿון די בלעטלעך פּאַפּיר.

די ווענט פֿון בית מדרש צעגייען
זיך ערגעץ אין פֿינצטערן שרעק,
און איך און ר׳ יוסף הכהן,
מיר בראָדזען אין בלוטן אַוועק.

---

*) עמק הבכא — אַ געשיכטע פֿון די אידישע צרות און גזרות, זייער פּאטעטיש, אָבער זייער געווויסנהאַפֿט געשריבן, אין אַ שיינעם ביבלישן סטיל, וואו די טיף־דורכגעפֿילטע שילדערונגען ענדיקן זיך נאָכאַנאַנד מיט אַ רוף צום „גאָט פֿון משפּט״, אַז ער זאָל ניט פֿאַר־שווייגן די אומשולדיק פֿאַרגאָסענע בלוטן. דער מחבר, ר׳ יוסף הכהן, אַ געלערנטער היסטאָריקער און מעדיקער, איז געווען אַ זון פֿון די פֿאַרטריבענע פֿון שפּאַניע, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַלערליי גירושים און גזרות, און זיין ווערק איז דורכגעדרונגען מיט אַ גליִענדיקער ליבע צו זיינע פֿיל־געפּלאָגטע ברידער.

ר׳ יוסף הכהן איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1496. ער איז געווען מיט 4 יאָר עלטער פֿון דעם וואונדערלעכן שלמה מולכו, דעם הויך־געבילדעטן, הויך־באַגאַבטן, עקזאַלטירטן מאַראַן, וואָס האָט פֿריער, אין קריסטענטום, פֿאַרנומען אַ הויכן אַמט אין קעניגלעכן הויף פֿון פּאָר־טוגאַל און דערנאָך האָט ער זיך עפֿנטלעך דערקלערט פֿאַר אַ אידן, ריזיקירנדיק מיט זיין לעבן, און איז געוואָרן אַ פֿייערדיקער מקובל.

ער פירט מיך דורך בלוטן פון קדושים,
וואָס שווימען — אַ גזר נאָך אַ גזר;
און תמיד אַלץ הער איך אין רויש אים:
באַצאָל, גאָט פון משפט, דערפאַר!

עס כאַרכעלט אין שורה אין יעדער
אַ קהילה אין הענקערשע הענט —
צעקוילעט, צעמאָלן אויף רעדער,
אויף אויטאָ־דאַ־פעען געברענט.

איך גום'ע מיט זיי אין די ווייען,
איך בראָט זיך מיט זיי אין דער בראַנד
און הויב, ווי ר' יוסף הכהן,
צום הימל די הענט נאָכאַנאַנד.

איך האַלט אין איין רופן און טענהן:
פאַרוואָס אַזאַ שוואַרצער גזר דין!
בעת פנימער טוען אַלץ שיינען
אין קדושה פון טאָרטור־מאַשין.

באַגלייטנדיק דעם רעטזעלהאַפטן דוד הראובני און פלאַמענדיק מיט גראַנדיעזע משיחיסטישע זעאונגען און פּלענער, איז שלמה מולכו אין עלטער פון 32 יאָר פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן. שלמה מולכו האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון זיין דור. און ר' יוסף הכהן הויבט־אָן די באַשרייבונג פון מולכו'ס לעבן און מאַרטירער־טויט מיטן אויסדרוק: ויצא חוטר מפורטוגאל — אַ וואונק אויף דער משיחיסטישער נבואה פון ישעיה'ן: ויצא חוטר מגזע ישי. ער שרייבט אויך וועגן מולכו: ויחכם מכל האדם — אַ וואונק אויף שלמה המלך. וועגן מולכו'ס טויט אין די פלאַמען שרייבט ער: ויקריבוהו עולה לה'.. וירח ה' את ריח הנחוח. די אַלע אויסדרוקן האָב איך אַריינגענומען אין מיין פּאָעמע.

און צווישן די קדושים־געשטאַלטן,
אין שטראַמען פון פאַרכטיקן שיין,
דערזע איך פאַר זיך, אַ צעשטראַלטן,
דעם קדוש דעם איידעלסטן מיין.

ר׳ שלמה, מיין העלד מיין דערהאַרטער,
ווי לויכט ער פון שטראַליקער ראַם!
אַ, חוטר מפּורטוגאַל צאַרטער,
געזאַלבטער אין פייער און פלאַם!

אַט זע איך אים ווייט דורך די דורות,
אַן אַנוס ביים קעניג אין הויף,
וואָס וואַרפט פון זיך אָפּ אַלע מוראס
און דרייסט ווי אַ איד טרעט ער אויף.

אַט טוט ער, אַן אויסלייזער, גלענצן,
פון גאָט אויסדערוויילט אין גינאַד;
ווי יונג — און דער קליגסטער פון מענטשן
אין רמז, אין דרוש און אין סוד.

אַט קומט ער אין רוים, אין פאַרפלוכטער,
צום פּאָפּסט מיט זיין שליחות צו גיין,
און פּריידיקט, פון קירך אַ געזוכטער,
און פאַנגט יעדע האַרץ מיט זיין חן.

און אָט אין דער שליחות דער גרויסער
דערשיינט ער מיט שטאָלץ, ווי אַ איד,
אַליין פאַרן פינצטערן קייסער,
און ווערט באַלד אין קייטן געשמידט.

מען שליסט מיט אַ צוים מיט אַ שווערן
אים תּיכּף דעם מויל אויפֿן אָרט,
עס זאָל שוין קיין אויער ניט הערן
זיין שטאָלצן, באַגייסטערטן וואָרט.

מען בעט זיך ביי אים ער זאָל ווייטער
פֿאַרבלייבן אַ קריסט אין זיין שמד —
אומזיסט! און מען פֿירט אים צום שייטער
פֿון תּפֿיסה אַרויס מיט פּאַראַד.

געשמידט, דאָך אין זעל אַזאַ פֿרייער,
גייט פֿריידיק ר' שלמה צום גרויל;
ער וואַרפֿט זיך מיט פֿעסטקייט אין פֿייער,
און אַלץ מיטן צוים אין זיין מויל.

אָט כאַפּט אים דער פֿלאַם אָן און בראָט אים,
אַ גאַנצאָפּער וואויל אין גערוך;
דאָך שווערט מען דערנאָך, אַז מען האָט אים
געזען אין אַ הויז אויף באַזוך.

עס צווייפֿלט ר' יוסף הכּהן:
הלוואי וואָלט עס וואָרהאַפֿטיק זיין!
דאָך טוט ער, ר' שלמה, נאָך ווייזען
אויך איצט פֿאַר מיר הייליק און שיין.

ער טוט פֿאַר מיר קויל־שוואַרץ אַ פֿינקל,
אַ בליק פֿון זיין פֿלאַמיקן גרויל —
אָט דאָ אין בית מדרש אין ווינקל,
און אַלץ מיט'ן צוים אין זיין מויל.

און אָט פֿון קריסטאָל־ליכט אַפּולע
ווערט באַלד דער בית מדרש צעשטראַלט;
דאָס לויכט מיטן ליכט פֿון דער גאולה
די קדושה אַרום זיין געשטאַלט.

די גאולה, די קראַפֿט די געהיימע,
וואָס רייסט זיך פֿון צוים פֿריי אַרויס —
צו לעבן און ליבן אַן אימה
און שטאַרבן אין הייליקייט גרויס.

אָט לויכט ער שוין ווייט דורכן פֿענצטער,
דורך דורות, פֿון שטראַליקער ראַם —
מיין ליבסטער, מיין צאַרטסטער, מיין שענסטער,
פֿון גאָט אַ געזאַלבטער אין פֿלאַם.

איך ברי זיך אין טרער אין מיין הייסער
און קוק צו דער זעאונג זיך צו:
אָ, לערן מיך, הייליקער, גרויסער,
צו לעבן און ליבן, ווי דו!

די כנסת ישראל צו ליבן,
וואָס בלוטיקט צעזייט און צעשפּרייט,
פֿון טיש פֿון איר פֿאָטער פֿאַרטריבן —
אין פֿייער צו גיין פֿאַר איר גרייט.

אָ, לערן, אַנטפּלעק מיר, ר׳ שלמה,
דעם כח, דעם וואונדער פֿון דעם —
צו גיין אויף דיין דרך אָן אימה,
דעם דרך פֿון קידוש השם.

ניו יאָרק, 1937.

# ויהי בנסע האָרון

ויהי בנסע הארון, ויאמר משה:
קומה ה' ויפצו אויביך וינסו
משנאיך מפניך.
(במדבר י', לה')

אַלטע, אויסגעקושטע ספר תורהס,
אויסגעקושטע פון אַ צענדליק דורות,
טראָגט מען צו מיט אַלטע, ציטערדיקע הענט,
און די פנימער די אַלטע שטראַלן,
און פון אַלטע לעפצן ווערטער פאַלן,
אַלטע ווערטער צווישן אַלטע קלויזנע ווענט.

און אין אַלטער שפּראַך, אין קוים דערהערטער,
טוט אַ בליץ דער פּירוש פון די ווערטער,
טוט אַ זעאונג פאַר די אויגן מיר אַ בלענד;
זע איך וואַנדערן אַ פאָלק אַ גרויסן,
ווייט אין מזרח, דורכן זאַמד דעם הייסן,
שבטים, פאָנען, מחנות קריגער אָן אַ ענד.

און עס איז געווען (צוריק פיל יאָרן),
ווען געצויגן איז אין שלאַכט דער ארון,
זע איך משה שטייט אין מדבר פאָרן,

און עס שיינט זיין פּנים מיטן זונען־ליכט,
און ער רופט: אָ, לאָז זיך גאָט דערהערן,
און עס זאָל צעשפּרייט דער קריגס־פיינט ווערן,
זאָל דער שונא לויפן פון דיין אַנגעזיכט!

און דער קריגס־פיינט קוקט מיט טויזנט אויגן,
גרייט מיט שווערדן און מיט פייל און בויגן
צו באַגעגענען די וואַנדערער מיט טויט,
און פון אַלע בערג און פעלזן־נעסטן
שיסט דער לוגער אויף די מידע רעשטן,
לייגט זיי אויס אין מדבר־זאַמד פאַרוויינט.

שטראַלט און כוואַליעט זיך דער מדבר פאַרן;
זע איך, ווי עס ציט אין שלאַכט דער ארון,
און די ווערטער משהס קלינגען שטאָלץ און גרויס,
שאַלן די חצוצרות, גייען פאַלקן,
טראָגט זיך איבער זיי דער זייל פון וואָלקן,
און דער שיינענדיקער פירער גייט פאַרויס.

פיל איך, ווי דער מדבר אָטעמט פייער,
און ער בלענדט אַ פורכטבאַרער, אַ פרייער,
און עס קעמפט ישראל אין צעגליטן שטויב,
טוט פאַר זיך אין שרעק די שונאים יאָגן,
טוט זיי מיטן שאַרף פון שווערד צעשלאָגן,
גרינגער פון אַ הירש און שטאַרקער פון אַ לייב.

און דערהויב איך זיך אין זעאונג העכער,
זע איך פלוצלונג גאָר פאַרשנייטע דעכער,
קוק איך זיך אַרום און כאַפּ זיך וואו איך בין:

זע איך זיך אין קלויז אַ יונג אַזוינער,
וואָס אַ דאַוונער איז ער גאָר אַ קליינער,
חלומט ער חלומות אויסן וועג און זין.

זע איך שוין ניט מער דעם מדבר פֿאָרן,
נאָר דאָס קלייזל אויפֿן צווייטן גאָרן,
און עס ליגט צו מזרח־זייט דער אַלטער מאַרק,
זיצן דאָרט די מחנות אין געשרייען,
איבער פֿייער־טעפּ, אין ווינט און שנייען,
און מען וואַרט אויף לייזונג און מען שילט זיך שטאַרק.

און איך הער אין קלויז די אַלטע ווערטער,
אין דער אַלטער שפּראַך, אין קוים דערהערטער,
אין דער שטימונג אין דער גראָ־צעשטערטער,
און איך זע די אַלטע הענט, וואָס ציטערן,
און די שוואַכע קני און וואַסער־אויגן,
און די אַלטע רוקנס טיף־געבויגן,
און איך פֿיל דעם חוזק אָט־דעם ביטערן.

ניו יאָרק, 1930.

# מיטן „יוסיפון״*)

(ש. ניגער)

איך זיץ מיטן יוסיפון נעכט גאַנצע, באַנגע,
און וואַנדער אין חורבן און בראַנד;
איך הער דורך די שלאַפלאָזע שעה׳ן, די לאַנגע,
דעם שאַל פון דעם שטרייט נאָכאַנאַנד.

אָ, רוים הרשעה! איך פיל די באַליידיקונג
פון קנעכטישן יאָך, ווי עס ברענט;
איך זע אין עקסטאַז ירושלימס פאַרטיידיקונג
און שטיי אויף די מויערן־ווענט.

---

*) יוסיפון — אַ געשיכטע פון די ציַיטן פון צווייטן בית המקדש, געשריבן אין רוים, אין אַ ריינעם, שיינעם העברעיאיש, ביים סוף פון 10טן יאָרהונדערט, פון אַן אומבאַקאַנטן אידישן שריפטשטעלער, אויפן גרונט פון די ווערק פון יוסף בן מתתיהו (יוסף פלאַוויוס).

דער ספר האָט געהאַט אויף מיר אין מיין קינדהייט די גוואַלדיקסטע ווירקונג — דערהויפּט די לעצטע טיילן, וואו עס ווערט געשילדערט דער גרויסער אידישער פרייהייט־קאַמף געגן די רוימער. דער מחבר פון „יוסיפון״ זידלט די אידישע קעמפער און זינגט לויב־געזאַנגען די רוימישע פאַרשקלאַפער — אַזוי ווי עס טוט יוסף בן מתתיהו, וואָס האָט געשריבן זיינע ווערק אין פּאַלאַץ פון רוימישן צעזאַר. מיטן גאַנצן קינדערשן האַרץ האָב איך אָבער געפילט, אַז „יוסיפון״ איז ניט אויפריכטיק — אַז טיטוס הרשע איז טאַקע געווען טיטוס הרשע און די קעמפער אויף די מויערן־ווענט פון ירושלים זיינען טאַקע געווען די וואונדערלעכע, גרויסע העלדן.

איך האָס די פּאַררעטעטער! איך גיי מיט אַ מעסער
און נוץ אים אין יעדן געלאַף.
אָ, שטאַרבן אין פרייהייט און שטאָלצער איז בעסער,
ווי שענדלעך צו לעבן אַ שקלאַף!

איך דאַרשט נאָך אַ גבור־טויט פון אַ באַפרייער
און האַלט ניט פון יוסיפונ׳ס רייד;
איך שפּרינג מיט די העלדן דורך רייפן פון פייער
און יאָמער פאַר פאַרכטיקער פרייד.

און מאָרגן שוין קום איך מיט אויגן מיט רויטע
אין חדר דירעקט פון דער שלאַכט;
און ביי דער גמרא אַלץ צייל איך די טויטע,
וואָס זיינען געפאַלן ביינאַכט.

מיר לערנען די סוגיא, דעם פּלפּול דעם שאַרפן,
מכוח די הענדלער פון לוד;
די שווינדלער, ווי קונציק עס פּאַקט זיי רב׳ טרפון —
אַלץ קאָפּ־דריי געגנוג אויפן פּוד.

דאָך ווילד איז מיר אַלץ און איך וויל עס ניט קענען,
איך קוק און טו קיינעם ניט זען;
מען זיצט, ווי עס וואָלט ירושלים ניט ברענען,
ווי גאָרנישט, אָ, וואָלט ניט געשען!

די הענדלער, רב׳ טרפון — זיי אַרן מיך ווייניק,
איך זיץ און איך פּלאַטער און טראַכט:
אָ, וואָלטן נאָר זיין די פאַרטיידיקער אייניק
און שטיין אויף דער וואַך פאַר דער שלאַכט!

איך זע די לעגיאָנען אין אָנפֿאַל אין גרויסן
נאָך טיטוס'ס פּאָך מיט דער האַנט;
אָט נעמט מיט די הערנער די אייזערנע שטויסן
אַ ריזן־באַראַן שוין די וואַנט.

שטעלט אָפּ מיך דער רבי דער גוטער אין מיטן:
וואו פֿליט העפּנדום־פּענדום אַ איד?
אין גינשפּעריק וואו אויף אַ גאָלדענעם שליטן,
צי גאָר אויפֿן הימל־יריד?

און באַלד אַ פֿאַרשעמטער שוין טו איך באַגרייפֿן,
אַז עפּעס מיט מיר איז ניט גוט,
און נעם זיך, ווי אַלע, דעם קאָפּ מיינעם שלייפֿן
מכּוח דעם האַנדל אין לוד.

נאָר פּלוצלונג, אין מיטן פֿון מוח־גימנאַסטיק,
טוט ווידער אַ בליץ פֿאַר מיר דאָך
די כוואַליע פֿון אָנפֿאַלער, מעכטיק און האַסטיק —
אַ בראָך, אָ, אין פֿעסטונג, אַ בראָך!

איך זאָג־נאָך דעם רבין און טו אים קוים הערן,
באַקוקט מיך דער רבי מיט חשד;
ערווישט מיר דעם שוויים און ער טאַפּט מיר דעם שטערן:
צי איז עס אַ קרענק, צי אַ טשאַד?

אָט שפּרייז איך שוין פֿריי אויף די גאַסן פֿון חדר,
און סומנע זעט אוים מיר דער רויך,
וואָס וואַליעט אין ווינטער־פֿאַרנאַכט אַלץ כּסדר
פֿון קוימענס אָן צאָל אין דער הויך.

דער וואָלקן פון חורבן, דער וואָלקן דער בייזער,
ער הענגט, ווי אַ פלאַמיקע שטראָף;
אָ, פאָטער אין הימל, ישראלס דערלייזער,
צי זאָל עס באַדייטן דער סוף?

איך שפּאַן דורך די גאַסן, אין אומרו אין גרעסטער,
און זע רק פון חורבן דאָס בילד,
און דריק די גמרא די גרויסע אַלץ פעסטער
צום האַרצן, אַזוי ווי אַ שילד.

איך האָב שוין די שטאָט ביז די ווייטע קאַשאַרן
מיט שטיינערנע שויך־ווענט פאַרבויט,
און הויך אויף זיי טוען פון וואָלקן זיך שפּאַרן
די העלדן אין פייערדיק־רויט.

אָט פלאַמט דאָרט אלעזר, דער זון פון ענני'ן
מיט יוחנן הגלילי פאַרויס;
און שמעון הויבט אויף קעגן שונא'ס לעגיאָנען
דעם בליציקן שווערד אַזוי גרויס.

איך גיי מיט די העלדן אַרום אין די פלאַמען,
אויף שויך־ווענט אין וואָלקן געבויט,
און ביז איך דערשלעפּ זיך אַהיים צו דער מאַמען,
אַ מידער סיקריקי האַלב טויט.

ניו יאָרק, 1933.

# יום כפור אין שול

עס ברענען נשמה־ליכט מיד, מעלאנכאָליש,
און סומנע די וועקסענע שטראַלן,
זיי בויגן זיך, קאַרטשען זיך אום אין אַן אימה,
ווי ווער וואָלט געהיים זיי באַפאַלן.

און פול איז די קלויז מיטן פלאַטער פון פלעמלעך
און וויינענדע מענטשן אין ווייסן;
עס הוידען זיך קיטלען, עס וואַרפן זיך אַרבל,
עס רייסן זיך שאַטנס און רייסן.

עס הוידעט זיך ווייס אין די קיטלען דער עולם,
און וואַרפט מיט די אַרבל צעשראָקן,
און קלאַפט אין פאַרצווייפלונג די הענט אָן די שטענדערס
און טופעט אין היי מיט די זאָקן.

און ס'הויבט זיך דער היי־ריח אויף און פאַרשיכורט,
און געלבלעך אַ שטויב אַ געדיכטער
פאַרנעבלט די קלויז און די ליכט און די שטענדערס,
פאַרבלייכט און פאַרגעלט די געזיכטער.

און אימהדיק קוקן די אַלע געזיכטער,
פאַרהילטע ביינאַכט אין טליתים,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך דאָס הוידען און שאָקלען
אַ גרויזאַמער קהל פון מתים.

עס הוידעט און שאָקלט זיך גרויליק דער קהל,
און ס׳טראָגט פון פאַרשידענע זייטן
אַ הודיען פון תפילות און אַלטע נגונים,
פון אַלטע, פון גרויזאַמע צייטן.

און ס׳טוליעט זיך נאָענט צום פאָטער אַ אינגל,
אַ שטילער, אינמיטן די גוואַלדן,
פאַרטיפט אין מחשבות, דעם שטערן דעם הויכן
אין מחזור פון זיידעס באַהאַלטן.

ער טראַכט פון דער גרויסקייט פון מלך־המלכים,
ווי קליין און ווי שוואַך און ווי אָרעם
איז קעגן אַלמעכטיקן גאָט כביכול
דאָס שטערבלעכע מענטשל, דער וואָרעם.

ער טראַכט, און ער ציט זיך צו גאָט און באַהעפט זיך,
און בעט ביי אים רחמים און כוח,
צו קענען פאַרטרייבן די שרעקלעכע ספקות
פון שוואַכן, פון קינדערשן מוח.

און ס׳הודיען די תפילות, און ס׳קלאָגן די יעלות,
און ס׳שווידערט דער גוואַלטיקער לשון,
אַזוי ווי די ביימער פון אַלטע בית־עלמינס,
ביינאַכט אין צעשטורעמטן אָסיען.

און ס׳דוכט זיך, די גייסטער פון אַלטע מארטירער,
זיי ברומען דאָ מיט אין די גוואַלטן;
און ס׳דוכט זיך, דער יאָמער פון הונדערטער דורות
פאַרנעמט זיך די הימלען צו שפּאַלטן.

עס הודיען די תפילות, עס קלאָגן די יעלות,
און שטאַרקער צעברומט זיך דער עולם,
און ס'גייט אַ געוויש, ווי פון וואַסערן פילע,
אַרויף צום רבונו של עולם.

און ס'מאַטערט דער אינגל זיך פאַרשטעלן ריכטיק
די גרויסקייט פון גאָט און זיין וועזן —
געניו און געניוער, אַזוי ווי ער האָט עס
אין הייליקע ספרים געלעזן.

דאָך פלוצלונג־וואָס טוט אים אַ קלאַפּ אין געהירן,
אַזוי ווי מיט עפּעס אַן אייזן;
עס טוט אים די העלישע קליפּה אַן עגבער:
„ווער קען עס, ווער קען עס באַווייזן?"

—

עס פאַלט אויפן אינגל אַן אימה אַ ווימטע,
און ס'שווימט אים אַרוים אין זכרון
— די ענדלאָזע שטראָף פאַר אַזעלכע מחשבות
דער גיהנם, דער פורכטבאַרער צאָרן.

און ס'שרעקן די ליכט אים, די שאָטנס, די קיטלען,
און ס'דרינגט אים אַדורך יעדן אבר
די קעלט און דער עלענד, דאָס פוילעניש וויסטע
פון פייכטן און פינצטערן קבר.

אָט זעט ער דאָס פייער דאָס גרינע פון גיהנם,
אָט הערט ער די שוואַרצע יללה —
די שבעה מדורים מיט זינדיקע זעלן,
די מחנות מלאכי חבלה.

און פלוצלונג טוט ווידער אין מוח אַ קלאַפּ אים,
אַזוי ווי מיט עפּעס אַן אייזן,
און ס'עגבערט די העלישע קליפּה און עגבערט:
„ווער קען עס, ווער קען עס באַווייזן?"

עס דאַוונט מיט גרויסער התלהבות דער עולם,
נאָר איינער, דער צווייפלער דער קליינער,
ער שטייט צווישן פּאַטער און פריינט אַזוי איינזאַם,
און ס'קוקט זיך נישט אום אויף אים קיינער.

אַ, איינזאַם, אַ, פינצטער, אַליין מיט זיין אומגליק!
ער שטייט אָן באַוועגונג, אָן לשון,
ער שטייט און ער פלאַטערט, צום טויט ווי פאַראורטיילט,
מיט שווייס און מיט טרערן באַגאָסן.

עס ווייס נישט דער פּאַטער, עס ווייסן די פריינט נישט
די טיפע, די גייסטיקע ליידן,
וואָס האָבן פאַראומערט זיין פרילינג פון לעבן,
גערויבט פון זיין יוגנט די פריידן.

ניו יאָרק, 1897.



# מידקייט

עס קומט אויפן זין מיר אַ בילד פון אַמאָל:
איך זיץ אין ישיבה *) און לערן,
צונויפגעדריקט שטערן צו שטערן;
נאָך צענדליקער לערנען ביים טיש אויפן קול.
עס ציען זיך צענדליקער טישן,
עס מישן זיך גוואַלדן און מישן.
ברומט איטלעכער אוים זיין גמרא באַזונדער,
דאָך אַלעמענס איז דער געשריי;
אַנטפלעקן זיך איטלעכן ליכטער און וואונדער,
דאָך וויהט אַזאַ וויי, אַזאַ וויי.

עס פינצטערט אין שטום־שפּיל פון פענצטער פאַר מיר
דער ווייסער און ווינטיקער דרויסן,
עס שטויסן זיך שאָטנס און שטויסן,
— איך קוק אויף די שויבן און וואַרט אַלץ אויף איר
אַט קומט זי פון שניי־שטילע וועגן
און זילבערט אין פענצטער אַנטקעגן;
זי וויהט פאַר מיין ברענענדן שטערן אַלץ קילער,
אַ שימערנדע שניי־שיין־געשטאַלט.
אַ ליבער, לבנהקער חלום, אַ שטילער,
אין מיטן באַטויבנדן גוואַלד.

---

*) וואלאָזשינער ישיבה.

און דרויסן די פראָסט־נאַכט די פינצטערע ברענט,
און אַלץ איז אין סודות באַהאַלטן,
און אינווייניק גרוילן די גוואַלטן,
און ענגער אַלץ שטיקן צונויף מיך די ווענט.
מיך מאַטערט די מידקייט פון דורות,
דער רעש פון חזרן תורות,
עס בלאָנדזשעט מיין בליק אויף די שויבן פון שטילקייט,
איך בעט פאַר די קוויטן פון אייז:
אָ, שנייאיק געשפּענסט מיין, אָ, טרוים פון מיין קילקייט,
באַווייז זיך, און צויבער באַווייז!

אָ, גיב מיר אין ברען פון דעם הימל־יריד
דיין אייזיקן אָטעם צו פילן,
דעם מאַרך דעם צעהיצטן צו שטילן.
איך בין פון די תורה־מלחמות שוין מיד —
די בלוטן פון האַרצן צו בייטן
אויף פאַרמעטס פון אַלערליי צייטן.
אָ, גיב מיר, פון קילענדער רו אַ באַרויבטן,
דיין פראָסט־שטילע צפון־נאַכט רו —
פון בבלס פון טומל־און־גוואַלד אַ באַטויבטן,
אַנטרונענג אַוואו נאָר, אַוואו!

ניו יאָרק, 1923.

דריטע אפטיילונג

# די ערשטע טריט



# די ערשטע טריט

## 1

### די פּיאָנערן

(צום אָנדענק פון א. קרעמער)

איר גייט אין אַ גרויען, געהיימען פֿאַרטאָג
אַרויס מיטן רויטן לאַמטערן;
איר טוט אין דעם חושך אַ זאָג:
זאָל ליכטיקער ווערן!

און ליכטיקער ווערט דורכן נעבל. מען זעט
דעם אַפּשטראַל אַרום דעם צעשפּרייטן;
עס טראָגט זיך אַ ליכט-עסטאַפעט
אין פייערדיק־רויטן.

דער אָנזאָג פון גאולה, וואָס וועקט און דערהויבט!
און וואו נאָר דאָס ליכט טוט זיך ווייזן,
צערייסט עס די בליי און באַלויבט
אַלץ גרעסערע קרייזן.

איר גייט אויף די אָרימסטע בוידעמס אַרויף,
איר לאָזט זיך אין קעלערס אַרונטער,
און אומעטום גייט מיט אייך אויף
די האָפענונג מונטער.

עס מערן זיך ליכטיק מיט יעטווידן טראָט
די מחנות פון פֿאָלק פון דערוועקטן;

צי זעט מען דעם אָרעם פון גאָט
אין ליכט אַן אַנטפּלעקטן?

דער נכנע, וואָס האָט זיך אין פחד געקניט,
פאַרשטומט, ווי אַ שעפּס פאַרן שערער —
ווי האָט אין אים שטאָלץ זיך צעגליט
דער בראַווער צעשטערער!

ווי שנעל און ווי שלאַנק גלייכט דער רוקן זיך אויס,
וואָס האָט זיך אין דרייען געבויגן;
ווי פלאַקערן אויף אַזוי גרויס
פאַרלאָשענע אויגן.

די שפּלטע הויבן זיך העכער אַלץ אויף
און הויבן מיט זייער דערהויבן
די אומה די גאַנצע אַרויף —
וואָלט ווער עס ווען גלויבן?

פאַר מיר איז דער וואונדער פון וואונדערס געשען,
דער אומבייט פון טויזנטער יאָרן —
איך האָב מיט די אויגן געזען
אַ פאָלק ניי־געבאָרן.

איך האָב עס געזען אין אנטציקענדן גליק;
איר האָט אויפן וואָר מיר געגעבן
דאָס פאָלק פון מיין חלום צוריק,
פאַר וועמען צו לעבן.

ניו יאָרק, 1922.

2

# אין די פּאַרנאַכטן

(צום אָנדענק פון צ. קאָפּעלזאָן)

איך זע אים פּאַר זיך, ווי אַמאָל, אַ פּאַרטראַכטן;
ער שטייט אויפן ראָג אין די ווילנער פּאַרנאַכטן.

ער קוקט אַזוי ליטע'דיק, אָרעם און בלאַס,
ווי אויבן דער הימל, ווי אונטן די גאַס.

אַ שטאָט — אַ צעשראָמפּען געזיכט פון אַ זקן,
צעקנייטשט אין זאַוואָלקעס, פאַרגעלט און צעשראָקן.

די מענטשן, די מויערלעך — שטשופּלע און קליין,
און גרוים טיילט זיך אויס נאָר דער וואָלקן אַליין.

ער הענגט אַזאַ דיקער, אין לאַנגוויל אין שווערן,
און טריפט נאָכאַנאַנד זיינע גרויאינקע טרערן.

און אונטער אים ליגט די פאַרהאַוועטע גאַס,
וואָס טומעלט זיך נעבעכדיק, נישטיק און נאַס.

דאָס קערט זיך ניט אָן מיטן יונג דעם פּאַרטראַכטן,
וואָס וואַרט אויפן ראָג אין די ווילנער פּאַרנאַכטן.

ער שטייט און ער קוקט ניט און קוקט אָבער גראָד,
ביז וואַנען זיער פּלאָטערט פאַרביי, ווי אַ סוד.

אַ דרײַ מיטן אויג און אַ שושקע אין אויער,
עס שאָטנט װער דורך און פאַרשװינדט אין אַ טויער.

און שטום אויפֿן ראָג שטייט דער װאַרטער און שטייט,
דער פּנים פֿאַרטוליעט, די בליקן צעשפּרייט.

אָט סוד'ן זיך איבער אַ צװייטער, אַ דריטער,
און שװינדן אין טויער מיט פֿריידיקן ציטער.

מען רוקט און מען רוקט זיך געהיימנישפֿול צו;
אָט צינדט זיך אַ פֿייערל אָן ערגעץ־װאו.

און װייטער אויף אַנדערע ראָגן און װייטער,
עס שטייט אויף דער װאַך אַליין אַ יונג אַ פֿאַרשייטער.

און פֿייערלעך, פֿייערלעך פֿיל, אַזוי פֿיל,
זיי צינדן זיך אָן אין דער שטיל, אין דער שטיל.

זיי גיסן זיך איינס מיטן צװייטן צוזאַמען;
די פֿייערלעך װערן פֿאַרצערנדע פֿלאַמען.

זיי רייסן מיט אימפּעט זיך דורך, פֿרייערהייט,
באַלויכטן די נאַכט אַזוי רויט, אַזוי רויט.

זיי שפּרינגען פֿון בוידעם, זיי שפּרינגען פֿון קעלער,
פֿאַרכאַפּן שוין אַלע עטאַזשן אַלץ העלער.

זיי שפּרינגען פֿון װילנע און מינסק און סמאָרגאָן,
זיי צינדן די מלוכה די ריזיקע אָן.

אַט פלאַקערט גאַנץ רוסלאַנד און ברעכט שוין צוזאַמען,
אַט שטייט שוין די וועלט אַ פאַרכאַפּטע אין פלאַמען.

די כמורנע, די שווערע, פאַרפאַנצערטע וועלט,
אין פייער געליטערט, פון פייער באַהעלט.

**
*

וואו ביסטו, דו צינדער, וואָס האָט אויף די ראָגן
די פייערלעך אַלע געהיט און געטראָגן?

צי ליגסטו עק־וועלט וואו, פון שנייען פאַרוויהט,
דיין וויסט־ווייס געביין אויף די וועגן פאַרזייט?

צי שטייסטו נאָך אַלץ און באַוואַכסט נאָך דאָס פייער,
ווי שטענדיק, אַ גרייטער, ווי שטענדיק, אַ טרייער?

צי מיד, אויף אַ ווייט־פרעמדער ערד ערגיץ וואו,
דערלעבסטו די יאָרן די לעצטע אין רו?

צי טראָגסטו אין גלות אויך, שטיל און באַשיידן,
דאָס הייליקע פייער אין הייליקע ליידן?

דו העלד פון מיין ליטע, אַוואו נאָר דו ביסט,
אָ, זיי מיט דער שׂרפה דער גרויסער באַגריסט!

ניו יאָרק, 1922.

## 3

# אויפֿן פּאַראַד ··

טוט אַ קלאַפּ די מוזיק מיט די מעשענע מיילער,
פּילדערט־אויף דער סאַבאָר מיט די קופּערנע צינגער,
און דער הויפּט־גענעראַל, מיטן קאַרק פֿון אַ קיילער,
טוט אַ הויב פֿאַרן הימן צום שלייף זיינע פֿינגער.
גייט אַ פּלאַטער פֿון ביקסן אַדורך די יוואָנים,
טוען אַקסלען אַ צופּ מיט די גאָלד־עפּאָלעטן,
און עס שפּרינגען די קלאַנגען אַרויס, ווי גזלנים,
אין געדיכטן, אין ענדלאָזן וואַלד באַיאָנעטן.

און עס קייקלט אַדורך די יוואָנישע ציילן,
ווי אַ דונער: הוראַ! — און בלייבט הענגען פֿאַרפֿראָרן;
און עס ציטערט דער אָפּהילך דורך ווייט־ווייטע מיילן,
דורך שניי־וויסטע מיילן פֿאַרפֿראָרענעם צאָרן.
און דאָס אַלץ איז פֿאַרפֿלייצט מיט אַ בלענד־ליכט אַ קאַלטן—
און דער שטאָל־גלאַנץ פֿון ביקס, און דער גאָלד־פֿלאַם פֿון צלם,
און די זייד אויפֿן שטאַנג מיטן גאָט דעם באַשטראַלטן,
און דער קאָפּ־אָפּגעדעקטער, צעשראָקענער עולם.

און איך זע זיך אַ אינגל דאָרט שטיין,
מיט פֿאַרשצעמעטע פֿיסטן און ציין,
טריפֿה־ביכלעך אין בוזעם פֿאַרפּאַקט,
און איך מורמל אַ האַס־ליד צום טאַקט —
די טיראַנען מיין גלוטיקן האַס!
מיין פֿאַראַכטונג דער קנעכטישער גאַס!

און איך פֿיל, אַז פֿאַרבאָרגן אין בוזעם ביי מיר
טראָג איך פֿלאַמען אין ביכלעך פֿאַרגעלטע פֿאַרשטעלט;

טראָג איך שטורעמס פאַרוויקלט אין בלעטלעך פּאַפּיר —
און אָט גייען זיי באַלד שוין ארויס אויף דער וועלט.
צינדן מאַכן זיך אָן, מיט אַ גרים־פייער אָן,
טוען לאַפּטשעס אַ טופּ דורך דער ענדלאָזער פלאַך,
טוען פלייצעס אַ שפּאַר, הונדערט פופציק מיליאָן,
און עס דונערט דער גרעסטער אַלט־וועלטיקער קראַך.

טוען גייסטער אַ שוואונג, הונדערט פופציק מיליאָן —
צו דער זון! צו דער זון! — דורך דער ענדלאָזער פלאַך;
שפּאַרן בבלשע טורעמס אין הימל אַזש אָן,
און עס קען שוין קיין גאָט ניט צעמישן די שפּראַך.
„אַ שטיי אויף! הייב זיך אויף!" — און מיך טוט אַ הויב אויף,
און איך לויף הינטער שטאָט צו אַ לעבן אַ העלס,
און איך רוף אין דער אייזיקער ווייט און איך רוף
מיטן ווינט פון דעם צוג, מיטן פייף פון דער רעלס.

*
* *

און אַזוי האָט מיין פּאַטוס באַפוילן:
ביי אַ קאַשטאַנבוים ערגעץ אַ הוילן
לעב איך דורך מיט אַנטציקענדן ציטער
יענעם ערשטן נשמה־געוויטער,
דעם פיל־שטימיקן שטורעם, דעם יונגן,
וואָס האָט נאָכדעם מיין לעבן פאַרקלונגען.

ניו יאָרק, 1922.

## 4

# רעפלעקסיעס

זי האָט זיך, ווי אַ שטערן, איבער מיר געשטעלט
און האָט מיין הונגער־לעבן פייערליך באַהעלט.
און כאָטש איך האָב געפּרואווט זיך ווערן שאַרף און ביטער,
ווי אַ געוועזענער בעל מוסר אַ געניטער,
אַנטקעגן אָט די נאַרישקייטן פון דער וועלט,
איז וואונדערלעך געווען דער ערשטער ציטער.

זי איז, אַ שטילער שטערן, מיר אין וועג געקומען —
דער פּנים מאַט, מיט צער פון דורות דורכגענומען,
די באַקן פול מיט זון־גלות, ווי אַ מזרח־בלום,
די אויגן טונקל־טיף, אַראָפּגעלאָזן פרום,
און מיטן שד פאַרשטעקט אין טיפן בליק, אין פרומען.
און באַלד צעברענט זיך די מלחמה שטום.

עס שפּילט דאָס יונגע בלוט, דער איבערפלוס פון קראַפט,
און ליידנשאַפטלעך קעמף איך מיט דער ליידנשאַפט,
און לויט דעם מוסר־נוסח, פּרואוו איך זי דערשטיקן.
איך זאָג זיך אַליין: פאַרגענגלעך זיינען דאָך די גליקן!
איך זאָג זיך טויזנט מאָל: דאָס האָט דאָך ניט קיין האַפט!
דאָך ציט אַזוי אין טייוועלשן אַנטציקן.

ביי טאָג איז ווי־עס־איז נאָך, צווינגט מען זיך ניט טראַכטן.
דאָך ווער קען ביישטיין די פאַרכשופטע פאַרנאַכטן!
איך זיץ אין דאַך־צימער און בלאָז דעם פּאַפּיראָס,
און די פאַנטאַזיע שווימט, ווי משקה אין אַ כוס,
און איך פאַרגעס די גאַס און אַלע אירע שלאַכטן.
איך זיץ און טראַכט מיר — שדים־ווייס־איך־וואָס.

אָט עפנט זיך מיין חלום, ווי אַ פרילינג־בלום,
און שיכור גליט מיין וועלט אין פאַרבן און פּאַרפיום;
דאָך באַלד שווין כאַפּ איך זיך און זע אַן אויפגעגרוילטער:
דאָס צאַרטסטע וועלקט און געלט אין טויטקייט אין צעפוילטער.
און ווי ניט לאַנג נאָך פריער, צווייט זיך זינדיק־פרום
מיין טרוים פון ערד און הימל, מיין צעטיילטער.

אַזוי פלעגט פריער נאָך שוין טרעפן מעשה שטן:
איך זיץ פאַרנאַכט ביים מוסר, און אַ גיהנם־שאָטן
טוט פּלוצלונג פאַר די אויגן שלענגלדיק אַ שיין,
און שיסט אַ סנאָפּ פון פייער מיר אין מאַרך אַריין,
און האַסטיק שפּרינג איך אויף, אַזוי ווי אָפּגעבראָטן:
הרהורים רעים, גאָט זאָל מציל זיין!

און ווידער קומט זי איצט, אין דער פאטאלער שעה,
די לילית די צעשטראַלטע וכל כת דילה,
מיט דעם פאַרפירערישן בלענד־שפּיל, דעם פאַרשייטן,
מיט אַלע רייצנדיקע, פּוסטע נאַרישקייטן,
און קיין פאַרבאָרגעניש איז פון איר ניטאָ,
און ווידער מוז איך שטרייטן, שטרייטן, שטרייטן.

איז דאָך קיין ענדערונג אין מיר ניט פאָרגעקומען,
איך האָב אַן אַנדער מוסר־ספר נאָר גענומען:

אנשטאָט דעם ראשית חכמה *) לעז איך מירטאָוו'ס בריף,**)
און ווידער גריבל איך זיך אומרואיק און טיף,
און מיטן זעלבן פּומנעם, מוסרדיקן ברומען,
און מיטן זעלבן מתים־ליכט מאָטיוו.

אָט זיץ איך אין מיין צימער, חויך אַזוי אין דאַך,
און פּרואוו, ווי מירטאָוו, טראַכטן פון די טרעפּ אַ סך,
וואָס טוען זיך געדרייטע צו מיין בוידעם ציען —
ווי מענשן האָבן דאָס פאַר מיר געטאָן זיך מיען.
דאָך ניט צו דעם סטאָליאַרסקן און מוליאַרסקן פאַך,
נאָר גאָר צו איר טוט מיין מחשבה פליען!

אָט קיי איך, מיין אָקרייעץ שוואַרץ־ברויט, האַרט און זויער,
און פּרואוו, ווי מירטאָוו, טראַכטן פון געדריקטן פּויער,
וואָס האָט זיין אָרעם פעלד געאַקערט און געזייט,
און מיך צו זעטיקן דעם קאָרן צוגעגרייט.
דאָך ניט די נויט די פּויערשע אין שוויים און טרויער,
נאָר זי, נאָר זי האָט גאָר מיין קאָפּ פאַרדרייט.

אוי וויי! די לאַסט ווערט שווערער מיר מיט יעדן טראָט,
איך קען ניט נאָכקומען די חובות און געבאָט,
און ערגער נאָך און האָפנונגסלאָזער איז די צרה,
וואָס די חשבונות זיינען דאָך אַזעלכע קלאָרע:
באַצאָלן אַלע שולדן, אָדער גיין באַנקראָט
און איבערגעבן זיך צום יצר הרע.

---

*) אַ באַוואוסטער מוסר ספר פון רבי אליהו די ווידאש מיט דער באַרימטער „מסכתא גיהנם".

**) „איסטאָריטשעסקיאַ פּיסמאַ מירטאָווא", פון פּעטער לאַווראָוו.

און פלוצלונג פֿאַס איך מיין באַשלוס מיט פרייד מיט עכטער,
מיט פרייד מיט עכטער און מיט זאָרגלאָזן געלעכטער,
און אַלע מיינע זעכצן יאָרן לאַכן מיט,
ווי מירטאָוו טוט שוין באַלד אַ פלי פון טיש און פליט —
איך לאַך פון זיך, פון מיין נשמה דער פאַרשוועכטער,
איך בין באַנקראָט און גרינג איז מיין געמיט.

קאמישא, נ. י., 1930.

5

## דער „קאַריערסט״
(נוזין)

קליין און מאָגער, ווי זיין גוף, איז אויך זיין לעבנס־פלאַן,
און זיין נפש אָפּגעטראָגן, ווי זיין בלוזע;
איז זיין הויכער אידעאַל אַ כלה מיט נדן,
און זיין שיינער חלום איז אַ שיינע פוזע.
איז עס ער — מיין שכן אויפֿן בוידעם;
כאַפּן זאָלן אים די שדים!

טראַכט ער ניט פון סטאַלער, ווען ער לויפט אַרויף די טרעפּ;
טראַכט ער ניט פון פויער, ווען ער קייט דאָס ברויט;
טראַכט ער ניט פון מירטאָוו'ן, נאָר פון סטודענטן־קנעפּ,

ווי ער ענדיקט דאָקטאָר און ער רייסט די הויט.
איז עס ער — מיין שכן אויפן בוידעם;
כאַפּן זאָלן אים די שדים!

טענה איך און טענה: קאַריערישט, דו קאַריעריסט!
האָט ניט וועך דעם בוידעם, וואו דו וואוינסט, געבויט?
האָט ניט וועך געבלוטיקט אויפן ברויט, וואָס דו געניסט?
וואָס־זשע צאָלסטו זיי צו לינדערן די נויט?
טענה איך אַזוי און טענה אַלץ אַריין,
און ער זוברעוועט זיך זיין לאַטיין.

טענה איך און טענה: קאַריעריסט, דו קאַריעריסט!
קומט דאָך אָן אַ סוף אויף אייער ראַבעווען,
וועט מען איך, בורזשועך, באַלד אַרויסקערן, ווי מיסט —
וואָס־זשע וועסטו האָבן פון דיין האַבעווען?
טענה איך אַזוי און טענה אַלץ אַריין,
און ער זוברעוועט זיך זיין לאַטיין.

זוברעוועט ער, און די הענט, זיי טוען אים שוין בייסן,
און די הונגעריקע אויגן טרויערן;
ווי ער ליידט דאָס, וואָס ער קען נאָך ניט די רובעלס רייסן,
אַז אויך א י ך בין גרייט שוין צו באַדויערן.
איז עס ער — מיין שכן אויפן בוידעם;
כאַפּן זאָלן אים די שדים!

זע איך אין די פּלעמלעך פון די אויגן, וואָס באַגערן,
אונזער בורזשואַזע וועלט אין מיניאַטור —
ווי עס וואַקסט אין אים דער וואָלף און טוט זיך גאָר ניט שטערן,
אויפריכטיק אַ חיה טאָקע פון נאַטור.

איז עס ער — מיין שכן אויפן בוידעם;
כאַפּן זאָלן אים די שדים!

טענה איך: און גייסטו אויפן רויב אַרויס צו שפּעט,
ווּעסטו דאָך מיט אימפּעט נעמען זיך צום פּליקן,
זאָלסטו אונטער דיינע פּערד און אונטער דיין קאַרעט
קינדער אויף די גאַסן כאַטש ניט שטיקן!
טענה איך אַזוי און טענה אַלץ אַריין,
און ער זובּרעוועט זיך זיין לאַטיין.

טענה איך: און ווייסטו ניט פון מירטאַזו, מאַרקס און העגעל,
ווייס פון אנטיסעפּטיק כאַטש און האָב אַ האַרץ;
זע, אַז ווען דו אפּערירסט, זאָל אונטער דיינע נעגל
דעמאָלט כאָטש ניט זיין אַזוי משונה־שוואַרץ!
טענה איך אַזוי און טענה אַלץ אַריין,
און ער זובּרעוועט זיך זיין לאַטיין.

קאַמישאַ, נ. י., 1930.

## 6

## דער קאָנספּיראַטאָר

אין אַלטער וועלט, אין בורזשואַזער, האָט געווים אים
גענלאַשצעט אויך אַמאָל אַ מאַמע,
און זאָל מען גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון נסים —
נאָך אויך אַן אַנדער פּרוי מסתמא.
דאָך בורזשואַזע שוואַכקייט האָט ביי אים זיך שוין
אין היץ פון רעוואָלוציע אויסגעוועפּט:
איצט האָט ער ריין מיט דער באַוועגונג נאָר אַליין,
ווי מיט אַ ווייב, געלעבט.

און לאַנגווייל האָט פון אים געהאַקט פּאַר מיילן,
און שטענדיק האָט ער וואו געטאָן זיך איילן,
און אַלץ אויף אַלע קנעפּלעך אַ באַפעסטיקטער,
און אַלץ מיט שווערע סודות אַ באַלעסטיקטער.

ער איז געווען משגיח אויף דער קאָנספּיראַציע,
וואָס האָט די קלויז־משגיחים מיר פאַרביטן —
אַ כשר־אויסגערעדלטער, ווי שמורה־מצה,
און פלאַך אַזוי און האַרט, אַזש גאָט זאָל היטן.
און איך, אַ שטיפער, פלעג משגיחים ניט פאַרטראָגן,
און פלעג מיט ווּסטע שפּיצלעך נאָכאַנאַנד אים פּלאָגן.

עס איז געווען זיין כלל פון אַלע כּללים,
אין גאַס ניט אָפּצוגעבן קיינעם שלום.

נו, טרעפן מיר אין גאַס זיך ביידע, נאָז צו נאָז,
און מיטן ברייטן שלום גיב איך זיך אַ לאָז,
דערקענט ער ניט מיין ווייניקייט, כאַטש טו אים וואָס!
דערלאַנג איך מיט געלעכטער הויך אין אים אַ שאָס,
און אויפגעטרייסלט ווערט ער און דערקלערט מיר שאַרף:
איך וועל מיין פּסק שוין קריגן ווען און וואו מען דאַרף!

ער ווערט פאַר די געהיימע פירער מיך פאַרמסרן,
מען וועט מיך שוין, ווי אין וואָלאָזשין, ווידער אסרן.

אָט זע איך אים, ער טוט אין גאַס געהיים זיך שאַרן,
און באַלד אויף זיינע שפּורן נעם איך שפּאַרן, שפּאַרן;
פאַרדעכטיקט ער אַ שפּיק, וואָס טוט פון הינטן שפּרייזן,
דאָך זען, ווער גייט עס — טאָר מען ניט דעם פּנים ווייזן.

און באַלד שוין הויבט זיך אָן אַ לויפעניש אַ שרעק,
אַ ריכטיקער געיעג.

אָט נעמט ער שטעלן פיס אַלץ גיכער, גיכער,
און איך נאָך אים אין פּיאַטע; איז ער זיכער,
אַז ערנסט איז דער ענין, נעמט ער לויפן, לויפן,
און איך אַלץ — טוזש נאָך אים, אין אַ טריאומף אַ טרייסן.

און טומעלדיקער ווערט די לויפעניש און ווילדער,
איך קלאַפּ די טריט אָן ברוק מיט הילכיקן געפילדער;
ווערט באַלד אַ שטיקל סומאַטאָכע שוין אין געסל,

צו זען — אַ אינגל יאָגט זיך נאָך אַ באַלעבעסל;
אַט שטעלן זיך שוין אָפּ די פּאָרער און די גייער,
ביז וואַנען מיר פאַרשווינדן ביידע אין אַ טויער —
דערזעט ער מיך און, אָ, דער ווילדסטער פון גזלנים
האָט ניט געהאַט אַזאַ רציחהדיקן פּנים!

און וויפיל האָב איך אים מיט גראַמען אויסגעמאַטערט,
און עפּיגראַמען קונציקע אויף אים געפּטרט.

איך פלעג אין גראַם אים אַלץ דערמאָנען
אָן די פאַנטאַסטישע לעגיאָנען
פון זיינע אויסגעשפּירטע שפּיאָנען,
און פון מיין לייכטזין פלעגט ער ווערן אויפגעציטערט,
איך האָב דאָס קאָנספּיראַציע־לעבן אים פאַרביטערט.

און קיינמאָל ניט אַרויסגעקוועטשט פון אים אַ שמייכל.
אָ, חבר, זיי מיר מוחל!

קאמישא, נ. י., 1930.

7

## דער סאָלדאַט

איך פּלעג אים זען בײַטאָג, בײַנאַכט און אין דער פרי,
אין דער באַוועגונג, שטענדיק אויפן פלי.

איך האָב נאָך אײנזאַמע צוויי קנעפּלעך מעשענע
אויף זײַן געלאַטעטן מונדיר געזען —
אַן אָנדענק פון די טעג פון די פאַרגעסענע,
ווען אין גימנאַזיע איז ער נאָך געווען.

און ווי דער פליענדיקער, שײנער שמעטערלינג
פאַרגעסט זײַן פּויזענדיקע וואָרעם־צײַט,
פאַרגעסט ער אויך, דער פליער, זאָאָלאָגיש־גרינג
זײַן באַלעבאַטישע פאַרגאַנגענהייט.

און ניט צום סאָציאַליזם איז ער דאָס געקומען,
ער האָט די תורה שוואַך, גאָר שוואַך באַנומען.

און אויך דער רייץ פון סודותפולן שטרײַט,
פון שפּאַנענדיקער אונטערערדישקײַט,
האָט ערנסט אים דאָך ניט געקענט פאַראינטריגירן,
און ניט דער חשק מענטשן פאַרן נאָז צו פירן,
און ניט די יאָגעניש צו גילטן פאַר אַ כוואַט
און בײַ די מיידלעך גרויסן חן געפינען;
ער קומט אין דער באַוועגונג פּשוט אַ סאָלדאַט,
וואָס איז געבאָרן אימיצן צו דינען.

און דינט ער וועמען, איז ער אַ סאָלדאַט אַ טרייער,
וואָס שטענדיק איז ער גרייט צו גיין אין פייער.

עס איז זיין אַרבעט אויסצופאָלגן ערלעך
און דורכצופירן אַלץ וואָס איז געפערלעך;
עס איז זיין חוב צו גיין דעם טויט אַנטקעגן
און קיינמאָל ניט ביי קיינעם קשיות פרעגן.

און ווי ער האָט געוואָרפן טאַטע־מאַמען,
זיין הויז מיט אַלץ און אַלעמען צוזאַמען!

עס איז זיין פלי געווען דער פלי פון אַ מאַשינע,
וואָס בויט און וואָס צעשטערט און מאַכט נישט קיין שום מינע;
ווי שרעקלעך מעכטיק און ווי ניט־קאָקעטיש,
און אין זיין מאַכט אַפילו אויך פאָעטיש.

און פלעג איך זען אים און זיך פאַרשטעלן אַמאָל
אַזעלכע מענטש־מאַשינעס אין אַ גרויסער צאָל,
פלעגט אַזש אַן אימה אַן אַנטציקנדע באַפאַלן,
פון כוח פון דעם גוואַלטיקן, דעם קאָלאָסאַלן.

עס ווענדט זיך נאָר פון וועמען
די מוראדיקע באַנדע
וועט די דעוויזען נעמען
און די קאָמאַנדע.

קאמישא, נ. י., 1930.

8

## שבת צו נאַכט אויפן שפּאַציר
(ב. וולאַדעקן)

אויבן דער מילך־וועג און אונטן דער שניי,
איך און מיין יוגנט אין מיטן;
גיי איך אין ווינטיקער ווייסקייט און גיי,
ווינקט מיר אַ פראָסט־וועלט אין בליטן.
ווינקען מיר פליטן אין קווייטן פאַרוויכהט,
הויז־דעכער — זילבערדיק־זויבער,
שנייאיק באַלויכטן און ליכטיק באַשנייט,
שטום אין פאַרגליווערטן צויבער.

ווינקט אַ צעגליטער דער מיטן פון שטאָט,
רייטלען זיך מויערן גרויע;
קלינגט אין די פראָסט־קייטן מונטער מיין טראָט,
הויבט מיך אויף פליגלען אייז־בלויע.
שלענגלען זיך שנייאיק און שלינגען מיך איין
לוסטיקע, גליאיקע גאַסן,
שוימיקע שטראָמען פון שויבן מיט שיין,
ראַשיקע, שפּאַסיקע מאַסן.

ציט פון אַ קירך־שפּיץ אַ גלאָק־רוף און ציט,
שבת־ביי־נאַכטיק פאַרטרויערט;
וויינט אַ געשפּענסט אין דער פינצטער דאָרט מיט,
הויערט אַן אומעט און הויערט.
פאַלט אויף די גאַסן דאָס גליך־גלאָן געוויין,
פויזען די קלאַנגען און קריכן;

טרעמפּלט זיי אונטער די פיס דער המון
מונטער אין פראָסט־גאַנג אין גיכן.

זילבערן זינגענדע שליטנס פאַרביי,
פליען אין פוטער און פליטער;
גליקלעכע גלעקלען זיי דורך אַזוי פריי,
גלייך ווי אַ פריידיקער ציטער.
שלאָגט זייער רייצנדער אָפּשיין זיך אָפּ
האַרט אָן המון אויף די לאַוועס;
טרעטן די יונגען פאַרריסן דעם קאָפּ,
שוועבן די מיידלעך, ווי פּאַוועס.

קלינגט מיט די שפּאָרן אַ בייזע פאַרשוין,
שטויסט זיך מיט שימפּענדער תקיפות;
שטעלט זיך אין וועג, ווי אַ וואַנט, דער המון,
שפּאָט פון די שייניקע שליפעס.
פילט זיך אַ שטאָלץ־ווידערשפּעניקער ברען;
גייט מיר אַ גלי דורך די גלידער:
אונזערע אַלע! איך זע זיי, דערקען —
אונזערע שוועסטער און ברידער!

מאָנצינקע פרינצן פון שער און קאַפּול,
ביצלעך פרינצעסינס פון קעלער —
אונזערע אַלע! ווי פיל און ווי פול,
לויכט מיר די שבת־נאַכט העלער.
לויכטן נשמות מיר אויף אין המון,
הייליק־פאַרהוילענע ליכטער;
זעאונגען ווייהען פאַר מיר אַזוי שיין,
שטראָלן אַרום די געזיכטער.

בלייבן אין נאָרד־נעכט אָן־סופן פון שניי,
קלינגען און זינגען זאַווייען;
זע איך אין שנייאיקן חושך דאָרט זיי,
גייען מיט ליכטער און גייען.
זע איך זיי אזש ביזן אייזיים צעשפרייט,
וואַגן די פינצטערסטע שרעקן,
גייען דורך טיורמעס און טאַיגעס און טויט,
טראָגן די ליכטער און וועקן.

ניט ווי דער פאָלקס־העלד פון רוסישן בוך,
ניט ווי דער טרוים פון פּאָעטן,
ניט אין די לאַפּטשעס און ניט אין קאָזשוך
קומען זיי רוסלאַנד צו רעטן.
קינדער פון געטאָ אין געטאָ אַליין,
אידן־שטויב, חוכאָ און טלולאָ,
לעצטע פון לעצטע אין שקלאַפן־המון
זיינען די ערשטע אין גאולה.

זע איך דעם נביא, וואָס האָט זיי געזען,
טויזנטער יאָרן דערוויטערט —
דורות נאָך דורות אין היילינקן ברען,
טויזנטער יאָרן געלייטערט.
גיי איך אַזוי אַן אַנטציקטער און גיי,
העלט מיר אַלץ העלער דער וואונדער;
הויך אין נאַכט זע איך אויף יעדן פון זיי
פלאַקערט אַ פאַקל באַזונדער.

ניו יאָרק, 1923.

9

## אויפֿן קאַטאָק

(ב. פֿרומקינען)

ווייס איך ניט, ווי האָבן מיך די פֿיס געבראַכט
אין פֿאַרשנייטן פּאַרק, צו דעם קאַטאָק, פֿאַרנאַכט.

גייט דער טאָג דער קורצער שטאַרבן
אין די וואונדערלעכסטע פֿאַרבן,
מיט אַ טויט אַ שיכּור־רויטן,
אין די פֿראָסט־געשמידטע קייטן.

טונקלט דער קאַטאָק אין סאַמעטענעם גלאַנץ,
מיט די יאָלקע־בוימלעך גרין אַרומגעצאַמט,
דרייט זיך אום דער שניי אין ווינטיק־ווייסן טאַנץ,
פֿרירט דער הימל בלאָ אין קאַלטער עלעגאַנץ,
און דער זון־פֿאַרגאַנג, דער פֿראָסטיק־רויטער, פֿלאַמט.

מיטן פֿלאַם פֿאַרנאַכט הויבט אָן די קעלט צו שטייגן —
שושקען טרוקן זיך די אייז־באַדעקטע צווייגן.

און פֿאַראַדנער און געדיכטער
פֿילט זיך דער קאַטאָק אַלץ אָן,
מיט די פֿראָסט־און־פֿלאַם־געזיכטער,

ווי מיט מאַסקעס אָנגעטאָן —
אין דער פֿייערונג דער גרויסער
פֿאַרן כבוד פֿון דעם קייסער.

איז דער עולם פֿון די קומער
אַ טשינאָווניער און אַ פּרומער,
קלויסטערדיק און מיליאָנעריש,
מיליטעריש און ווענעריש,
אַלץ אין פּולן, אַלץ אין פּעטן,
מיט קאַרעטן, עפּאָלעטן,
און געהויבענע געמיטער,
לויט די הויך־געפּרייזטע גיטער,
און ווי הויך מען טוט דערלאַנגען
אין טאַבעלע פֿון די ראַנגען.

טוט אַ קנאַק אין פּראָסט דער גרעסטער
מיליטערישער אָרקעסטער.
פֿליען דאַמען, פֿליען הערן,
ווי די קוקלעס, ווי די בערן,
אויף די רעדלעך, אויף די שטולן,
מיט די שווערע קאַראַקולן,
מיטן סאַמעט, מיטן פֿוטער;
טראָגט אַ רוח אַ ניט־גוטער
אין די פּלאַטערדיקע פֿעלן,
אין די האַמעטנע שינעלן —
טראָגט אַרום, אַרום, אַרום,
גריליק־גריליק־גריליק און דום־דום־דום.

שטיי איך דאָ אין זומער־מאַנטל אַ פֿאַרשטעקטער,
אַ דערפֿראָרענער, אַ פּלאַמיק־אויפֿגערעגטער,

מיט די באָטעסלעך מיט די צעלעכערטע,
מיט די שטימונגען מיט די געהעכערטע.

טוט דאָס קאָמישע אַזוי אַנטציקן,
אַז איך פּרואוו אין זיך דעם האַס דערשטיקן.

**
*

קנאַקט דער פּראָסטיקער פּאַראַד
שוין מיט פולע צוואַנציק גראַד,
קנאַקט דער פלאַמיקער סיגנאַל,
און עס ברענט די וואַקכאַנאַליע;
פליט אַ דיקער גענעראַל
ביי דער דינסטער מיידל־טאַליע,
און ער טראָגט זיך ווי אַ וואָלקן,
און דערנאָך — פּיף־פּאַף! פּיף־פּאַף!
שיסט אַרויס אַ חברה בראַוו,
קאָמאַנדירן פון די פּאָלקן,
הויכע, שלאַנקע, ווי די שטאַנגען,
די פיר שטאַנגען, וואָס באַלאַנגען
צו דער חופּה אויפן שול־הויף;
און אַ שווערער מיליאָנער
פליט און וויגט זיך, ווי אַ לולב,
נאָך די בראַווע מיליטער,
און זיין דאַמע, רונד און פול,
מיט אַ שמייכל אַ קאָקעטן,
פליט צעשמאָלצן אויף אַ שטול,
אָנגעטריבן פון אַ פראַנט
מיט סאָלידע עפּאָלעטן,
ריטערלעך אַזוי, גאַלאַנט.
און דערנאָך די אַלטע ריטער,

מיט געהויבענע געמיטער,
לויט די הויך־געפּרייזטע גיטער,
און די שטאַטסקע, כוואַטסקע גליטשער,
און דער גאַנצער קהל קוויטשער,
די באַלייבטע שמעטערלינגען,
מיט אַזאַ געמיט אַ גרינגען,
און אַ פֿאָרטמאָנע אַ שווערן,
אַלץ צעפּלאַמטע פון באַגערן,
אין די פּעלן איינגעהילטע,
מיט די בלוטן הייס־צעשפּילטע,
אַלץ מיט טייסטערס, אַלץ מיט שפּאָרן,
אַלץ מיט מאָרדעס פון דריי גאָרן.

איז פאַר זיי די גאַנצע וועלט
אַ קאַטאָק אַזוי באַהעלט,
און דאָס לעבן איז אַ גליטש,
אַ געלעכטער און אַ קוויטש,
און מען לעבט ניט, נאָר מען פליט
אין אַ פריילעכן געמיט —
גלוסטיק, גיריק, גרינג און גרינגער,
אַלע־אַלע, עלטער, אינגער,
רענדל־קלינגער, שווערדן־קלינגער.

קלאַפּט אַלץ ווילדער, העכער, פעסטער,
דער צעפראָרענער אָרקעסטער.
און מען דרייט זיך אַלץ געדיכטער
אין דעם פלאַקער־פּראַכט פון גליק,
מיט די פלאַמיקסטע געזיכטער,
מיטן שפּרודלדיקסטן שיק.

**
*

צווישן זילבער פון די שנייען
און דאָס גאָלד פון זון־פאַרגאַנג,
דרייען זיי זיך אַלץ און דרייען,
רונדע ריטער, פעטע פייען,
נאָכן טשין און נאָכן ראַנג,
נאָכן טאָן פון רענדל־קלאַנג,
יעדער אין זיין קרייז דעם ענגן,
אין אַ סדר אין אַ שטרענגן,
טראָגן זיי זיך, גליק באַהעלט,
די באַפעלער פון דער וועלט —
אַלץ אַרום, אַרום, אַרום
גריליק־גריליק־גריליק און דום־דום־דום.

טוען, ווי אין העל־זען, זיך אַנטפּלעקן,
ווי איך שטיי דאָ, די פאַרהילטע שרעקן.

און ביי יעדן אויפן שטעל
שווינדט דאָס מענטשלעכע געזיכט,
און עס בלייבט די גראָבע פעל
פון אַ בעסטיע אומגעריכט;
טאַנצט פאַר מיר אַ צירק מיט חיות,
מיט די אַלע גליטש־העוויות.

קוק איך דורך די יאָלקע־בוימלעך,
און עס ווערט אַזוי אומהיימלעך,
ווי איך זע אים אָנגעפילט,
דעם קאַטאַק, מיט בעסטיעס ווילד —
בעסטיעס גרויזאַמע און זשוואַווע,
פאַראַדירענדיק טשיקאַווע
אין אַ מענטשן־מאַסקאַראַד,

ווי זיי טראָגן זיך אין זאַטקייט,
אויף דער סאַמעטענער גלאַטקייט,
אין בעסטיאַלישן פּאַראַד.

**
*

און דערביי אין שכנות, ווייטער אַכט־ניין שפּרייזן,
טוען זיך די אָפּער זייערע באַווייזן,
מיט די פּנימער די אויסגעצויגענע,
מיט די לעצטע בלוטן אויסגעזויגענע.

ווי זיי אומערן אין נאַכט און ציטערן,
די פאַרמשפּטע פון דלות ביטערן.

האָט דער טאָג פאַר זיי אין פּראַצע שווער פאַרשטומט,
שטעלן זיי זיך אָפּ אַ פּאָר מינוטן פריי,
לעמפּלעך אָנצוצינדן פאַר דער נאַכט, וואָס קומט —
פאַר אַ לאַנגער נאַכט אין פּראַצע פון דאָס ניי,
ביי די שוואַרצע ווענט פון בוידעמס און פון קעלערס,
מיט די קאַלטע אויוונס און די לונגען־פעלערס.

ווי זיי בלענדן בלינד די פיבערדיקע אויגן,
ווי דער עלענד טוט אויף זיי זיך פינצטער לייגן,
ווי די זאָרגן טוען צו דער ערד זיי בויגן.

לויף איך פון קאַטאַק אַוועק
אין געהיימנישפולן העק,
וואו אין גרייטקייט אין פאַרשייטער
מאַנעווורירן שטיל די שטרייטער.

ווי מען ליידט דאָרט און מען ברענט,

די נשמות אין די הענט —
ברענג איך אייך מיין לייד און הונגער,
און באַגייסטערונג אין יונגער.

לויף איך און דאָס האַרץ גייט אויס מיר אין געבעט,
אין די וואונדערלעכע ווערטער פון פּאָעט:

«От ликующих, праздно-болтающих,
Обагряющих руки в крови,
Уведи меня в стан погибающих
За великое дело любви...» *

קאַמישאַ, נ. י., 1930.

## 10

## צווישן די קראָמען

גיי איך מיט די מענטשן־שטראָמען
צווישן רייך־פאַרפּוצטע קראָמען,
וואו די גרויסע לאָמפּן בליצן,
און ביי אייזן־אויוונס זיצן
קרעמער פּוכקע, ווי די בלינעס,
גרייט מיט פּוטער אין די מינעס,
און מען שמעלצט זיך און מען פּלייסט זיך,
ווי אַ קויפער נאָר באַווייזט זיך.

זע איך דורך פאַרשנייטע ברעמען,
אויף די קראָמען אַלץ די נעמען

---

*) „פון פּוסט־און־פּאַסניקעס טריאומפירנדע, וואָס פאַרבן די הענט אין בלוט, פיר מיך אַוועק צו די אונטערגייענדע פאַר דער גרויסער זאַך פון ליבע“ — נ. א. נעקראַסאָוו.

פון באַקאַנטע אָרדנונג־שטערער,
גאַנצע וועלטן־איבערקערער —
ווי זיי גלאַנצן פון די שילדן
מיט אַ חוזק מיט אַ ווילדן,
ווייל די העלדן פון די פּונטן
האָבן זין, וואָס מאַכן בונטן.

שיט געדיכט דער שניי און שיט,
דאָך פאַרשיטן קען ער ניט
דאָס באַדייטונג־פולע בילד,
וואָס אַנטפּלעקט זיך אויפן שילד,
ווי זיי לויפן, כוואַט נאָך כוואַט,
איבער צום פּראָלעטאַריאַט,
טאַטעס־זינדלעך פון באַדייט —
צייכנס פון דער גרויסער צייט.

נייע צייטן, נייע שטרייטן
פלאַקערן פון אַלע זייטן!
ווי די יאַנקעלס און די סענדערס,
אין די שולן מיט די שטענדערס,
אין די באַנקען מיט קרעדיטן,
און מיט פּריצים אין וויזיטן,
האָבן עס די לעצטע יאָרן
יאַשעס, סאַשעס אָנגעבאָרן.

און מען שיקט זיי אין גימנאַזיע,
ווייל מען וויל כאָטש עולם הזה;
דאָך די יאשעס און די סאַשעס
פרעגן ניט ביי קיינעם קשיות;
זיי, די בנים, דוקא ווילן

ביידע וועלטן גאָר פאַרשפּילן ;
און עס וואַקסן און געדייען
די משפּחה־קריגערייען.

ווינקט מיר שעלמיש פון אַ שילד
אַט אַזאַ מחלוקת־בילד ;

גלאַנצט אויף איינער פון די קראָמען
מיט אַ גוט־באַקאַנטן נאָמען ;

האָט אַ לעבן אויפגעשיינט
מיר אין נאָמען פון דעם פריינט ;

ווי דער חבר, ווי דער ליבער
שפרינגט דעם קלאַסן־אָפּגרונט איבער ;

און ער איז, מיין גוטער העלד,
ניט דער איינציקער אין פעלד.

גייט נאָך אים אַ ניאַנקע נאָך,
און זי ווישט אים אָפּ דעם נאָז,
ווי ער טראַכט פון גרויסן שטרייט.

פילט ער זיך באַגרעניצט דאָך,
ווי אַ פלאַנצונג אונטער גלאָז,
אויסער פלאַץ און אויסער צייט.

אָבער ווען ער קומט אַליין
צו די שניידערקעס צו גיין,
פילט ער זיך שוין אָדלער־פריי,

ווי ער ווייזט די נאַרעריי
פֿון מאָדערנעם בירגער־שטאַט,
וואָס פֿאַרשקלאַפֿט און וואָס פֿאַרראַט —
פֿיילט דער זון און שאַרפֿט דעם האַס
קעגן טאַטנס רייכן קלאַס.

גיי איך מיט די מענטשן־שטראָמען,
ציט מיך צו פֿון שילד זיין נאָמען:
האַוועט אום און קראָם זיין טאַטע,
וואַרט אויף קונים תּמעוואַטע;
און דורך שנייען דורך געדיכטע
גלאַנצט מיר קאָמיש די געשיכטע —
די געשיכטע די פּיקאַנטע
אויך פֿון אַנדערע באַקאַנטע.

אַך דו טאַטע, טאַטע, טאַטע,
וואָס דו האַוועסט תּמעוואַטע!
וואַרטסטו שפּעט אַזוי אויף קויפֿער,
בעת דיין זון, דער איבערלויפֿער,
זיצט, פֿון דיין באַרוף באַליידיקט,
ביי די שניידערקעס און פֿריידיקט,
און צום סוף פֿון זמן פֿון פֿולן
וועט ער קריגן גאָלע נולן.

און דער טאַטע לייזט ביז שפּעט,
און דער זון זיצט שפּעט און רעדט,
כאָטש די מיידלעך זייַנען מיד
און פֿאַרשטייען רוסיש ניט,
און די זאַך זעט אויס צו טיף
פֿאַרן מיידעלשן באַגריף,

דאָך אַליין די טיפקייט ווערט
צום בעל דרשן גרויס רעספעקט.

טרעפט זיך, אַז אַ מיידלס קאָפּ
הענגט אין דרעמל שווער אַראָפּ,
גיט אַ צווייטע איר אַ קניפּ,
ווייל אַזוי איז דער פּרינציפּ:
מעג מען ניט פאַרשטיין קיין זאַך,
מוז מען אָבער בלייבן וואַך.

און בפרט, אַז מיט דער צייט,
קאָנספּיראַציע אָן אַ זייט,
ווייס מען שוין, אַז פּאַר אַ גביר
רעכנט מען זיין טאַטן שיער.

גלאַנצט צו מיר פון שילד דער נאָמען
צווישן אַלע רייכע קראָמען:
אך דו טאַטע, טאַטע, טאַטע,
וואָס דו האָסט געהאַט תּמעוואַטע!
קריגסטו מער אַריין די קויפער,
ווערט דיין זון, דער איבערלויפער,
מיט זיין וואָרט מער איינדרוק מאַכן,
און די מיידלעך וועלן וואַכן!...

קאמישא, נ. י., 1930.

## 11

# צווישן די שנייען

(צום אָנדענק פון שמואל לעווין)

האָט מען דאָ געשיכטע מיטן בלוט געשריבן,
און די קדושים־שאָטנס זיינען נאָך פאַרבליבן;
הער איך זייערע תכריכים, ווי זיי וויהען,
זייער שטילן וויהען אין די ווייסע שנייען.

האַלט מיך די געשיכטע די נאָך ניט פאַרוויהטע
מיט די ביינערדיקע פינגער, מיט די טויטע,
טוליעט זיך צו מיר אין וויסטעניש אין גרויער
מיטן שטילן טרויער, מיטן ווייסן טרויער.

איז דער זין פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרהוילן,
און, ווי גרויע וואָלקנס, העגגען גרויע גרוילן,
און דאָס ליכט פון טרויער גיסט זיך דורך די ווייטן,
דורך די כמורנע ווייטן פון די כמורנע ציטן.

אָ, דו בליי פון אומעט, לייז זיך אויף אין שטורעם,
זאָלן דורכבליצן די בילדער פון יסורים,
און אין שווערער, אָנגעלאָדענער נשמה
זאָל זיך לייטערן די הייליקע נקמה!

⁂

ווייַזט מיר דאָרט אין ווייסן וואו אַן עלטער־זיידע;
זיינען מיר דאָך, ער און איך, דיזעלבעביידע!

גייען מיר אין דורות ערגיץ אין גאַייל,
ווי עס דרייען זיך די שנייען צייל נאָך צייל.

האָט ער אויך דעם זעלבן שניי־טרויער באַנומען,
און אין זיך און אויסער זיך געהערט דאָס ברומען.

איז ער אין אַ שניי אַזאַ אַהער געלאָפן,
פון אַ דרום זון־וועלט צו דעם כמורנעם צפון.

האָט מען דאָרט זיין אויפטו מער שוין ניט געדאַרפט,
האָבן די מחבלים שווערדן באַלד געשאַרפט.

האָט ער זיך געדרייט פון אָרט צו אָרט אין ציטער,
ווי אַ בלעטל, אָפּגעריסן פון געוויטער.

האָט אים אומעטום געיאָגט דעם מערדערס שווערד,
און עס האָט געפלאַקערט אונטער אים די ערד.

טראָגט ער זיך פאַר מיר אין שנייען אין געדיכטע,
ווי ער לויפט אַוועק פון שליאַך פון דער געשיכטע.

ווי ער זוכט רק וועגן ניט געטראָטענע,
וויסטעניש טיף מיט שניי פאַרשאָטענע.

ווי ער טוט זיך הילפלאָז הוידען אַלץ און הוידען,
מיט די הויז־געזינדך, אין פאַרפאַקטע בוידן.

ווי אין טויט־שרעק הערן שטענדיק ווייב און קינד
וואָיעניש פון וועלף און וואָיעניש פון ווינט.

און פון ווילדע חיות ווילדער נאָך און ערגער
איז פאַר זיי דער מענטש, דער שטעכער און דער ווערגער.

פאָכט זיין שפּיז, זיין טייטשישן, גזלנישן,
דער מאָנאַך פון אָרדן פון ליוואָנישן.

פאָכט זיין בולעווע דער פויער ליטוויש־ביטער
קעגן קרייץ פון קנעכטשאַפט און די קלויסטער־ריטער.

און אין מיטן, שד־געשפּעט, דער ייִדע טרעט —
צווישן פלאַקס־האָר אַ געגרייזלטער ברונעט.

האַלט מיך די געשיכטע די נאָך ניט פאַרוויהטע
מיט די ביינערדיקע פינגער, מיט די טויטע.

**
*

און דאָס ליכט פון טרויער גיסט זיך דורך די ווייטן,
דורך די פמורנע ווייטן פון די פמורנע צייטן.

זע איך, ווי ער שאָטנט־דורך אין שנייען־שיין,
גנבעט דורכן קריגס־פעלד זיך אַהער אַריין.

גנב׳עט דורך די רייען, און ווי דורך אַ כשוף,
שפּראָצן, וואו ער קומט, אַ ישוב נאָך אַ ישוב.

גלייכט ער אויס די פּלייצע, ווי ער ווירקט און ווייזט,
אַז עס שאַפט נאָך אַלץ זיין לעבעדיקער גייסט.

און מיט גלייכע פּלייצעס ווערט ער ביי די פּרינצן
מאָנער פון די צינזן, גיסער פון די מינצן.

טוען זיך אין בלאָער אייביקייט אַ הויב
נאָך אַ הונדערט יאָר פון שנייענדיקן שטויב.

פאַלט דער נעבל־פאָרהאַנג, און די דימענט־שנייען,
און די גרויסקייטן די זילבערנע צעגייען.

האָט מען ווידער שוין זיין אויפטו נים געדאַרפט,
האָבן די מחבלים שווערדן באַלד געשאַרפט.

זע איך ווידער אים אַ ציל־ברעט פאַר די האַסן
פון פאַרביטערטע, פאַרפירטע, ווילדע מאַסן.

האָט זיך זייער צאָרן שטורעמדיק צעשפּילט,
האָט מען מיט זיין בלוט דעם שטורעם איינגעשטילט.

זע איך, ווי מען האַלט אים אַלץ אַזוי אַ גרייטן,
ווען עס לוינט זיך נאָר, צו נעמען אים און טויטן.

און ער שטרייט דערוויייל פאַר יעדן לופט־שלונג שטאַרק,
פאַר אַ פּלאַץ אין צעך און פאַר אַ פּלאַץ אין מאַרק.

ווייגט מיין האַרץ פאַר שיפלות, ווי עס ווייגט מיין זיידע:
זיינען מיר דאָך, ער און איך, די זעלבע ביידע.

בויגט מען אים אין דרייען, טרעשטשעט מיין געביין,
זינגט ער דעם מה יפית, שטיקט מיך זיין געוויין.

איז דאָך זיין געשיכטע, מיטן בלוט געשריבן,
ניט פֿאַרענדיקט ביז אין אונזער צייט געבליבן.

בושעוועט מיר פֿאַר די אויגן, ווי אַ ים,
יעדע בייזע, פֿינצטערע, עלילת דם.

ווייזט מיר אויפֿן פנים אַש פֿון יעדן שאָטן,
טשאַד פֿון יעדן קדוש, וואָס מען האָט געבראָטן.

און עס ציט זיך, ציט זיך נאָך דער לייד־מארשרוט —
אונזער וועג פֿון פֿייער, אונזער וועג פֿון בלוט.

***

אָ, די בליי פֿון אומעט, לייז זיך אויף אין שטורעם,
פֿאַרן ים יסורים, פֿאַרן ים יסורים!

הערן מיר פֿון שטורעם שוין דעם ווייטן קלונג,
אַז זי קומט שוין אָן, די שעה פֿון רעכענונג.

און אין וועלט־טומאַן, אין שווערן, אין פֿאַרשנייטן
הילכט אַלץ נעענטער דער שאַל פֿון די טרומייטן.

האָבן מיר נאָך אונזער אַלטע מדבר־גלות,
אונזערע דניאל־זעאונגען אין בלוט.

ווערן מיר שוין ניט אַ ציל־בּרעט פאַר די האַסן,
נאָר אַ פאַקל־פייער פאַר די פעלקער־מאַסן.

און מיר צינדן אָן פון יעדער זייט די וועלט,
פון דעם אַלטן עמוס אונזערן באַזעלט.

און אין שווערער אָנגעלאָדענער נשמה
לייטערט זיך און לייטערט הייליק די נקמה.

די נקמה אונזערע און דאָס פּראָגראַם:
מאַרקס, לאַסאַל — און פאַקל־ליכט און פייער־פלאַם.

קאַמישא, נ. י., 1930.

## 12

## די ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג

(מענדעל ראָזענבוימען)

ווי גייט זיך דאָס גוט אין דער פּראַקטיקער גלות,
ווען אינערלעך זינגט אין געמיט.
עס זינגען אונז מיט אין דער שטילקייט די טריט,
דער האַרט־בּלויער שניי און דאָס יונג־רויטע בּלוט,
דער מונטערער אייז־טראָטואַר,
אין פלאַטער פון מאַטן פאָנאַר.

דאָך גיי איך פאַרבּענקט, ווי אַ קינד, וואָס מען בּרענגט
אין חדר צום ערשטן מאָל פרום,
און איינגעהילט שטום, מיטן טלית אַרום,
פאַררייסט עס די אויגלעך, און שרעקט זיך און דענקט

צו זען ניט־געזעענעם באַלד —
הויך־הויך וואו אַ מלאך־געשטאַלט.

אָט איז מען שוין דאָרט, און פאַרשטומט ווערט דאָס וואָרט—
אַ חדוה אַזאַ, אַ גינאָד!
עס שלאָגט דורכן לאָד מיטן שיין אַזאַ סוד,
איך פיל, עס איז ריכטיק אַ הייליקער אָרט.
אַ שטים, דוכט מיר, הער איך פאַר זיך:
אָ, מענטש, וואַרף אַרונטער די שיך!

מען ווינקט אונז אַריין, שאָטן־אויס, שאָטן־איין,
אין ערגעץ אַ פירהייזל שנעל;
אַנטפּלעקט זיך פון שוועל אַזאַ טונקלקייט העל,
פארהאנגענע פענצטער, פאַרהוילענער שיין,
אַ דורכדרינג פון בליקן אין פלאַם,
אַ מאַסע, ווי ענג און ווי גראַם.

האָט ווער זיך געשטעלט, אַזוי סומנע־באַהעלט,
און ווענדט זיך מיט איינפאַכע רייד;
ברויזט אויף אין די רייד אַזאַ אָפּגרונט פון לייד,
דער דראנג פון דער מענטשהייט, דער צער פון דער וועלט,
משיח, וואָס רייסט זיך פון קייט —
אומזיסט, ווייל דער דור איז ניט גרייט.

און אַלץ, וואָס מען רעדט, ווערט אַ טרוים, אַ געבעט,
איך הער זיי און זע זיי און פיל;
זיי ווייהען אום שטיל פון סופית ביזן דיל,
באַרירן נשמות, אַ גלעט נאָך אַ גלעט,
און צינדן זיך אָן, ווי אַ ליכט,
אויף יעדן אַנטציקטן געזיכט.

איך קוק זיך גוט איין: זאָלן טאַקע דאָס זיין
אַלץ מיינע באַקאַנטע און פריינט?
ווי וואונדערלעך שיינט אויף די פּנימער היינט
אַזאַ תּפילה זכּהדיק־לויטערער שיין,
אַ ליכטיקייט, ווייס אַזוי, פרום,
אַזוי ווי פון קיטלען אַרום.

איך גלי אין געהייס, אין באַלויכטענעם טרויס,
און קיינעם דערקען איך ניט מער,
ווי פּלוצלונג וואָלט זוער, אין אַ וואונדער־באַגער,
פאַרטראָגן זיי וואו, אויסער צייט, אויסער רוים;
זיי גיסן צונויף זיך אין איינס,
אין עפּעס ניט־דאָאיקעס שיינס.

**
*

ער שטייט אין אַזאַ אָרעאָל פאַר מיר אויף,
קיין גליד איז ניט גאַנץ אין צעהרגעטן גוף,
אַ שפּראָצונג אין מדבר, פאַרשטויבט און פאַרשמאַכט,
אַ שעפּס אַזוי שטום, וואָס מען שלעפּט און מען שלאַכט,
דאָך איז ער דער שטאַרקסטער, וואָס האַלט אויף זיך איין
פון וועלטן פון גאַנצע דעם צער און דעם פּיין,
און אויסדערוויילט איז ער פון גאָט, און ער ליידט
פאַר אַלעמענס זינד, און איז אייביק, ווי צייט,
אַן אויסלייזער איז ער, און אים איז באַשערט
צו אויפריכטן נייע די הימלען און ערד.

אַזוי האָט געזען אים אין טרוים אויפן וואָר,
צוריק נאָך מיט צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר,
אַ טרייסטער אַ גרויסער אין בבל ביים כּבר.

האָט צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר דאָס געדויערט,
האָט אַלץ זיין פּיל־פּנימדיק פּנים געטרויערט,
געוואָגלט אַלץ האָט ער, פאַרהאַסט און פאַרפלוכט,
אויף ערד די ממשלה פון הימל געזוכט,
געכאַרכעלט „אחד" אין די הענט פון די שעכטער,
און שטענדיק געוואַרט אויף אַ וועלט אַ גערעכטער,
געזונגען אין פלאַם־טויט צו גאָט אַזוי ווייך,
און זעאונגען גרויסע געזען דורכן רויך.
האָט צוויי און אַ האַלב טויזנט שרעק־יאָר גענומען,
ער זאָל צו זיין אויסדרוק זיין שטראַליקן קומען.

ער האָט זיך פאַר מיר אַזוי הייליק און שיין
אַנטפּלעקט אין עקסטאַז פון געהיימען המון —
און קען אין מיין זעאונג שוין מער ניט פאַרגיין.

קאַמישאַ, נ. י., 1930.



## 13

# אין גאונ׳ס קלויז

(פ. קורסקין)

און שפּעט אין אָוונט קום איך, אויפגעלייגט און העל,
ניט ווינסנדיק פֿאַרוואָס, אין גאונ׳ס קלויז אַריין;
באַגעגענען מיך קרום די שאָטנס אויפן שוועל,
צעפלאַקערט זיך מיט פֿאַרוואורף קעגן מיר אַ שיין.
דערזע איך, ווי עס צאַנקט אַ ליכטל ערגעץ־וואו,
און איבער אַ גמרא שאָקלט זיך דאָרט ווער,
און שאָטנס פֿון די ווינקלען שאָקלען אויך זיך צו,
אַ גאַנצע קלויז מיט שאָטנס וויגט זיך הין און הער.

איך לייג זיך אין די שאָטנס אויפן באַנק, און וואַרט,
און פֿיל די ציטערניש, וואָס אויפן ליכטל הענגט:
ווי אומעטיק עס פֿלעמלט, ווי צעשראָקן־צאַרט,
און ווי די שאָטנס קלייבן זיך אַרום פֿאַרבענקט.
אָ, ליכטל, ווי דו צאַנקסט נאָך אַלץ אין מיין געמיט,
מיט אָט די שאָטנס די אַרומגעקליבענע!
אָ, אַלטע אומעט־פֿריינט, ווי ציט מיך נאָך און ציט
צו אייך, אין קלויז אין אַלטער, די פֿאַרבליבענע!

עס לאַשצעט מיך דער חושך, און מיין האַרץ איז פֿול,
איך וואַרט אויף עפּעס אַלץ געשפּאַנט, אַזוי געשפּאַנט.
איז הינטער יענער בריט געשטאַנען דאָך דער שטול,
אין אָפּגעצאַמטן אָרט, אָט ביי דער שאָטן־וואַנט.
און פֿופֿציק יאָר איז דאָרט געזעסן און געברענט,

אין הייליקן עקסטאַז, דער געטלעכער אסקעט,
אין די פּאַרחושכטע, פּאַראומערטע פיר ווענט --
געברענט אַלץ טאָג און נאַכט, דאָרט הינטער יענער ברעט!

---

שפּילן אויף דער וואַנט די קליפּות אַ ספּעקטאַקל,
פירן־אונטער מיר אין חוזק דעם סך הכל.

טיילט זיך אויס אַ שאָטן, מאַיעסטעטיש־הערלעך,
בעת די קליינע קליפּות האַוועך אום געפערלעך.

וואַקסט דער שאָטן הייליק, טוט אין באַלקן גרייכן,
מיט דעם גרויסן שטריימל, מיטן צער דעם הויכן.

פינצטערן די קליפּות, הענגען אין געדרענגעו,
טאָמער וועט דער צדיק משיחן נאָך ברענגעו.

זיצט דער צדיק טעג אין טלית און אין תפילין,
און די קליפּות טאַנצן ווילד אַרום און שפּילן.

וויינט דער צדיק נעכט, טרויערט מיט דער שכינה,
קרימען אים די קליפּות איבער יעדע מינע.

גייט אַרויס דער צדיק אָפּצוריכטן גלות,
רייסן אים די קליפּות ווינטיק פאַר די פּאָלעס.

שטופּט מען אים און שטופּט : וואָס ווילסטו זיין אַלץ גרעסער!
צופּט מען אים און צופּט : וואָס ווילסטו זיין אַלץ בעסער!

פּרואווט ער קעגן זיי מיט מעשים טובים שטרייטן,
ברענט ער מיט זיין תורה, ברענט אויף אַלע זייטן.

מערן זיי זיך אַליִן, וואָס מער ער איז זיי גובר,
ביז עס זעט דער צדיק אָפּ שוין דעם קבר;

ביז עס טוט מיט אים שוין דער ספּעקטאַקל שווינדן
ערגעץ אין דעם חושך, ערגעץ אין דעם בלינדן.

---

און פּלוצלונג שיינט מיר אויף די גוואַלטיקע געשטאַלט,
וואָס האָט פון קינדהייט מיר, אין פאָטערס הויז אַמאָל,
ווי גאָטס אַ מלאך עליון, וואונדערלעך געשטראַלט,
אין פלאַקער גאוניש און קדושה־אַרעאָל.
ווערט לייכט און לינד אין חושך אין געליטערטן,
און פאַר זיין ליכט, אין שאָטנס איינגעפּאַסטן ליכט,
דערפיל איך, וואָס עס ברענגט מיך, דעם דערווייטערטן,
אין גרויסן פאָרכט אַהערצו פאַר זיין אַנגעזיכט.

אָ, ניט צום הימל־מענטש, וואָס ווייזט זיך, ווי אַ בליץ,
און שלאָגט די ערד אַ רגע מיט זיין פייער־זעג!
איך קום צום מענטש פון ערד, וואָס גרייכט דעם הימל־שפּיץ,
באַגייסטערונג צו שעפן אויף מיין נייעם וועג.
האָט זיין דערהויבענער זיך־אָפּגעבן באַגער
אויך אַלע העכסטע דאָך אין פרייהייט־שטרייט געשפּייזט —
דער זעלבער צער פאַר מענטשן און די זעלבע טרער,
די זעלבע הייליקייט פון לעבן און פון גייסט.

איך האָב אין זיין נשמה אַ געזאַנג געהערט,
פון קדושים־דורות אויסגעליכטיקט, אַ געזאַנג.
און פאָרכטיק האָט מיין האַרץ מיין זינגענדיקס באַגערט
אים דורכצוזיטערן, דעם אָפּקלאַנג פון זיין קלאַנג.
און מיינע ווערטער האָב איך אין געזאַנג פאַרוועבט,
אין מיטן פון די שאָטנס אויפן באַנק ביינאַכט,

און זעלטן האָב איך פּרעכטיקערס דורכגעלעבט,
ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אין גאונ׳ס קלויז געוואַכט.

---

און אין ליכט פון חושך, אין עקסטאַז פון אימה,
האָב איך זיי דערפילט, די פּעדים די געהיימע.

ווי איך גיי אַרויס פון קלויז אין וויסטן ווינטער,
גיי איך ביזן שוועל אין פאַרכטיקייט אַהינטער.

זע איך אים פאַר זיך, אין פּחד אין דערהויכטן,
אַלץ דעם שאָטן־פּנים, וואונדערלעך באַלויכטן.

טוען זיך פון ליכט צו מיר די פּעדים ציען,
טוען אין מיין האַרץ מיט זיבן פאַרבן גליען.

קען איך נאָך ביז איצט דעם פּנים ניט פאַרגעסן,
קענען זיך ביז איצט די פּעדים ניט פאַרלעשן.

און אַמאָל ביינאַכט, ווען אויף די ווענט וואו פלאַטערט
דער ספּעקטאַקל פון די קליפּותלעך און מאַטערט,

ווייזט זיך באַלד דער פּנים אין די שאָטן־שטראַלן,
און די קליפּות ווערן אויפן שטעל פאַרפאַלן.

טוען זיי זיך אַלץ צו מיר, די פּעדים, ציען,
טוען אין מיין האַרץ מיט זיבן פאַרבן גליען.

קאמישא, נ. י., 1930.

## 14

# טריקעניש

כד הקמח לא כלתה
וצפחת השמן לא חסר.
(מלכים א, יז׳, טז׳)

און דאָס בוימל אין פלאַש טוט ניט פעלן
און דאָס מעל גייט אין קריגל ניט אויס,
דאָך די וועלט טוט אין מאַנגל זיך קוועלן,
און די טריקעניש איז אַזוי גרויס.

און עס טריקנט דאָס מאַרך אין די ביינער,
און מען קען זיך ניט פאָרשטעלן שוין,
אַז עס גרינט נאָך אַ טרוים וואו אַ שיינער,
און אַ קוואַל ערגעץ שפּרודלט נאָך ריין.

טאָ צו וואָס איז די איינזאַמע הויכקייט,
אויפן באַרג, אין פאַרכשופטן הויז,
ווען אַרום איז נאָר גרויקייט, נאָר בלייכקייט,
נאָר דער אומעט פון שטויבן־געברויז?

אָ, צו וואָס איז דער נס, וואָס דערהויבט אונז,
און דער וואונדער, וואָס פאַנגט און אַנטציקט,
ווען דער טרוקענער זאַמד־ווינט פאַרשטויבט אונז,
און די וואַכיקע גרויקייט דערשטיקט!

און עס וויאַנען פֿאַרשטויבט די געמיטער,
און פֿאַרקופֿערט איז יעדנס געפֿיל,
און עס טוט ניט קיין האַרץ שוין אַ ציטער,
און די שוואַרצאַפּלען גליווערן שטיל.

האָט דער פֿאַקל קיין לופֿט ניט צו ברענען,
און עס פֿלאַטערט קיין פֿאָן שוין ניט מער,
און מען קען שוין קיין פֿאַרב ניט דערקענען,
ווייל דער שטויב האָט אַלץ צוגעדעקט שווער.

טאָ צו וואָס איז דער כּשוף דער שענסטער,
ווען עס בלייבט אַלץ אַרום און עס געלט,
ווען דער שטויב וויקלט איין שוין די פֿענצטער
און פֿאַרשטעלט שוין דעם שיין פֿון דער וועלט?

און דער טרוים פֿון אַ צונג אַ באַנעצטן
איז דער טרוים פֿון די דורות שוין דאָך.
אָ, דערלאַנג־זשע דעם פֿלעצל דעם לעצטן,
און מיר וויאַנען, ווי אַלע, דערנאָך!

קאַמישאַ, נ. י., 1930.

פערטע אָפּטיילונג

# צוריק אַהיים



# בכורים

(ב. ריווקינען)

איך בין אין די בלאָע פאַרטאָגן
אַרויס די בכורים צו טראָגן.

איך בין, ווי אין חלום, געגאַנגען
אַרויף־צו, צום באַרג צום געזוכטן,
געטראָגן די ערשטע פון זאַנגען,
געטראָגן די ערשטע פון פרוכטן.

געטראָגן די ערשטע פון פריידן,
די אָפּפער־עקסטאַזן פון לעבן,
געגעבן זיך פריידיק אין ליידן,
אין גאַנצן זיך איבערגעגעבן.

האָט העל, אין דער בלאָקייט פאַרבאָרגן,
אַן אייגציקער שטערן געלויכטן —
דאָס אויג פון מיין ראַזיקן מאָרגן,
אין אויפגלי אַוואו אין דערהויכטן.

איך האָב די פאַרגעבלטע וועגן
נאָך קוים־וואָס געקענט אונטערשיידן,
דאָך בין איך מיין שטערן אַנטקעגן
געגאַנגען איז פלייצנדע פריידן.

איך האָב זיך אַלץ העכער געהויבן,
און ראָזיקער האָט זיך אַלץ אויבן
צעגליט דער פרי־מאָרגן פון גלויבן.

און מיטגייער האָב איך געטראָפן,
פון פריידיקן אויפגאַנג געפירטע,
אין גלויבן און האַרץ אַזוי אָפן,
געהייליקטע און עקזאלטירטע.

זיי האָבן געזאָגט: לאָמיר קומען
מיט שמחה צו גאָט אין די הויפן!
און אונטער די פיס האָט גענומען
דער בערגיקער שווינדל־וועג לויפן.

מיר האָבן אין שטראַליקן ציטער
געשוועבט אין אַ וועלט אַ צעגליטער,
די היטער, פון מאָרגן די היטער.

מיר האָבן געזען פאַר זיך ווייהען,
אין ווייטן און הויכן פאַרטרוימטע,
לאַזור־בלאָ די קליידער פון כהן,
פון פורפורנע שיינען באַזוימטע.

און לויטער און ווייטער אַווילע
איז פלאַמיק אין גאָלד אויפגעגאַנגען
דער זוניקער מקדש של מעלה,
דער מקד״ש פון אונזער פאַרלאַנגען.

אָט הויבט אין אַ תפילה אַ הייסער
דער כהן שוין אויף די געשאַנקען.

אַט טאָגט שוין דער יום־טוב דער גרויסער,
מיר שטייען אַנטציקטע און דאַנקען.

ווי גיך, אָ, ווי גיך איז אַריבער
דער חג הבכורים דער ליבער!

בעלמאר, 1926.

## שמחת תורה בייטאָג

דער טאַטע גייט אום איבער שטאָט,
דעם קלויזניק מיט ברויט צו פאַרזאָרגן;
דער זון ערגעץ לעסטערט איצט גאָט,
מיט אַרבעטער־יונגען פאַרבאָרגן.

פאַר ביידן איז יום טוב די צייט,
ווען צוקומען קען מען צו אידן;
טאָ גייט מען, די הוט אויף אַ זייט,
עס קאַכט אויף דיביידע ירידן.

די מאַמע דערוואַרט זיי מיט שרעק:
עס קען זיך דער טאַטע פאַרקילן,
דער זון קען אין טיורמע אַוועק
און די־וועלט, ווי יענע, פאַרשפּילן.

און אויפגערעגט ווערט זי פאַר צער —
וואָס טראָגט זיי דער אימפּעט דער ליבער,
ווי האַרבסט־בלעטער אויפן בולוואַר,
אַריבער די אידישע שטיבער?

אַזוי איז איר מזל באַשערט,
אַז אַלץ זאָל ניט זיין ווי ביי לייטן,
אַז זיין זאָל איר יום טוב פאַרשטערט,
אַז טאַטע און זון זאָלן שטרייטן.

אַט קומט שוין דער זון, און ער זעט
איר טרער און איר ווייטיק איר שטומען;
זי פרעגט ניט פאַרוואָס אַזוי שפּעט,
זי זאָגט אים קיין וואָרט ניט קיין קרומען.

שוין קאַלט איז די פלייש, איז די פיש,
שוין קאַלט זיינען אַלע מאכלים —
וואָלט רואיק כאָטש זיין נאָר ביים טיש,
וואָלט כאָטש שמחת תורה זיין שלום.

אַט הוסט שוין דער טאַטע ביים שוועל,
אַט הערט מען זיין נגונדל ברומען;
טוט באַלד זיך די מאַמע אַ שטעל,
איר גורל אַנטקעגנצוקומען.

ער ווייזט זיך, פאַררוקט מעשה־כוואַט
די הוט אויפן שטערן דעם שטרענגן;
דער מאַנטל, אַ פליגל כמעט,
ער טוט אויף איין אַקסל אים הענגען.

און פול איז זיין וועקסן־געזיכט
מיט טראָפּנס פון שוויס, און באַלויכטן
פון עפּעס אַן אינערן ליכט,
פון יום־טוב געפיל פון דערהויכטן.

אַט גיט אַזוי הילכיק אַ שאַל
אין הויז זיין גוט־יום טוב זיין ברייטער,
און באַלד אויפן זון טוט אַ פאַל
זיין אומגערן בליק, זיין צעשטרייטער.

די מאַמע לויפט אונטער צו אים,
אַזוי ווי זי מיינט דערמיט גאָרניט;
דערהערט ער אין זיך שוין אַ שטים:
עס איז דאָך היינט יום טוב, מען טאָר ניט!

היינט קען מען ניט ריידן, געוויס,
פון זונדל פון חוטא און מחטיא —
ערשט איצט נאָך געהאַט אַ געריס
פון מעשים פון גאָר ניט־געדאַכטע.

און שטיל ווערט דער קידוש געמאַכט,
און גיך ווערט די חלה צעשניטן;
עס זעצט זיך די מאַמע און וואַכט,
אַ מלאך אַ גוטער, אין מיטן.

דערפילן זיך אַלע ערשט פריי
ביים סוף פון דעם יום־טובדיק עסן,
אַזוי ווי מען וואָלט דאָ דערביי
אויף קוילן אויף הייסע געזעסן.

אַוועק איז די מאַמע אין קיך,
דער טאַטע איז רוען געגאַנגען,
און באַלד שוין צעפּליסטערן זיך
אין שטילער באַגייסטערונג קלאַנגען.

אָ, וויפיל פאַרבענקטער קוראַזש!
אָ, וויפיל פאַרבאָרגענע קרעפטן!
דאָס טוט אין פאַרטרוימטן עקסטאַז
דער טאַטע מיט גאָט זיך באַהעפטן:

„צמאה לך נפשי, *)
כמה לך בשרי —
צמאה־צמאה, צמאה־צמאה,
צמאה לך נפשי!
כמה־כמה, כמה־כמה,
כמה לך בשרי!"

דער זון האָט זיך זיין טרוים און נעמט
דעם טאַטנס שוין ניט אין באַטראַכטונג,
און זיי קאָנקורירן צעקלעמט,
די טרוימען די צוויי, אין פאַראַכטונג.

---

*) פסוק אין תהלים:
„עס דאָרשט נאָך דיר מיין זעל,
עס שמאַכט נאָך דיר מיין לייב."

דאָך אויך, ווי דער טאַטע, פאַרגייט
דער זון אין עקסטאַז אין אַ גרויסן;
ער ברומט ביי זיין בוך שטילערהייט
און גליט אין זיין טרוים אין זיין הייסן:

«Еще работы в жизни много,
Работы честной и святой;
Еще тернистая дорога
Не залегла передо мной». *)

שיסט פלוצלונג אַרויס, ווי אַ פייל,
אַ ביטערער קרעכץ פון דעם טאַטן;
דער זון טוט אַ ציטער אַ ווייל —
אַט־אָט און ער וועט זיך פאַרראַטן.

אַט וועט ער זיך בעטן: פאַרגיב!
און לאָמיר פאַרשטיין זיך געדולדיק;
מיר האָבן דאָך ביידע זיך ליב,
און ביידע דאָך זיינען ניט שולדיק!

---

*) פון באַרימטן רוסישן קריטיקער און פובליציסט — נ. א. דאָבראָ־ליובאָוו. מיין באַליבטסטע ליד אַמאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן:

„פאַראַן נאָך אַרבעט פיל אין לעבן —
נאָך ערלעכע און הייליקע;
עס ליגט נאָך אָפן פאַר מיין שטרעבן
דער וועג פון דערנער גרויליקע“.

אָ, ניין! און ער פּאַסט ווידער מוט
אין שטילער התלהבות צו ברומען —
די פרומקייט פון טאַטן אין בלוט,
פון בענקשאַפט פון טיפער באַנומען:

«Я ваш, друзья, хочу быть вашим,
На труд и битву я готов».*)

* * *

אָ, טאַטע! ווי וואונדערלעך־העל
איז אָפט אין מיין האַרץ אויפגעגאַנגען
אָט דער שמחת תורה־הידועל
פון אונזערע יידנס געזאַנגען.

אָ, טאַטע! ווי האָבן מיר פיל
געקריגט זיך, ווי שונאים, פערזענלעך,
און האָבן געהאַט דאָך איין ציל,
און זיינען געווען אַזוי ענלעך.

אָ, טאַטע! מיר זיינען דעם וועג
געגאַנגען אין גאַנצן באַזונדער,
און ביידע אין גראָ פון די טעג
געזוכט אַלץ דעם יום טוב, דעם וואונדער.

נױ יאָרק, 1933.

*) „איך בין אײערער, פרײנט, איך װיל זײן אײערער,
אויף קאַמף און אַרבעט בין איך גרייט.“

# אַ ווינטער־אָוונט

גייען מיר שטיל אונזער וועג דעם צעבלענדטן,
טיף אין געהיימניש, און גייען —
ערגעץ אין נאַכט מיטן פראָסט דעם צעברענטן,
איבער צערויטלטע שנייען.

וואַליען אין זון־פאַרגאַנג זיילן פון רויכן,
ברוין־בלאָ, פון יעטווידן קוימען;
שיכורע שיינען, צעשרפּהטע הויכן,
ווייטע און וואַגענדע טרוימען.

גייען מיר פאָרוייז, מיט זייטיקע גאַסן,
טראָגט אונז, אַזוי ווי אויף פליגלען;
מוזן מיר אָבער זיך האַלטן געלאַסן,
מוזן זיך היטן און קליגלען.

הייסע געשפּרעכן, נאָך הייסערע בליקן!
רויכערט די שטאָט שוין אַהינטער;
פראָסטיקע גלוטן און גלוטיקע גליקן,
שפּילט אונז דער זומער אין ווינטער.

האָט זיך אין אָפענעם הימל באַוויזן
פּלוצלונג אַ פלאַמיקער לייטער;
טייטלען פון דאָרט מיט די פינגער אונז ריזן,
פול מיט דערמוטיקונג רויטער.

איז עס דער לייטער פון יעקב אָבינו
אויפגעשטעלט דאָרט אין די הויכן —
ציט זיך דורך דורות מיט פלאַם־טרעפ מיט דינע,
גליט נאָך פאַר אונז, ווי אַ צייכן?

גיי איך אין צויבער, אַזוי ווי אין פיבער,
ערגעץ צום ווייט־ווייט געאַנטן;
ווינקט זיך צעפינקלט דער שניי מיט אונז איבער,
בלענדט מיט מיליאָנען בריליאַנטן.

שלייכן מיר שייך־שיכור, שטיל און צעלויכטן
איבער בריליאַנטענע וועגן —
בראַדזען צום וואַנגענדן, ווייטן, דערהויכטן,
פריידיק דעם גורל אַנטקעגן.

מאנטיסעלא, נ. י., 1937.

## ביי דער פוסטער קרעטשמע

עס גייען וואָלקנס נידעריקע, גרויזאַמע,
און זוכנדיק דעם וואַלד־וועג צווישן שניי און סכך,
וואַקסט אויס פאַר מיר־וואו אַ פיגור אַן איינזאַמע,
וואָס שטייט אין שניי־חושך, אַ שלאַנקע, אויף דער וואַך.

זי שטייט אין ווינטער־וואַלד, אין נאַכטיקן, אַלייך,
אַ שניי־פאַרשאָטענע, און ווינקט מיר וואו צו גיין.

עס איז אין איר די אָפּגעגעבנקייט געווען,
די אַלטע, ענדלאָזע, פֿון דור דורות צוריק —
אין שטייף־פֿאַרמאַכטן מויל, אין האַסט פֿון פֿרומען ברען,
אין שוואַרצן דינעם ברעם און בליצנדיקן בליק.

איך לאָז זיך נאָך איר וואונק צו דער פֿאַרזאַמלונג שטום,
ווען פּלוצלונג אין אַ חלום וואַנדלט זי זיך אום.

מיר חלומט זיך אַ לאַנד אַ בלומענדיקס, אַ העלס,
און אויף די בלאָע בערג אין טאָג אין גלוטיקן,
דערשיינט זי גליאיק־פֿעסט, ווי אונטער איר דער פֿעלז,
און לאָזט זיך צו איר גורל צו איר בלוטיקן.

זי גייט מיט פֿרומען ברען, פֿון חברטעס באַגלייט,
אַן אָפּגעגעבענע, צום גרויסן קרבן גרייט.

דער אַלטער טאַטע רייסט די קלייד אויף זיך פֿאַר ווײ,
עס וויינען אָן די חברטעס די אויגן רויט,
און זי מיט שטילער פֿעסטקייט טרייסט און מונטערט זיי:
אויב פֿאַרן פֿאָלק און לאַנד, טאָ וואָס איז מיר דער טויט!

צי ווען אין גלעד ווייט, צי איצט, אין גורל־צייט —
די יפֿתח־טעכטער אונזערע אין אייביקייט.

מאָנטיסעלאָ, נ. י., 1937.

# די אומוואַנדלונג

רוישיקער שטראָם,
ברויזענדער וואַלד,
שטאַרענדער פעלז —
מיין אויפענטהאַלט.
(שובערט, „אויפענטהאַלט”)

עפּעס מען אויף שוין דעם איינציקן פענצטער —
איז די באַראַטונג צו ענד;
טוט מיר אַן אָטעם דער פרילינג דער שענסטער
פריש אין די ענגע פיר ווענט.

האָבן מיר הוזשענדיק שעה'ן געפּטרט
אַלץ אין דעבאַטן און קריג;
זיינען די לאַגערן ביידע פאַרמאַטערט,
שליסט מען אַ שלום אַן זיג.

נאָך די מחלוקות, געשרייען, גריזאַטע,
שטורעמס אין וואַסער אַ גלאָז,
טוט אין פאַרוואָרפענעם העק אויף דער בלאָטע *)
ענדלעך מיט לינדקייט אַ בלאָז.

אייז אויפגעעפנטער, פרילינג פון צפון,
מילדקייט און אומרו אַ שלל;
לויכט מיר דאָס לעבן פאָראויס אַזוי אָפן,
שלאָגט אַ קריסטאַלענער קוואַל.

---

*) אַ געסל אין מינסק.

האָט מיט אַ שובערט־ראָמאַנס מיט אַ ליבן
ווער זיך אין צימער צעשאַלט;
האָב איך מיט שובערט'ן שוין זיך פאַרקליבן
באַלד אויף זיין באַרג־אויפענטהאַלט.

טראָגט מיך פון בלאָטע אַוועק אין די הויכן —
ערגעץ צו עפּעס־וואָס העלם;
טו איך די שפּיצן די העכסטע דערגרייכן —
דאָרט אויפן שטאַרענדן פעלז.

זע איך ניט מער שוין דעם צימער דעם ענגן —
פון פאַפּיראָסלעך דעם רויך;
זע איך אין בלאָקייט אין ענדלאָזער הענגן
רויכיקע בערג אין דער הויך.

וואַלדיקע פעלזן און פעלזיקע פלאַמען —
אייביק אין בלי און אין בלענד;
פאַלן אַוועק אַלע גרענעצן, צאַמען —
שטראַליקע רחבות אָן ענד.

שווינדן שוין ווייטע די ווערטער די שטויביקע —
ווייט שוין דער קרייזל־געדריי;
רוישט מיר מיט טענענבוים־וועלדער מיט אייביקע,
בליצט מיר מיט אייביקן שניי.

פינצטערע תהומות און בליציקע שנייען,
זון־גאָלד און שוואַרצער גראַניט,
פעלזיקע שטומקייט און אָדלער־געשרייען —
איך מיטן ליד אין דערמיט.

אדלערשער פליגל־רויש, באַרג־שטראָמען טענער,
מעכטיקעס, פּאַרכטיקעס, שיינס,
שטאָלצע דערוואַרטונגען, וואַגענדע פּלענער —
גיסן צונויף זיך אין איינס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז עס אילוזיע, צי וואָר? נאָר פאַרגעסן
קען זיך עס קיינמאָל שוין ניט;
קיינמאָל שוין קען זיך די זעאונג ניט לעשן
טיף־וואו ביי מיר אין געמיט.

טראָג איך אַ לעבן אים דורך, ווי אַ משכון,
יענעם דערהויכטן מאָמענט;
טוט דער ראָמאַנס אין זכרון מיר בלײַשקען —
אַלץ נאָך אין בלי און אין בלענד.

לעב איך אים איצט אין די קלאַנגען נאָך איבער,
דאָך אַזוי ווייטיקדיק־ווייט —
קלינגט מיר אַלץ אָפּ מיט אַ שטים מיט אַ ליבער
פון אַזאַ אוראַלטער צייט.

ניו יאָרק, 1937.

# אויפן טייך סוויסלאָטש

ערגעץ צווישן ווייטע בוימער
ברענט דער אָוונט אויס,
און אין נאַכט אין דער געהיימער
שווימען מיר אַרויס ;

קעגן וועלטן שונאים — מיר די ווייניקע,
אָנגעפּאַקט אויף לאָדקעס אייניקע.

סודעט טונקל זיך דער אַיער,
ווי עס וואַכט דאָרט וועך ;
ווינקט וואו בלאָנדזשענדיק אַ פייער,
פינקלט הין און הער ;

אָטעמט קיל מיט פייכטקייט, פריש און פרילינגדיק,
אונזער אומרו אַלץ ניט שטילנדיק.

שפּרינגען זשאַבעס, זעגן גרילן,
שמעקט מיט זומפּ און לייב ;
צויבערן די פאַרגעפילן
פון געפאַר געהיים ;

ווערבעס, פול מיט קאָנספּיראַציעס, הויערן,
יאַלקעס, ווי די שפּיקעס, לויערן.

שווימען מיר פאַרביי די ברעגן
דורכן חושך שטיל —
צו אַ ליכטיקייט אַנטקעגן,
צו אַ גרויסן ציל,

מיט די הערצער, ווי די וויאָסלעס, שלאָגנדיק,
אין געהיימניש טיפער יאָגנדיק.

אָט פאַרטשעפּעט מען צוזאַמען
שוין די לאָדקעס באַלד,
און אַ רעדע, פול מיט פלאַמען,
דורך דער שטילקייט שאַלט;

הערט מען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס, שווייגנדיק,
פלאַם־רייד, אויפן סוויסלאָטשן ציינגדיק:

„זעט איר, ברידער, אָט די בלאָטקע,
וואָס מען רופט זי טייך!
גרייכט מען דאָך מיט הענט פון לאָדקע
יידע ברעגן גלייך!

„אָבער פון אַזעלכע טייכלעך טויזנטער
ווערט צום סוף אַ ים אַ ברוינדער!"

שלאָגן וויאָסלעס, פול מיט גלויבן,
זינגט זיך גוט און וואויל,
ווי מיר פילן זיך געהויבן
אויך צו זיין אַ טייל —

ווי מיר זײַנען קליין — אַ טייל אַ וויכטיקער
פון אַ גראַנד־אַרמיי אַ ליכטיקער.

קוקן מיר פאַרטרוימט און קוקן
צום קליין־וואַסער טיף:
וועט עס אויך נאָך אויפן רוקן
טראָגן ווען אַ שיף?

טרוימען מיר אינאיינעם טרוימען הערלעכע
פון די שטורעמס די געפערלעכע.

רודערן מיר מיט געזאַנגען
דורכן נאַכט־טומאַן,
ווי מיר הערן שוין די קלאַנגען
פון דעם אוראַגאַן,

דורך די ווייטן פון די צייטן קומענדיק,
דורך דער שטילער פוסטקייט ברומענדיק.

ניו יאָרק, 1937.

# א ל י ה ו

(ח. זשיטלאָווסקין)

## 1

## ליל שמורים

ולילה כיום יאיר, כחשיכה כאורה
(תהלים קלט׳, יב׳)

עס שטייען אין דער וואַרטנדיקער נאַכט
אַלע טירן אָפן;
עס האָבן פאַר די הייזער גרין דערוואַכט
ליכט־פאַסן פון האָפן.

עס היט אַ גרויסן, יום טובדיקן סוד
יעדער שוועל באַזונדער,
און יעדער דורכלויכט פון אַ פענצטער־לאָר
חלומט פון אַ וואונדער.

און פון די טירן און די פענצטער העלט
הימל־הויך דער הלל;
עס איז דער גאַנצער חלל פון דער וועלט
שטראַלנדיק מתפלל.

עס פלעמלען זילבער־גרינע שיינען אום,
טרוימעריש געצונדן;
מיט ליכטלעך גייען אין פראָצעסיעס פרום
זינגענדיקע שטונדן.

און יעדער פרילינג־אויפשפראָץ גליט און גאַרט
מיטן בליט־אויג אָפן,
און יעדער אָטעם איינגעהאַלטן וואַרט
אויפן סוף פון סופן.

## 2

## אויפן אַלטן באַרג

הנה אנכי שלח לכם את אליה הנביא
(מלאכי ג׳, כג׳)

און אויפן אַלטן באַרג, ביים גרויסן ים,
פון אַ הויך אַ ווייטער,
אין אַלטן רייט־וואָגן פון פייער־פלאַם,
נידערט שטיל דער רייטער.

ער קומט אין נאַכט פון וואַרטנדיקן וויי,
שטילער פון אַ שטערן,
שוין אַכט און צוואַנציק הונדערט מאָל אַזוי,
אַלץ דעם רוף צו הערן.

שוין גאַנצע אַכט און צוואַנציק הונדערט יאָר
אַז זיין וואַרטן דויערט —
אין הימל־וויסטעניש, אַ מעטעאָר,
גליאיק דורכגעטרויערט.

אַט שטייט ער אין די פינצטערנישן שוין,
אויף דער ערד דער האַרטער,
דער פיל־דערוואַרטער, וואָס פאַרבלייבט אַליין
שטענדיק אַלץ דער וואַרטער.

אין אַלטן פעל־גאַרטל, אַ נזיר, שטאַרק
מיט די האָר פון גבורה,
דערהויבט ער זיך אַריבער ים און באַרג,
אָנזאָגן די בשורה.

דער נביא־מאַנטל אויף די אַקסלען ווייהט,
און אין זיינע פאַלבן
דער אַלטער קרוג מיט בוימל שטעקט נאָך גרייט,
אימיצן צו זאַלבן.

## 3

# אין שאָטן פון די דורות

עד מתי החזון התמיד
(דניאל ח׳, יג׳)

צי וועט ער זען די צייכנס אויפן וואָר
אין דער נאַכט פון האָפן?
איז פול די צייט? איז ראוי שוין דער דור
צו דעם סוף פון סופן?

ער שטייט אין נאַכט מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
אויפן באַרג־שפּיץ, ריזיק;
די בליקן, ווי קאַמעטן, ווייט געווענדט,
דורכגעליכטיקט, שפּיזיק.

און אונטן שווייגט, אַ רעטעניש, דער טאָל,
נעבל־גרין פאַרהאַנגען,
וואו ער איז אין ערדישן אַמאָל
ברוזיק אומגעגאַנגען.

ווי האָט ער אומגעבליצט פון אָרט צו אָרט,
שטורמער און פאַרניכטער,
געוואָרפן קראַכנדיק דעם דונער־וואָרט
מלכים אין געזיכטער!

איצט שטייט ער איינזאַם, דער געקומענער,
אין דער מיט פון פוסטקייט —
אַן אייביק איינער, אַ באַנומענער
פון דער אומבאַוואוסטקייט.

אַ מלאך. אַ געשיקטער. וואָס אַליין
האָט ער ניט קיין ווילן,
פאַרבלייבט ער ביי די אַלטע שאָטנס שטיין,
אין דעם שמערץ דעם שטילן.

אַלץ שטומע שאָטן־דורות, דור נאָך דור,
ענדלאָז אויסגעצויגן;
ער קוקט די אַכט און צוואַנציק הונדערט יאָר
אין די טויטע אויגן.

## 4

## די זעאונג

ואראה את צאן ההרגה
(זכריה יא', ז')

ער זעט אַ יעדן ערד־שוואַרצן געזיכט
אין דעם זאַמד דעם האַרטן;
זיי ליגן אין דער פינצטער, שיכט אויף שיכט
איינגעפרעסט, און וואַרטן.

ער זעט יאָרטויזנטער אַדורך צוריק,
פעלדער פול מיט ביינער;
מיליאָנען וואַרטער מאַטערן זיין בליק,
שאַרבנס יעדער איינער.

זיי פאָכן אָפּ דעם שטויב פון דורות שטום
מיט די שאָטן־פעכער;
זיי שטעלן זיך און רינגלען אים אַרום
מיט די אויגן־לעכער.

„אָ, גאָט, מיין האַר!" צעברומט זיך זיין געמיט,
און אַ קול פון ווערטער:
„וועט זייער גרוב־רוף שוין אויף אייביק ניט
אויפגיין אַ דערהערטער?

„צי וועלן כוואַליעס לאַנג צעגאָסענע
ווידער שטראַליק שלאָגן?
צי וועלן ווינטן לאַנג פאַרפלאָסענע
ווידער יונגע יאָגן?

„צי וועלן נאָך די חורבעס שטויביקייט
לעבנס ווערן צאַרטע?
צי בלייבן זיי, אָ, גאָט, אין אייביקייט
מתים אָפּגענאַרטע?"

## 5

# אַנגסט

וַיִּגְהַר אַרְצָה וַיָּשֶׂם פָּנָיו בֵּין בִּרְכָּו
(מלכים א, יח׳ מב׳)

ער לאָזט זיך טונקל אויף דער ערד אַראָפּ,
אויף דער גרין־באַשטראַלטער,
און גראָבט אין קני אײַן, ווי אַמאָל, דעם קאָפּ,
אין דער אַנגסט דער אַלטער.

ער זעט זיי, טוי־פֿאַרשלייערט, באַרג און טאָל,
יעדן אָרט באַזונדער,
אַוואו ער פֿלעגט אין לויטערן אַמאָל
וואַנדערן אין וואונדער.

אָט קומט ער מאָרגנדיק, אַ פֿרילינג־ווינט,
אין אַ וועלט אַ יונגער;
פֿליט מונטער אָן, אַ שטראָפֿער פֿאַר די זינד,
און באַשווערט דעם הונגער.

אָט שטייט ער בײַם אַלטאַר, אין וועט־קאַמף, שטאָלץ,
מיטן פֿאָלק צוזאַמען;
ער רופֿט צום הימל, און אויף רינד און האָלץ
פֿאַלן צונגען פֿלאַמען.

ער שטרייט פאַר גאָט, ער שטרייט פאַר גוט און רעכט,
שטענדיק אונטערוועגנס,
ער שאַפט זיך מיט די וואָלקנס, ווי מיט קנעכט,
און באַפעלט די רעגנס.

ער האָט דעם שטרייט דעם גרויסן פון דער צייט
שיין און שטאַרק געוואונען;
דאָך מיטן לעבן אין אַ מדבר ווייט
ווערט ער קוים אַנטרונען.

צי שטייט דער בוים נאָך, וואו ער האָט געזוכט
שאָטן זיך צו רעטן,
און מיד און שמאַכטנדיק זיין טאָג געפלוכט,
טויט אויף זיך געבעטן?

## 6

## דער הלל

ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגף
(שמות יב׳, כג׳)

און אונטן זילבערן פאַר אים אין נאַכט
זינגענדיקע הויפן,
וואו, איבערקרימענדיק, דער מזיק וואַכט
אויפן אַלטן אופן.

ער זעט, ווי טירן עפענען זיך אויף
פאַר ניט־גוטע אויגן,
און מיטן הלל קוקן ווינסט אַרויף
שוואַרצאַפלס צעצויגן.

ער זעט די לעבנס אויסגעבלייכט, ווי טויט —
אַלץ דיזעלבע זיינען,
אַלץ הונגער־אויגן ברענען פיבער־רויט
אין די גרינע שיינען.

און אויף די לעבנס פלאַטערן ארום
שאָטן־אָרעאָלן —
אַלץ קדושים־זיידעס וואַרטנדיקע שטום,
הייליקע אַמאָלן.

די לעבעדיקע רופן מיט איין שטים
פון אַ וועלט מיט הייזער;
די שאָטנדיקע טייטלען שטום אויף אים,
אויפן וואונדער־ווייזער.

און טיפער גראָבט ער אין די קני זיך איין.
אין געמיט אין שווערן:
„אָ, ביז ווי לאַנג וועט, גאָט, דער צאָרן דיין
אַלץ אַזוי פאַרצערן?"

# 7

## אין דער שטילקייט

לא ברעש ה׳
(מלכים א, יט׳, יא׳)

ער ווייַנט מיט יעדן איבער יעדן ווייַן
אין זייַן טיפֿער שטומקייט,
און יעדנס וואַרטונג וואַרט ער דורך אַליין
אין דער אומעטומקייט.

און מיטן שטומען רוף: „ענני!" — שטאַרק
מיטן אַלטן גלויבן,
אין הויך און פֿולן, פֿאַלט ער צו צום באַרג,
צו די אַלטע שטויבן.

ער זוכט אַן ענטפֿער אין דער שטילקייט וואו,
דעם באַשייד, וואָס מאָנען,
אין זייער אומרו און אין זייער רו,
טרייסטלאָזע מיליאָנען.

האָט גאָט זיך אים אַמאָל באַוויזן דאָך
ניט אין ווילד געוויטער,
נאָר אין דער לינדער שטילקייט פֿון דערנאָך,
אין דעם דינעם ציטער.

אַ שטורעם איז געקומען פון דעם ים
און די בערג צעריסן;
דאָך ניט אין ווינט, אין רעש און אין פלאַם,
לאָזט זיך גאָט דערוויסן.

עס איז די שטילע, אויסגעלייטערטע
נאָכן־שטורעם־ריינקייט,
ווען גאָט אַנטפּלעקט זיך צו דערוויטערטע
אין זיין וואָרט און שיינקייט.

א, שלאָג, דו שטורעם, שלאָג אויף גאָטס באַראָט,
קראַך מיט דיינע שרעקן,
און ריייניק אוים די לופט, און זאָל זיך גאָט
אין זיין פּראַכט אַנטפּלעקן!

8

## די כמאַרע

כי סתומים וחתמים הדברים עד־עת קץ.
(דניאל יב׳, ט׳)

ער זוכט דעם ענטפער, ווי ער בלייבט נאָך שטיין
אויף דער ערד דער האַרטער,
דער פיל־דערוואַרטער, וואָס פאַרבלייבט אַליין
שטענדיק אַלץ דער וואַרטער

— ווי דריקט די שטילקייט אַנגעלאָדן־שווער
שטילקייט פאַר אַ שטורעם!

צי קומט די כמאַרע, פלאַמיק פון באַגער,
פינצטער פון יסורים?

ער קוקט פון באַרג מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צו די שטומע שטערן:
צי וועט די גלוט־פאַרגליווערטקייט צום ענד
אויפגעטרייסלט ווערן?

און ווי אַמאָל, באַפעלט ער ווענען וואו
אין דער ווייט דער גרינער;
עס לויפט אין זייט פון ים און קוקט זיך צו
זיבן מאָל דער דינער.

אָ, ניט קיין וואָלקנדל, אַ האַנט די גרויס,
גייט פון ים אַנטקעגן;
אַ שווערע כמאַרע קומט און לייגט זיך אויס
שוואַרץ אויף אַלע וועגן!

צי וועט זי ברענגען בענטשונג פון דער הויך
און די וועלט דערפרישן?
צי וועט זי נאָך די וואונדער־וואַרטונג אויך
אין דער שוואַרץ פאַרווישן?

עס שטייען אין דער וואַרטנדיקער נאַכט
אַלע טירן אָפן;
דאָס אומבאַקאַנטע האַלט אַן אויג און וואַכט,
אין דער שוואַרץ פאַרלאָפן.

ניו יאָרק, 1927.

# אין בעריאָזעווען וועלדל

(מיין שוועסטער סטערע׳ן)

אין דער זינגענדיקער גרינקייט,
אין דער ציטערדיקער דינקייט
פון דעם צאַרטן וואַלד, דעם יונגן,
האָט אַ ניגון אַ פאַרשייטער,
פון אַ ראַשער וועלט, אַ ווייטער,
אין אַ כאָר זיך הויך צעקלונגען.

און דער וואַלד האָט ראַש און גרימיק
אָפּגעקלונגען טויזנט־שטימיק.

האָבן זיך אַוועקגעלאָזן
דורך די ווייכע הויכע גראָזן,
דורך די ווייסע שלאַנקע שטאַמען,
דורך די סאַזשעלקעס די מידע,
דונער־קלאַנגען פון מרידה,
פול מיט אויפרייס, פול מיט פלאַמען.

שטייען מיר אין וואַלד אין ווייסן,
טוען זיך די העלזער רייסן.

און דורך בוימלעך דורך גראַציעזע
ברויזט די רויטע מאַרסעליעזע;
טראָגן־מיט די קלאַנגען בילדער,

ווי זי קומט שוין, די ממשלה,
פון דער פּאַרכטיקער קראַמאַלע —
בילדער, איינס פון צווייטן ווילדער.

טוען טויזנט עכאָס שאַלן
מיטן שאַל דעם ניט־לעגאַלן.

לויפן דורכן וואַלד און לויפן,
אויף אַן אופן אויף אַ טרייפן,
דורכן מאָך און דורך די לוזשעס,
ערגעץ פון פּאַריזער גאַסן,
די צעבונטעוועטע מאַסן —
פּראָלעטאַריער אין די בלוזעס.

און דער וואַלד, אַלץ ווילד און ברויזענד,
דונערט אָפּ מיט עכאָס טויזנט.

און דער כאָר צעלאָזט זיך הייסער,
ווי עס ברענט דער קאַמף דער גרויסער
צווישן בלוזעס און שינעלן —
ווי די מאַסן כוואַליעס שלאָגן,
און מען נעמט אויף אַלע ראָגן
שוין די באַריקאַדן שטעלן.

און דער וואַלד פון אַלע עקן
שאַלט און שטורעמט מיט די שרעקן.

אָ, איר שוואַרץ־בלאָע מונדירן!
אפשר וועט איר אַרעסטירן
אָט דעם וואַלד מיט אַלץ אינאיינעם —

און די יאַגדעס און די גראָזן,
און די מייזלאַך און די האָזן,
און דעם ווערימל דעם קליינעם?

ווייל דער גאַנצער וואַלד טוט שאַלן
מיטן שאַל דעם ניט־לעגאַלן.

שטייען מיר אין וואַלד אין ווייסן,
טוען זיך די העלזער רייסן
מיטן רויטן ברען, דעם וואַרן —
ווי מען האָט אין צוויי־דריי שטונדן
אָט דעם וואַלד עס אָנגעצונדן,
אויף צו להכעיס די זשאַנדאַרן.

און דער וואַלד, אַלץ ווילד און ברויזענד,
דונערט אָפּ מיט עכאָס טויזנט.

מאָנטיסעלא, נ. י., 1937.

# אונטערן עפּלבוים

די רויטקייט פון הערבסטיקע שטראַלן,
וואָס גליען אויס מונטער;
די רויטקייט פון עפּל, וואָס פאַלן
אין רייפקייט אַרונטער.
מיר זיצן חברים אַ גרופּע,
געהיים און פאַרטרויט,
אין שטראַלן און עפּל אַ קופּע,
געפלאָכטענע רויט.

מיר לערנען צוזאַמען פּאַרטיפּט,
אין רויטקייט פון שטראַל,
די רויטסטע, די שטראַליקסטע שריפט —
קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״.

און אָוונט־צייט טראָגן מיר ליכטיק
דעם יום־טוב דעם רויטן,
אַ גליקלעכן סוד אַזוי וויכטיק,
צום עולם צום גרייטן.
מיר טראָגן דעם סוד אין דער פינצטער,
אין פרייד פון דער שעה דער געווינטשטער,
און אַלע און יעדער באַזונדער
דערוואַרטן אַ וואונדער.

עס שאָטנט נאָך פינצטער דער פּיין
אויף יעדן געזיכט;
דאָך שפּרייט זיך פאַנטאַסטיש דער שיין
פון ווייט־וואו געריכט —
דער לעצטער וועט ערשטער נאָך זיין
אין גלוט־רויטן ליכט.

און זיין וועט אַ טאָג, און עס וועלן
די וועגן זיך צערוקן;
קיין אַפּגאַם וועט מער ניט פאַרשטעלן
דעם וואונדער צו קוקן;
עס פאַלן פון אויגן די בענדער
אין פולקייט פון צייט;
עס שטייען שוין צייטיק די לענדער
פון נאָענט און ווייט.
אַט פלאַמען בערלין און פּאַריז

אין רויטן צעבלומט;
אָט קומט ער, דער אַרבעטער־רייז,
דער אויפטרייסלער קומט.

ווי האָט אונז אַנטציקט דער מיראַזש
אין דאָרשט־ברען פון יונגן עקסטאַז —
געצויגן אַזוי און געצונדן
און ענדלעך פאַרשוואונדן.

— — — — — — — — — — — —

צי גליט נאָך דער עפּלבוים גרייט
אויך אונטער דער רויטער־מאַכט רויט?

און אפשר אין מוט אין דערהויבטן,
אין סאָד יענעם, אונטער אַ בוים,
פון הערבסטיקע שטראַלן באַלויבטן,
זיצט אימיצער איצט אין געהיים,
און צווייפלט נאָך אַלץ אין דערגרייכטן,
און טרוימט נאָך זיין טרוים?

ניו יאָרק, 1928.

# אויפֿן וועג צו סענדי הוק

די אָנגעבראַנטע טורעמס פֿון מאַנהעטן שווינדן,
און ווייט־וואו פֿלאַמט ניו־יאָרק אין רויטן דאַמף אַרויס,
און ימיקער און קילער שוימען־אויף די אינדן,
און וויגן טיפֿער איין אין אָוונט און געדויש.

איך קוק פֿון שיף־פּאַרענטש און חלום, אַ פֿאַרוויגטער;
טוט וואונדערלעך פֿאַר מיר פֿון ווייטן וואָס אַ שיין:
מײַן היים־שטאָט כוואַליעט זיך אין זעאונג אין אַנטציקטער,
זי וויגט זיך און זי הילכט אין ים־געהילך אַריין.

עס שווימען ליכט־סיגנאַלן פֿלאַמיק־פּייכט אויף שטאַנגען,
פֿאַנאַרן פֿון מײַן היים־שטאָט אין אַ נעבל טיול;
עס וואַכן און עס וויינען וואַסער־גלעקער קלאַנגען,
אַ גלין־גלאָן פֿון סאָבאָר — ווי סומנע, יאָמערפֿול!

דאָך רוישן שבת־נאַכטיק פֿריילעכע די גאַסן,
און דורך די סומנע ליכט און קלאַנגען וואַנדלען אום
פֿיל־טראָטיק און פֿיל־שטימיק שטיפֿערישע מאַסן,
ווי וואַסערן פֿון נאַכט־ים אין פֿאַרשייטן ברום.

איך וואַנדל אום מיט זיי און חלום, אַ פֿאַרוויגטער,
איך שפּאַן גאַס־איין, גאַס־אויס, אין בליאיקן אַמאָל,
און פֿליגלען וואַקסן אויס, איך טראָג זיך, אַן אַנטציקטער —
ווי זינגט מײַן יוגנט־בלוט, ווי קלינגט מײַן יוגנט־קול!

ווי טרעלט מיר און ווי העלט מיר פון די פינצטערנישן!
אָ, שטעל זיך אָפּ און שטיי, דו טרוים פון אויגנבליק!
עס שטראַלן שוואַרצאַפּלס און בליקן שמחה שיסן,
אַ גרויסע לויטערקייט גייט־אויף פאַר מיר צוריק.

איך וואַרף אַראָפּ פון זיך די שווערע לאַסט פון יאָרן,
די גראָקייט פון מיין לעבן, פון מיין האַרץ און האָר;
איך פיל זיך ניי־געבאָרן, ווי דער לבנה־האָרן,
וואָס בלייכט און רויטלט זיך אין רויש פון וועלן־כאָר.

אָ, ליכט פון נאַכט־נעבל, וואָס טרוימט אויף וואַסער־וועגן,
באַלויכט דעם נעבל מיר, דעם וועג אין נאַכט באַוויין!
אָ, גלאָק פון פינצטערניש, וואָס וואַכט דעם תהום אַנטקעגן!
באַוואַך דעם אָפּגרונט מיר, דעם שוואַרצן כשוף־קרייז!

היט אויס מיר די אילוזיע אויף די קאַלטע תהומות,
די שטימונגען פון יוגנט און פון יונגן טרוים,
זיי זאָלן ניט אין מיטן פון די וויסטע אימות
פאַרשווינדן, ווי די אינדן, אין צעשטויבטן שוים.

איך זאָל, אַ גליק־פאַרגעסענער, ניט בלייבן ווידער
ביים שיף־פאַרענטש אין מיטן נאַכט־ים שטיין,
אַ פרעמדער אין המון אַרום, אַ לעבנס־מידער,
ביים אָפּגרונט פון דער פינצטערניש, אַליין, אַליין.

בעלמאר, 1925.

פינפטע אָפּטיילונג.

# אין דער פרעמד



# אין דער פרעמד

עס גייט די מיטן־נאַכט אין ווייסן אָנגעקליידט,
אַריבער פעלד און וואַלד, אַריבער באַרג און טאָל,
אין ווייסן אָנגעקליידט, אויף זיידנס אויסגעשפּרייט,
און גיסט מיט שטילן שיין און טרוימען אָן אַ צאָל.
און שטיל אַזוי נאָך איר, אין ווייסן ליכט־שפּור, שוועבט
אַ חלום אָן אַ סוף, אַ חלום — ווייך און מילד,
פון בלאָען הימל־דרוים, מיט שטערן דורכגעוועבט,
און ביז דער ווייסער ערד — אין שטראַלן איינגעהילט.
עס שלאָפט די גאַנצע וועלט, פאַרגאָסן דורך־אַרום
מיט מילדן, שטילן שיין, באַרואיקט און באַגליקט;
עס שלאָפט די גרויסע שטאָט, די גאַסן שוויגן שטום,
עס שלאָפט דער מידער מענטש, אין חלום איינגעוויגט.

איך גיי און שווים און שווים אין ווייסן שטראַלן־ים,
און ס'לויפט פון מיר דער שלאָף, און פול מיט ווילדער גלוט
רירט טיף זיך אויף אין מיר אַ לאַנג־פאַרשטיקטער פלאַם —
עס ברענט מיר היים דעם מאַרך, עס ברענט מיר היים דאָס בלוט.
עס וואַכן אויף אין מיר פאַרלאַנגגען אַלערליי —
פון ליבע און פון שמערץ, פון שמאַכטונג און פון גליק,
חלומות פון אַמאָל, פול ליידנשאַפט און וויי,
זיי שפּילן אויף אין מיר, זיי פלאַמען אויף צוריק.
און ס'שווימט אַרויס פאַר מיר ווייט־ווייט וואו איינגעהילט,

אין ווייכן טיול פון נאַכט, דורך בענקשאַפט אָן אַ שיעור,
אַ ליבע טרוים־געשטאַלט, אַ פיל געצערטלט בילד —
„מיין ווייטער, ווייטער פריינט, אָ, קום, אָ, קום צו מיר!

„אָ, קום, אָ, קום צו מיר אין שטילקייט פון דער נאַכט,
פון אַט דער צווישן־נאַכט — אָ, קום, אָ, קום צו מיר!
און זאָל מיין האַרץ פאַר דיר דאָ ווערן אויפגעמאַכט —
איך וועל דערציילן דיר מיין בענקשאַפט אָן אַ שיעור,
ווי קאַלט איז אין דער פרעמד, ווי שלעכט עס איז און שווער!
איך שעם זיך ניט פאַר דיר, דו וועסט פאַרשטיין, איך ווייס,
און זאָל זיך גיסן פריי פאַר דיר מיין שטילע טרער,
און זאָל צעגיין מיין האַרץ אין דיינע אָרעמס הייס".
עס ענטפערט קיינער ניט, עס שווייגט די גאַנצע וועלט,
פאַרגליווערט און פאַרשטומט, אין בלאַסער, טויטער פראַכט,
אין לייכטן נעבל שווייגט די לבנה מאַט־פאַרשטעלט,
עס ענטפערט קיינער ניט, עס שווייגט די שטומע נאַכט.

ניו יאָרק, 1897.

# אין גאָרטן

## 1

אײַנגעהילט אין בשמים־ריחות,
פֿון אַ כּשוף שטיל באַנומען,
ליגט זיך אויס דער פֿרילינג־אָוונט
אויף די ביימער, אויף די בלומען.

און עס דרעמלען די אַלעען,
און זיי זעען אויס פֿאַרטרונקען —
האַלב אין בלאַסע, מאַטע שאָטנס,
האַלב אין שטראַלן ווײַס פֿאַרזונקען.

און עס ליגן שטראַל און שאָטן
זײַט בײַ זײַט אין טיפֿן שלום,
און עס דוכט זיך, אַז פֿון הימל
שוועבט אַ גוטער, צאַרטער חלום —

שוועבט און טראָגט זיך דורכן גאָרטן,
דורך די דרעמלענדע אַלעען;
גוטע, צאַרטע טרוימען־בילדער,
לעבן אויף פֿאַר מיר און ווייהען.

און איך זע אַ ליבן פּנים,
אויגן, ווי די שטערן, גיסן
מיר אַ ווייכן שײַן אין האַרצן,
און זיי שמייכלען און באַגריסן.

און עס שמייכלט און באַגריסט מיך
אַלעס, אַלעס — בוימער, בלומען
און דער גוטער, צאַרטער אָוונט,
פון אַ כשוף שטיל באַנומען.

2

אויף די ווייטסטע שטערן קוק איך,
פול מיט בענקשאַפט און באַגערן.
טרעפן מיר זיך דאָ מיט בליקן?
זעסטו אויך די זעלבע שטערן?

אָדער איצט אין לאַנד אין ווייטן
שטורמיק האָט די נאַכט געלייגט זיך,
און די ערד, פאַרשוואַרצט, פאַראומערט,
ווייקט אין רעגן זיך און ווייקט זיך.

און אַליין, אַליין אין צימער,
אונטער יענעם ווייטן הימל,
זיצסטו שטיל, פאַרבענקט, פאַרטרויערט,
דיינע אויגן שליסט אַ דרימל.

און עס בלאַנקט פאַר דיר אין חלום
אַ געדיכטער, שיינער גאָרטן,
און אַ ליבער פרילינג־אָוונט,
און מיר ביידע זיצן דאָרטן.

און מיר ביידע זיצן דאָרטן,
טיף־אַנטציקטע, און מיר שווייגן ;
זיצן, הערן, ווי דאָס ווינטל
זשומט און שפּילט זיך מיט די צווייגן.

3

איז דאָס טאַקע וואר, מיין ליבע,
אַז דו טרויערסט אָן אַ שיעור אַליין,
אַז דו דענקסט און בענקסט און חלומסט
נאָר פון מיר אַליין, נאָר פון מיר אַליין ?

איז דאָס ריכטיק ? וויפיל מאָל שוין
מיט אָן אומעט מיט אַ שווערן
טראַכט איך פון דיין איידל פּנים,
פון די אויגן, ווי די שטערן.

ניין, דער פּנים קען ניט נאַרן,
און די אויגן ריידן ריכטיק,
שיינט אין האַרצן מיר דער גלויבן,
און עס ווערט די נאַכט מיר ליכטיק.

און איך הער דיין ליבן מורמל
אין דעם ווינטלס צאַרטן זשומען,
און איך פיל דיין זיסן אטעם
אין דעם ריח פון די בלומען.

ניו יאָרק, 1897

# אין אַ שווערער מינוט

עס ווילט זיך מיר זינגען און זינגען.
איך וואָלט מיט מיין זינגען פאַרטריבן
דעם שאָטן, וואָס האָט אַזוי פינצטער
ביי מיר אין געמיט זיך פאַרקליבן.

און זאָלן זיך טראָגן די לידער
אין מעכטיקע, שטורמיקע טענער,
און אויפהויבן הויך די נשמה
אַלץ פרייער, אַלץ העלער, אַלץ שענער.

אַרום איז דער אָרט אַזוי סומנע;
איך שרעק זיך דאָ לידער צו זינגען,
דאָס קראַקען פון שוואַרצע פאַראָקעס
זאָל העסלעך מיין קול נית פאַרשלינגען.

עס ווילט זיך מיר וויינען און וויינען;
עס וואָלט אין מיין וויינען צעגאַנגען
דער קאַלטער, פאַרזשאַווערטער אומעט,
וואָס האַלט מיר דאָס האַרץ ווי אין צוואַנגען.

און זאָלן זיך פערלען די טרערן
אין הייסע, אין גליאיקע ריימען,
און דורכלויכטן זאָל דאָ די יוגנט
מיט גרויסע, מיט שטראַליקע טרוימען.

אַרום איז די לופט אַזוי פּראַקטיק;
איך שרעק זיך — די גליאיקע טרערן,
וויבאַלד זיי פאַרלאָזן די אויגן,
זיי זאָלן פאַרפראָרן ניט ווערן.

ניו יאָרק, 1897

---

# הערבסט מאָטיוון

## 1

## די בלעטער

וואָס הודיען די רויטע,
די פלאַמיקע בלעטער,
ווען ס'שפּילט זיך פאַנאַנדער
דער שטורמיקער וועטער?

וואָס קלאָגט זייער הערבסט־ליד
אויף טריט און אויף שריט?
וואָס יאָמערט אין אָפּקלאַנג
מיין האַרץ מיט זיי מיט?

װעט לאַנג דאָך די כמאַרע
די בײזע ניט ברומען;
עס װעט אויף דער װעלט נאָך
אַ לויטערקײט קומען.

מיט פאַרבן מיט גרינע,
מיט זוניקער זאַפט,
מיט לעבן מיט נײעם —
מיט קװאַליקער קראַפט.

עס הודיען די קראַנקע,
די װעלקנדע בלעטער:
„מיר זעלבסט אָבער װעלן
ניט אויפלעבן שפּעטער!"

עס קלאָגט זײער הערבסט־ליד
אויף טריט און אויף שריט,
עס יאָמערט אין אָפּקלאַנג
מײן האַרץ מיט זײ מיט.

ניו יאָרק, 1899.

2

## די וואָלקנס

און דער אָוונט איז ווילד און פֿאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפֿילט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן דערשראָקן,
אין געהיימניש און חושך פֿאַרהילט.

און דער הימל איז פֿול מיט בהלה,
פֿול יללה און העלישער מאַכט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן אָן אויפֿהער
און פֿאַרשווינדן אין שטורעם און נאַכט.

אזוי פֿליען די טעג און די יאָרן,
דורך די טאָלן פֿון יאָמער און פּיין;
אַזוי טראָגן זיך דורות נאָך דורות
אין דעם אייביקן גאָרנישט אַריין.

אַזוי גייען די לעבנס צום קבֿר,
אין געהיימניש און חושך פֿאַרהילט.
און דער אָוונט איז ווילד און פֿאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפֿילט.

ניו יאָרק, 1899.

3

## דער טויט

פון וואַנען קומט זי, ווייס איך ניט —
די פינצטערע געשטאַלט;
זי שטייט פאַר מיר, איך שפּיר אויף זיך
איר אָטעם פייכט און קאַלט.

עס קוקט אין פענצטער שוואַרץ די נאַכט,
דער הערבסט־ווינט וויינט און קלאָגט,
און טויזנט־אויגיק ווינקט זי מיר
און רוקט זיך צו און זאָגט:

„וואָס טרייסלט דיך, וואָס פּייניקט דיך,
מיין אָרעם מענטשן־קינד?
אָ, באַלד, אָ, באַלד איך קום צו דיר,
איך הייל דיך אויס געשווינד!

„איך קום צו דיר אין פולער מאַכט
פון גאָרנישט און פון רו;
איך לעש דיין גלוט, איך קיל דיין בלוט,
איך מאַך דאָס אויג דיר צו.

„איך בין דער פאָטער פון דעם הערבסט,
אין שוואַרצער נאַכט געקליידט,
איך בין דער סוף פון יאמער־טאָל,
איך בין — דער טויט!"

ניו יאָרק, 1899.

## 4

# דאָס לעבן

די וועלט איז פֿאַר מיר ווי אַ מדבר,
פֿאַרגעסן פֿון בענטשונג און גליק;
וואו זייט איר, די מדבר־מיראַזשן,
דער רייץ פֿון דעם שמאַכטיקן בליק!

דאָס לעבן איז מיר אַ געליבטע,
וואָס טוט נאָכאַנאַנד און פֿאַרראַט;
וואו זייט איר, די שיינע זכרונות,
די טרייסט פֿון אַ האַרץ, וואָס איז מאַט!

עס האָט ניט מיראַזשן מיין מדבר,
קיין איר־ליכט — דער טונקעלער וועג;
עס שטראַלן מיר ניט מיט זכרונות
די גראָע פֿאַרגאַנגענע טעג.

דאָך ליב איך מיין מדבר, אַזוי ווי
מען ליבט אַ פֿאַרלענגערטן שמערץ;
איך ליב דאָרט די נאַכט און איר חושך,
איך ליב דאָרט דעם ווינט און זיין קרעכץ.

דאָך ליב איך דעם לעבן דעם שלעכטן,
ווי ביטער עס דריקט מיך זיין לאַסט,
אַזוי ווי מען ליבט אַ געליבטע —
אויך דאַן ווען זי פּייניקט און האַסט.

ניו יאָרק, 1899.



# דער תנא און דער שטן

עס זיצט און עס לערנט דער תנא.
דער שטן, ער איז אים מקנא;
עס דרייט זיך דער שטן אַהין און אַהער,
דער תנא, ער טוט זיך צו אים ניט אַ קער.

דאַן כשופֿט אַ כשוף דער שטן,
עס איז אים דער כשוף געראָטן:
דער תנא, ער זיצט אין אַ הערלעכן שלאָס,
עס פֿינקלט אים פֿריילעך די משקה אין כוס.

עס קלינגט דאָרט געזאַנג און געלעכטער —
די שענסטע פֿון מענטשלעכע טעכטער,
זי זינגט אים און ווינקט אים און לויכט אים און לאַכט,
און ציט אים און שלעפּט אים מיט טייוולשער מאַכט.

אַ גלוט גייט דעם תנא אַריבער,
ער שווידערט אַזוי ווי אין פֿיבער —
אַט־אָט און זיין הייליקייט האַלט שוין ניט אויס,
טאָ כאַפּט ער און רייסט זיך די אויגן אַרויס.

דער הייליקער תנא ווערט בלינד,
דער כשוף דער בייזער פֿאַרשווינדט.
די מעשה גייט איבער דורך טויזנטער יאָר
ביז אונזער אַ תנא פֿון אונזערן דור.

עס זיצט אונזער תנא און טראַכט זיך:
ניטאָ גאָר קיין שטן, עס דאַכט זיך,
ניטאָ, אָ ניטאָ די אַמאָליקע דורות,
ניטאָ די נסיונות, ניטאָ די עבֿרות!

די וועלט איז איצט שטיל און געוויינלעך,
דער שטן איז אָרעם און קליינלעך,
די זינד איז ניט רייצנד, דער כשוף ניט רייך,
דער תנא, דער שטן, זיי בענקען צוגלייך.

ניו יאָרק, 1900.

# אַ באַזוך

На север далекий, угрюмый,
Холодный, но сердцу родной —
Туда-то влекут меня думы,
Туда-то летел бы душой.

## 1

די פינצטערע פענצטער די זעלבע —
עס דוכט זיך, אָט וועט זי נאָך קומען,
און האַרצרייסענד־שטיל אין דער פינצטער
וועט ווידער איר צער זיך צעברומען.

אַ בלום אַזאַ צאַרטע, וואָס האָט ניט
דעם גלות, דעם שאַפ אויסגעהאַלטן —
נאַר קוים־וואָס צעבליט זיך און באַלד שוין
געטויט פון דעם אָטעם דעם קאַלטן.

עס הענגען דאָ אַלץ נאָך די קלאַנגען,
אין שטראַל פון לבנה פאַרהילטע —
די ערשט־אויסגעזונגענע בענקשאַפט,
די וויי־גלוטען די ניט־געשטילטע.

זי האָט דאָך ערשט פריער אַן אָוונט,
אין גלוטיקען אומעט, אין יונגען,
איר לעצטן געזאַנג דאָ ביים פענצטער,
נשמה'ק אַזוי אויסגעזונגען.

2

עס שטייט די לבנה אין הימל און קוקט
אַריבער דער שלאָפנדער גאַס;
זי קוקט אַ פאַרבענקטע, אַזוי ווי אַ מענטש,
פאַרקלערט, מעלאַנכאָליש און בלאַס.

אַנטקעגן איר שטייט אין אַ פענצטער און קוקט,
אין בלאָלעכע שטראַלן פאַרהילט,
אַ יונגע פאַרטרויערטע פרויען־געשטאַלט;
זי קוקט אַזוי צאַרט, אַזוי מילד.

זי קומט פון דער שאָטן־וועלט טרוים־שטום אַהער,
אין שיינענדער שטילקייט פון נאַכט,
באַזוכן דאָס הויז, וואו זי האָט אַזוי פיל
געשטיקט זיך אַמאָל און געשמאַכט.

זי נעמט זיך, ווי אימער, ביים פענצטער איר פלאַץ,
אַריבער דער שלאָפנדער גאַס,
און קוקט אויף דער וועלט דער פאַרפרעמדטער און זיפצט,
פאַרקלערט, מעלאַנכאָליש און בלאַס.

זי זיפצט און זי קוקט־וואו, אַזוי ווי זי זוכט
אין שטילן, פאַרחלומטן שיין
אַ שאָטן אַ צווייטן, וואָס וואַנדלט דאָ אום,
משוגע פאַר אומעט און פיין.

ניו יאָרק, 1900.

# שבת פאַרנאַכט

אַן אַלטע, פאַרגעסענע שטימונג,
אַ בילד פון מיין קינדהייט דערוואַכט —
עס שטייט פאַר מיר אויף דער בית מדרש
אין טרויער פון שבת פאַרנאַכט.

דער שטאַרבנדער שבת־שטראַל רויטלט
געזיכטער און שטענדערס און ווענט,
און לעשט זיך באַלד אויס אין די שאָטנס ;
דער הייליקער טאָג איז צו ענד !

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
אַלץ בענקנדער ווערט דער געברום ;
עס זעגנט זיך אָפּ מיטן שבת
דער הוזשענדער עולם אַרום.

עס שווינדט אין דעם חושך דער שבת,
עס הוזשעט די בענקעניש שווער
אין טאָן פון דעם תהלים, ביים עולם,
וואָס האַוועט אַרום הין און הער.

איך זיץ אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל,
און קוק אויף דער האַוועניש שטום,
פאַרוויגט פון דעם טונקעלן טומל,
באַנומען פון טרויער אַרום.

איך קוק אויף די מענטשן און שאָטנס,
וואָס מישן זיך אומעטיק אויס,
און פיל אַזאַ צער פאַרן שבת,
וואָס פליט אין דעם חושך אַרויס.

איך פיל אַזאַ צער, וואָס דער הימל
צעברענט זיך און פינצטערט און שרעקט;
איך ווייס דאָך די סודות די בייזע,
וואָס ליגן אין פייער פאַרדעקט.

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
איך קוק אויפן הימל און טראַכט:
באַלד־באַלד און זי לאָזט זיך אַרונטער,
די וואָכיקע שבת־צו־נאַכט.

באַלד פּאַטשט אויף דער בימה דער שמש,
באַלד קרעכצט שוין דער מעריב אַרויס,
און אויבן אין ברענענדן הימל
ברעכט ווילד די בהלה שוין אויס.

מלאכי חבלה דערשיינען,
פול אויגן און פלאַמען אין בליק;
זיי טרייבן אַריין די רשעים
אין פייער פון גיהנם צוריק.

אויס שבת, צוריק אינדערוואָכן!
אָט דוכט זיך מיר אויס, אַז איך הער
די ווייסטע, די ווילדע יללה;
אַן אומעט פאַלט אָן אַזוי שווער.

עס גייען די ווייסטע רשעים
אין גיהנם אַריין מיט געוויין;
אויס שבת, צוריק אינדערוואָכן,
מ'דאַרף מאָרגן אין חדר שוין גיין!

די אַלטע, די קינדערשע שטימונג,
ווי שמערצלעך זי פּייניקט מיך נאָך;
וואָס טויג ער, דער פרייל‏עכער שבת,
ווען ענדלעך מוז קומען די וואָך.

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
דער הימל פאַרטונקלט אַלץ מער,
באַלד טוט ער אַ פּאַטש שוין, דער שמש;
אַן אומעט פאַלט אָן אַזוי שווער.

ניו יאָרק, 1900.

# אָוונט-קלאַנגען

1

עס ווערן אַלץ לענגער די שאָטנס,
און שטיל, אין פאַרגייאיקער פּראַכט,
דער אָוונט ברענט אויס און פאַרלעשט זיך ;
באַלד קומט שוין די נאַכט.

אַזוי אויך פאַרלעשט זיך מיין יוגנט,
פון פאַרבן פון טרויער באַגלייט,
די שאָטנס פאַרגייען אין חושך ;
באַלד קומט שוין דער טויט.

2

עס האָט אויף מיין הימל געגליט נאָר
דער עלענדער אונטערגאַנג-שיין ;
מיין יוגנט איז אָוונט געווען,
און נאַכט קען מיין עלטער נאָר זיין.

מיין יוגנט פאַרגייט ; איך דערשפּיר שוין
די פינצטערע שווערקייט פון נאַכט,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך אויף מיר שוין
דער צודעק פון קבר פאַרמאַכט.

3

אך, ענג, ווי די גרוב, איז די וועלט מיר —
די וועלט אַזוי גרויס, אַזוי ברייט;
עס שיינען די הימלען מיר דומפּיק,
עס שמעקט מיר דער פרילינג מיט טויט.

מיך גרוילט דער יריד פון דעם לעבן,
מיך מאַטערט דער טומל, דער שטויב;
דער מסחר מיט שרייאיקע ווערטער,
די פעדלער, זיי מאַכן מיך טויב.

אך, ענג, ווי די גרוב, איז די וועלט מיר —
די וועלט אַזוי גרויס, אַזוי ברייט;
די שטילקייט פון גרוב אָבער פעלט מיר,
די רו און דער פרידן פון טויט.

ניו יאָרק, 1900.

# אין אַ שטורעמדיקער מאַי־נאַכט

(צום אנדענק פון ב. מ.)

די בייזע, די ברומיקע נאַכט,
די לאַנגע, די שלאָפלאָזע נאַכט,
די נאַכט פון אַ טונקעלן פרילינג, אַ קאַלטן,
זי קלאַפּט מיר אין פענצטער מיט קרעכצן און גוואַלטן,
מיט שטורמיקן רעגן און גרויסן געפילדער,
אַלץ ווילדער און ווילדער,
אַזוי ווי אַ העלישע מאַכט
וואָלט טיף אין איר חושך געלעגן באַהאַלטן;
די בייזע, די שלאָפלאָזע נאַכט,
זי האָט מיך משוגע געמאַכט.

איך ליג אין מיין צימער אַליין,
אין פינצטערן אומעט, אַליין,
און ס'דוכט מיר, איך הער דאָ די יונגינקע קרעכצן,
און זע דאָ דעם אויסגיין, און פיל דאָ די שמערצן
פון גרינינקע בליטן, וואָס וועלקן און דאַרבן,
פון לעבנס, וואָס שטאַרבן
אין פרילינג פון בליאיקן חן,
און שמערצלעך און יאָמערלעך דרינגט מיר אין האַרצן
אַ שטילער, אַ יונגער געוויין,
אַ קול אַזוי צאַרט, אַזוי ריין:

„דער פרילינג דערגרייכט ניט אַהער,
זיין אויפבלי דערגרייכט ניט אַהער.
אַהער אין די טיפע, די פינצטערע קבֿרים,
וואו אַלעס בלייבט אייביק טויט־שטום און טויט־אָרעם.
עס ברענגט מיר אַרונטער דער וועטער דער נאַסער
נאָר ליימיקע וואַסער.
דער זאַמד דער פאַרנעצטער דריקט שווער,
דאָס פוילן פאַרשפּרייט זיך אַלץ שנעלער, דער וואָרים
עסט איין אין מיין לייב זיך; איך הער
אַפילו זיין קריכן ניט מער."

די ווילדע, די שרעקלעכע נאַכט,
זי האָט מיך משוגע געמאַכט!
און ס'דוכט מיר, אין מיטן פון פינצטערן ברומען,
אַט הער איך די טריט שוין, אָט זע איך זי קומען.
מיין ליבע, זי קומט, ווי אַ פלאַטער פון שיין,
אין צימער אַריין.
זי זעצט זיך, ווי שטענדיק, פאַרטראַכט,
פאַרטרוימט, מיטן שמייכל פון טרויער פון שטומען.
און פלוצלינג ווערט העלער די נאַכט,
און שטילער — די שטורמיקע מאַכט.

וואו ביסטו, וואו ביסטו געווען,
אַ צייט אַזאַ לאַנגע געווען!
אַ פינצטערער חלום, פול העלישן דראַנג,
ער לאָזט מיך ניט אָפּ און ער שטיקט אַזוי לאַנג.
איך האָב דיך געזען אין תּכריכים פאַרנייט,
אויף אייביק שוין טויט.
די גרוב דיינע האָב איך געזען,
דער זאַמד האָט פאַרקלאַפּט דיך מיט בלייערנעם קלאַנג.

צי איז עס אַ חלום געווען?
צי איז עס ווען טאַקע געשען?

דיין גוטע, דיין צערטלעכע בילד
פאַרפאָלגט מיך זייט דאַן אַזוי ווילד,
דורך טאָג אַן דער זון און דורך נעכט אָן די שטערן,
דורך שוויים פון פאַרצווייפלונג און ברענענדע טרערן.
דורך שטונדן פון וואנזין און בענקשאַפט אָן שיעור
נאָך דיר אַליין, נאָר דיר!
זייט דאַן האָב איך טיפער דערפילט
דיין הייליקע זעלע, דיין שמערץ און באַגערן;
איך האָב אומעטום דיך דערפילט,
דו האָסט מיר דעם הימל פאַרהילט.

מיר האָט זיך ערשט איצט נאָך געדאַכט:
איך זע דיך אין לייט־גרוב פאַרמאַכט,
דו ליגסט, און דער רעגן, ער דרינגט צו דיר פריי,
און יעטווידער טראָפּן, ווי קאָכיקער בליי,
דרינגט־דורך מיר אין האַרצן, און בראָט מיך און ברענט;
איך האָב דאָ ערשט דערקענט
דיין לייד אין דער שטורמיקער מאַכט,
דעם קרעכץ פון דיין יוגנט אין קרעכצנדן מאַי;
עס האָט מיך משוגע געמאַכט
דיין קול אין דער וויינענדער נאַכט.

ניו יאָרק, 1900.

# ווינטער אין דער פרעמד

דער ווינטער קומט צו גיין מיט וויסטן, ווילדן חן,
מיט פרײדן מונטערע און נאָדלדיקן פּײן,
מיט שנייען ווייך און צאַרט, מיט ווינטן בייז און האַרט,
מיט פייערדיקע פרעסט און קאַלטן זונען־שיין.

ער קומט און וועקט אין מיר דערמאָנונגען אָן שיעור;
אַ ווייטע, ווייסע שטימונג זילבערט פאַר מיין בליק,
די ליבע צפון־היים, דער קאַלטער, בייזער סדום,
דאָס אַלטע פאָטערלאַנד לויכט ווינטערדיק צוריק.

עס שפּיגלט לינקס און רעכטס דער שניי מיט יוגנט־שמערץ;
עס קלינגט מיר אָפּ דער ווינט אַ לאַנג־פאַרשטיקטן וויי!
זיי זיינען שלעכטע געסט פאַר מיר די ווינטער־פרעסט,
דער ווייטער, אַלטער צער לעבט אויף פאַר מיר אין זיי.

ניו יאָרק, 1904.

# אַ געוויין

אין נאַסן הערבסט־ווינט ליגט די נאַכט און פוילט,
און די פאַרגעלטע בלעטער קלאָגן:

„אָ, ניט אַזוינע ווינטן האָבן אונז געגרוילט!
עס האָבן שטורעמס זיך אויף אונז געטראָגן,
געריסן אונז אין זייער בייזן ברומען,
די שוואַרצסטע אוראַגאַנען האָבן מיר געזען,
מיר האָבן זיי אָן מורא אויפגענומען,
מיר זיינען יונג געווען!

„עס האָט אין אונז געשפּילט דער גרינער יוגנט־זאַפט,
און אָפּגעוואַשן נאָך אַ נאַכט אין רעגן;
באַגריסן פלעגן מיר מיט נייער, פרישער קראַפט
דעם יונגן טאָג און רוישן אים אַנטקעגן.
מיר האָבן הייס געגלוסט דעם ווילד־געוויטער,
געשמאַכט נאָך נאַכט־שטורעמס — געשען וואָס זאָל געשען,
באַגעגנט שלאַקסרעגנס מיט אַנטציקונג־ציטער,
מיר זיינען יונג געווען!

„איצט ברענגט אונז יעדער ווינט־בלאָז אימת־מות מיט,
ניט אויסגעלייזט ווערט אונזער נאַכט אין מאָרגן,
באַגריסן וועלן אונז ניט מער קיין שטראַלן,
שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט!"

אין נאַסן הערבסט־ווינט ליגט דער טויט פאַרבאָרגן,
און די פאַרגעלטע בלעטער פאַלן.

קלארקסבורג, 1910.

זעקסטע אָפּטיילונג

# געשטאַלטן און געשטאַלטלעך



# דער קרעמער

דער קרעמערל זיצט אין זיין קרעמל,
דאָס הונדערטע קרעמל אין גאַס;
ער זיצט און ער וואַרט אויף אַ קונה;
אין דרויסן איז פינצטער און נאַס.

עס ווייזן זיך זעלטן די קונים;
ער זיצט און ער שוידערט פאַר קעלט,
און גענעצט און חלומט חלומות,
און טראַכט זיך מכוח דער וועלט.

ער טראַכט וועגן מלכים און פעלקער
און ווייס ביי זיי אַלץ אויף אַ האָר;
דער קרעמערל לעזט די „הצפירה״
און זעט די פּאָליטיקע קלאָר.

ער יאָגט דורך די גוייאישע לענדער
אין איבערבליק זיינעם גאַלאָפּ,
און ביז באַראָן הירש׳ס אַרגענטינע —
דאָ שטעלט ער זיך הײמיש שוין אָפּ.

עס טוען אים פּלענער, ווי בליצן,
דעם מוח אַזוי אַ צינדן־אָן:
ווי וואָלט ער עס בעסער געמאַכט שוין,
ווען ע ר וואָלט געווען דער באַראָן!

„אָ, וואָלט איך געהאַט נאָר דעם כּוח!
די ערד וואָלטן שונאים געקייט,
און טאַקע אַ מלוכה געשאַפן,
און טאַקע פון אונזערע לייט!

„אַ אידישע מלוכה, רבותים!
צי קענט איר דאָס גרונטיק פאַרשטיין?
דאָס הייסט דאָך אַ מלוכה פון גאונים,
אַ מלוכה פון מלכים אַליין!

„אַ אידישע מלוכה, רבותים!" —
ער טוט אַ שפּרונג־אויף פון זיין באַנק,
צערודערט, צערייצט און צעפּלאַפּלאַקערט
פון גרויסן, פון שטאָלצן געדאַנק.

נאָר פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ קונה,
אַזוי ווי אַן אַרבעס די גרויס,
און בעט פאַר אַ קאָפּיקע פּוטער,
און שלאָגט אים פון ענין אַרויס.

עס גענעצט און גענעצט דער קרעמער,
און שווידערט נאָך שטאַרקער פאַר קעלט;
צעשטערט האָט דער מסחר זיין יום טוב,
און וואָכעדיק ווערט אים די וועלט.

און עקלהאַפּט ווערט אים זיין קרעמל —
די פּוטער, די הערינג, די ברויט,
די פּאַליצעס, פּוסטע און קאַלטע,
די טרויכמען פאַרפראָרן אויף טויט.

אַך, אַליץ איז נאָר הבל־הבלים,
און ער — אַ שלים־מזל, אַ פּלאָג,
אַזוי ווי עס טענהט זיין ווייבל
און וויינט איבער אים יעדן טאָג.

געדעכט איז געווען טאַקע שלמה,
פון טויזנטער ווייבער דער מאַן!
דאָך גטן אַפּילו די איינע
איז ווידער — גאָר אויך ניט קיין פּלאַן!

זי וויינט, די ארורה, און שילט אַליץ,
און האַלט אים דורכאויס אין געשריי;
געדעכט איז געווען טאַקע שלמה,
און ער וואָלט געווען אויך אַזוי!

ער וואָלט בהרחבה געזעסן
גאַנץ הויך אויפן גאָלדענעם טראָן,
און וואָלט זיך געשריבן „קהלת",
און וואָלט זיך דאָס זייניקע טאָן.

אָ, וואָלט ער געווען אַ באַראָן נאָר!
דעם קרעמער הויבט ווידער פון באַנק;
עס טוט אים אַ לויכט אַזוי וואַרעם
דער גרויסער, דער שטאָלצער געדאַנק.

די בלאַסע, פאַרלאָשענע אויגן,
זיי צינדן מיט פייער זיך אָן;
„וואו נעמט מען, רבותים, דעם כוח
די מעשים די גרויסע צו טאָן!

„אָ, וואָלט איך געהאַט נאָר די אוצרות!
איך וואָלט שוין געוואוסט פון אַ טאָלק,
איך וואָלט פון די אידן געמאַכט שוין
אַ רעכטן, אַ לייטישן פאָלק!

„דאָס שרייט ניט קיין לייב אין זיין צאָרן
און סטראַשעט די וויסטעניש ווייט;
דאָס דונערט אין לופט דער קול קורא
צום לעצטן, צום פורכטבאַרן שטרייט.

„דאָס יאָגט ניט קיין גליענדער שטורעם
און לייגט פאַר זיך אַלעמען אוים;
דאָס לאָזט זיך דער אידישער חייל,
דאָס שפּאַנען די העלדן אַרוים.

„דאָס ציט ניט קיין גרויזאַמער וואָלקן
און טונקלט דעם שיין פון דער ערד;
דאָס טראָגט זיך אַ שטויב אַ געדיכטער
פון הונדערטער טויזנטער פערד.

„זיי קומען, די גוואַלטיקע מחנות,
אין קאָרפּוסן גאַנצע צעשטעלט;
עס טראָגט זיך פאָרוים זיי אַן אימה,
עס פלאַטערט די קריסטלעכע וועלט.״

נאָר פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ קונה,
אַזוי ווי אַן אַרבעס די גרויס,
און בעט פּאַר אַ קאָפּיקע הערינג,
און שלאָגט אים פון ענין אַרויס.

עס זעען פון ווייטן די לייזונג
די הונדערטער קרעמער אין גאַס,
און פרעסן עס אויף מיט די אויגן,
מיט אויגן פון קנאה און האַס.

זיי קוקן אַרויס פון די טירן;
זיי זעען ניט אָבער, ווי שווער
דער בעל פּרנסה צעזיפצט זיך
און קאַפּעט אַ טרער נאָך אַ טרער.

מינסק, 1896.

## אַ געלעכטער

אויבן אָן אין דער משפּחה
זיצט דער נגיד פריש און מונטער;
שטייט אין טיר דער אָרעם־קרוב,
מיט אַ פּנים — רויט, ווי צונטער.

„און אַזוי גאָר, ביסטו ווידער
אַ בעל שמחה, שייגעץ איינער!
דוכט זיך, שוין דער זעקסטער איז דאָס —
ביסטו מיר אַ יונג מיט ביינער!

„נאָך אַ נייער זעקסטער קדיש,
אַ זאַפּאַס פאַר אַלע צייטן!" —
ברויזט דער נגיד מיט געלעכטער,
און ער האַלט זיך ביי די זייטן.

און עס לאַכט ביי אים דער גוידער,
און די באַקן, ווי די רויזן;
און עס לאַכט ביי אים די פּוזע,
און זי וויגט זיך אויף די הויזן.

און עס קייקלט, הילכט און שפּאַרט זיך
פעט אַרויס דער בויך־געלעכטער;
לאַכט אויך הילכיק די נגידה,
לאַכן אויך די זין און טעכטער.

לאַכן אויך די שניר און איידימס
לוסטיק, הילכיק, הויך און העכער,
לאַכט אַליין אויך דער בעל־שמחה,
ווי אַ גולם, אַ פֿאַרברעכער.

„מזל־טוב דיר! מזל־טוב דיר!" —
קלינגט און הילכט פֿון אַלע זייטן.
דער בעל־שמחה הערט עס אָבער
שוין אַהינטער טיר פֿון ווייטן.

האַסטיק לויפֿט ער, און אים דוכט זיך,
אַז מען לאַכט פֿון יעדן טויער,
אַז מען לאַכט פֿון יעדן פֿענצטער,
און די פֿאָרער און די גייער.

און עס לאַכט די גאַס אַנטקעגן,
מיטן טומל מיטן גאַנצן,
און עס לאַכן זון און הימל,
און זיי דרייען זיך און טאַנצן.

אַלע לאַכן פֿון זיין אומגליק,
אַלע מענטשן, אַלע זאַכן!
און ער לויפֿט און לויפֿט און מורמלט:
אַלע לאַכן! אַלע לאַכן!

ניו יאָרק, 1897.

# דער דועל*)

זיינען אַלע שוין געקומען,
און עס איז שוין דאָ אויך ליאַטע;
האָט מען היציק זיך גענומען
אויסצופעכטן די דעבאַטע.

ניט מיט בליי פון פּיסטאָלעטן
און אַ שווערד געשמידט פון אייזן,
נאָר מיט שאַרפע עפּיטעטן
און מיט קוילן פון באַווייזן.

איינער איז ענטוזיאַסטיש —
אַ „נאַראָדניק” אַ צעהיצטער;
און דער צווייטער איז סאַרקאַסטיש —
אַ מאַרקסיסט אַן איבערשפּיצטער.

---

*) אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן זיך צעפלאַקערט אין רוסלאַנד די מחלוקות צווישן די „נאַראָדניקעס” און די מאַרקסיסטן — די מחלוקות, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען פון פעטערבורג און מאָסקווע אויך אין דער פּראָווינץ. די „נאַראָדניקעס” האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויפן פּויערטום און אויף דער „אָבשצינאַ” — אויף דער פּרימיטיווער, האַלב־קאָמוניסטישער דאָרף־געמיינדע מיטן בשותפותדיקן ערד־באַזיץ. זיי האָבן געדענקט, אַז רוסלאַנד קען נאָך אויסמיידן די קאַפּיטאַליסטישע „פאַזע” און איבערשפּרינגען גלייך אין קאָמוניזם — אַ מין רעוואָלוציאָנערער אתה בחרתניזם. מיט די מחלוקות זיינען

שטייען בייכיקע פּאָליאַנטן
אויפן גרויסן טיש פּאָר ביידן —
אויסגעשטעלט, ווי סעקונדאַנטן,
זיג און דורכפאַל צו אַנטשיידן.

ווייס מען אָבער, אַז עס איז דאָך
ניט קיין אַנדערע, ווי ליאַטע,
וואָס געווים לויט איר קאַפּריז נאָך
ווערט אַנטשיידן די דעבאַטע —

קוקט זי ליב אויף ביידע שטרייטער
פון איר בלוזקעלע דער רויטער;
בלייבן זיי דאָך אַלץ נאָך ווייטער
אירע שטענדיקע באַגלייטער.

און געקליידט, ווי ניהיליסטן,
אין רובאַשקעס און אין פּאַסן,
שטייען ביידע דועליסטן
מיט די גיפטיקסטע גרימאַסן.

---

שוין אויך פאַרבונדן געווען אַזעלכע פראַגן, ווי די ווירקונג פון דער איינצלנער פּערזאָן און דער „סוביעקטיווער מעטאָד" אין דער געשיכטע.

מיכאַילאָווסקי איז געווען דער וויכטיקסטער שריפטשטעלער פון דער רעוואָלוציאָנערער „נאַראָדניטשעסטווא". בעלטאָוו איז געווען דער פּסעוו־דאָנים פון פּלעכאַנאָוו'ן, וואָס זיין בוך „צו דער פראגע פון מאָניסטישן שטאַנדפּונקט אין געשיכטע" האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער עקאָנאָמיסט זיבער האָט געשריבן אייניקע ווערק וועגן דער טעאָריע פון מאַרקסיזם. און דאָס איז געווען זיין אויסדרוק, אַז כל זמן דער פויער וועט זיך ניט אויסקאָכן אין פאַבריטשנעם קעסל, וועט גאָרנישט אַרויס־קומען. ניקאָלאַי־אָן איז דער פּסעוודאָנים פון דעם עקאָנאָמיסט דאַניעלסאָן, וואָס זיין ווערק וועגן די ווירטשאַפטלעכע פאָרמען אין רוסלאַנד איז דעמאָלט פיל דיסקוטירט געוואָרן.

און מען טוט אין קאַמף זיך וואַרפן
ביזן ענד, מיט יעדן מיטל —
מיטן שימחת־וואָרט מיטן שאַרפן
און פאַרניכטנדיקן ביטול.

איז ביים ערשטן די „אַבשצינאַ"
גאָר דאָס אויבערשטע פון שטויסל,
און ער טוט מיט דער טשופּרינע,
ווי אַ פּאָניע, בראַוו אַ טרייסל:

„ניט געחכמהט, ניט געדריידלט,
ניט פון ביכל און בראָשור,
ניט געקינצלט, ניט געאיידלט —
וואונדער־קינדער פון נאַטור.

„קאָמוניסטן לאַפּטשעוואַטע,
פון דור דורות, על פּי שכל!" —
און ער זעט אַנטציקט, ווי ליאַטע
גיט אַ צויבער מיט איר שמייכל.

קרימט אים נאָך דער צווייטער זויער,
מיט איראָניע מיט אַ בייזער:
„אַ, דיין מעשה־העלד, דיין פּויער —
דער פאַרדזעגאַכצטער דערלייזער!

„מוז דיין קאָמוניסט זיך קאָכן
לאַנג נאָך אין פאַבריטשנעם קעסל,
ביז עס ווערט אין אים צעקראָכן
ענדלעך דאָך דער באַלעבעסל.

„אַלץ די אַלט־סלאַוויאַנסקע שמאַטע
מיטן פּזמון דעם באַקאַנטן!״ —
האַקט ער אָפּ און זעט, ווי ליאַטע
טוט אַ לאַך אַן עלעגאַנטן.

אָ, דו גזלנ׳טע, דו ליאַטע!
ווי דו שיינסט אַזאַ אַנטיקטע,
וואָס מען פּעכט אין דער דעבאַטע
פֿאַר דיין שמייכל, ווי פֿאַרריקטע.

מיכאַילאָווסקי, בעלטאָוו, זיבער —
גוואַלדן, גרימצאָרן, גריזאָטע,
ווי מען נישטערט יעדן איבער
און מען מאַכט צו אַש און בלאָטע.

איז דער פֿאָרשער ניקאָלאַי־אָן
דער אויטאָריטעט ביי איינעם;
טוט דער צווייטער באַלד אַ שפּיי אָן
אויף אַ קליינבירגער אַזוינעם.

גורט מען אָן אַלץ מער די לענדן
אין דער פֿלאַמיקער דעבאַטע;
טוט מען דאָך די בליקן ווענדן
אַלץ צום העכסטן ריכטער — ליאַטע.

טוט זי נאָר אַ קוועטש די פּלייצע
מיטן ברוסטיקן געלעכטער,
גיבן זיך שוין ניט קיין עצה
ביידע ברומענדיקע פֿעכטער.

שיט מען פּראַזן טיף און טונקל,
און אין היץ פון דער דעבאַטע
מאַכט מען אָפּטמאָל קונקעל־מונקעל,
פעלשט מען אונטער אַ ציטאַטע.

מיכאַילאָווסקי, בעלטאָוו, זיבער —
אַזש עס שווינדלט פאַר די אויגן;
טאַשט מען אַלעמען זיי איבער —
ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן.

און דאָס ווענדט זיך נאָר אָן ליאַטע'ן,
אָן איר מאָרדעטשקע דער רונדער,
וואָס זי פּיקט אין די ציטאַטן,
גראָבט אין יעדערער באַזונדער.

אָ, דו גזלנטע, דו ליאַטע,
מיטן חן־גריבל דעם מילדן!
ווי דו מאַכסט זיך תמעוואַטע
פון דעם הענער־קאַמף דעם ווילדן!

שטרייט מען, צי געשיכטלעך קאָנען
זייער גרויסע ראָלע שפּילן
אויך די איינצלנע פּערזאָנען,
אויך דער סוביעקטיווער ווילן.

און מען ווייס, אַז ליאַטעס גריווע,
מיט די צעפּ די גאָלד־געדיכטע,
איז די סאַמע סוביעקטיווע
אויסטייטשונג פון דער געשיכטע.

שטרייט מען, צי מען קען פאַרמיידן
די מאָדערנעווירטשאַפט־פאַזע
מיט דער אויסזויגונג און ליידן —
די סיסטעם די בורזשואַזע.

און מען ווייס, אַז ליאַטעס קריגער
וועלן זיכער ניט פאַרמיידן,
ווער עס זאָל ניט זיין דער זיגער,
זייער פאַזע פון די ליידן.

אָ, דו גזלנטע, דו ליאַטע!
ווי דו לאַשצעסט מיט די בליקן,
בעת זיי שטייען קודלעוואַטע,
און זיי רייסן זיך און פליקן!

אָ, דו גזלנטע, דו ליאַטע!
שליס די שמייכלענדיקע ליפּן
און פאַרענדיק די דעבאַטע,
כל־זמן נאָך די ביידע זשיפּען!

מאנטיסעלאָ, נ. י., 1937.

# דער שפה ברורהניק*)

מיט אַ פּנים מיט אַ רונדן
און אַ בערדל לאַנג און שפּיציק,
לויפט ער איבער שטאָט אויף „שטונדן",
לערנענדיק מיט פריילינס היציק —
פריילינס אַלץ נגידישע,
אַלץ לימודים אידישע.

זידלט אים זיין ווייבל ביטער,
אין איר אייפערזוכט און צאָרן,
וואָס צעקנייטשט איז זיין גאַרניטער,
וואָס זיין שניפּסל איז צעפאָרן,
און זי שיקט אים צום שוואַרץ־יאָר
מיט די רויטע קודלעס האָר.

דאָך העברעאיש איז אין מאָדע,
ווי אַ טאַליע ווי אַ דינע —
נעמט ער אוים מיט זיין „מעטאָדע"
און זיין שטאָק און פּעלערינע;
שטאָפּט ער תורה בוגרות׳ן,
פולינקע, ווי אַגרעסן.

---

*) אַ מיטגליד פון דער חברה „שפה ברורה" — פאַראייניגען פון לשון קודש־רעדער, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די נײַנציקער יאָרן.

קען מען אין די שענסטע הייזער,
וואו אַ שדכן גייט, אים טרעפֿן;
גילט ער פֿאַר אַ וואונדער־ווייזער,
טוט ער נאָר אַ טיר אַן עפֿן,
גיט שוין גאָרגלענדיק אַ צי
מיט „פֿקד פֿקדתי".

וואָלט ער פֿון די „שטונדן" קענען
אויסשלאָגן אַ שיינעם גראָשן,
ווען ער וואָלט ניט הייליק ברענען
פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון לשון,
און אין דראַנג אין טעטיקן
„שטונדן" אַלץ פֿאַרשפּעטיקן.

ברענט ער — און דאָס גיט זיך איבער
אָפֿט די פֿריילינס, וואָס פּרובירן
טוליען זיך צו אים אין פֿיבער
און מיט בוזימער באַרירן,
בעת אין פֿלאַם אין פֿריידיקן
טוט ער דיקדוק פֿריידיקן.

שפּרינגט ער אָפּ, קוקט שטייף אין „מורה", *)
לויט דעם וואָרט דעם וואונדערלעכן
פֿון דעם גר"אָ,**) אַז אַן עבֿרה
איז צו זאַליק־וואַסער געגליכן:
וואָס מען טרינקט עבֿירות מער,
בלייבט מען אַלץ נאָך דאָרשטיקער.

---

*) „מורת הלשון" — אַ דקדוק ספֿר.
**) גר"א — דער ווילנער גאון.

ציט זיך שוין די „שטונדע" שעה'ן —
און ער פריידיקט לאַנג און לאָגיש
פון דער טבע פון די שוואָ'ען
און דעם ענין פון אַ דגש,
און אין ברען פאַרגעסט ער שוין,
אַז ער האָט נאָך וואו צו גיין.

דגש קל און דגש חזק —
טוט שוין אין בודזשעט דאָך פעלן —
און זיין ווייבעלע דער קאַזעק
נעמט אים שילטן, נעמט אים קוועלן;
לויפט ער מיט זיין רויטן טשוב
אין דעם „שפה ברורה"־קלוב.

זיצן מונח און אתנחתא,
די חברים, דאַרט און וואַרטן;
אויך אַזוי, ווי ער, צעשמאַכטע,
אויך פון גורל פון אַ האַרטן
אַלץ אַזוי געטראָפענע —
פון דער ווייב אַנטלאָפענע.

גיסט מען הערצער אויס אינאיינעם,
און מען טוט דעם פיין פאַררייִדן
אין העברעאיש אין אַ שיינעם,
אַזש מען פילט אַ טעם גן עדן —
ווי די שפּראַך קען שילדערן
אַלץ וואָס טוט באַווילדערן.

מוז ער דאָך אַהיים ווען קומען,
מוז ער ענדלעך וואַגן, וואַגן,

טוט פֿאַר חשד זיין ווייב אַזש ברומען,
לייגט אים אָן אַ פֿולן קראַגן —
אַלץ מיט קללות האַפּטיקע,
קרעפּטיקע און זאַפּטיקע.

פּרוּאווט ער דעם זשאַרגאָן געמיינעם
איבערזעצן אין געדאַנקן
אין העברעאיש אין אַ ריינעם,
אַזש די קללות זאָלן בלאַנקן;
און זיין פּנים טוט אַ שיין,
ווען די אַרבעט גיט זיך איין.

ווערט דאָס ווייבל ווילד און ווילדער
פֿון איר מאַנס הולטייסקע שטיקלעך,
וואָס ער זיצט אַזוי, אַ מילדער,
און ער שמייכלט שטיל און גליקלעך —
טוט זי אין איר ליאַרעמען
ערשט זיך רעכט דערוואַרעמען.

און זי שילט זיך אַלץ פֿאַרריקטער,
אַזש זי ווערט צעזעצט, צעשפּרונגען;
און ער שמייכלט אַלץ אַנטציקטער,
וואָס זיין אַרבעט גייט געלונגען —
ווי העברעאיש קען זיין שטאַרק
אויך אַפֿילו פֿאַרן מאַרק!

פֿלוכט זי אַלץ און פֿלאַמט און פֿלאַטערט,
און ער מייסטערט שטום דעם לשון,
ביז זי פֿאַלט אַוועק פֿאַרמאַטערט,
אַ וואולקאַן אין שלאָף פֿאַרלאָשן;

שלאָפט ער אויך שוין דעמאָלט איין
מיט אַ פּנים פול מיט שיין.

ווייל ער כאַפּט זיך דאָס אַריבער
צו דער חברה איצט אין חלום,
און ער זעצט די קללות איבער,
לויט די דינסטע דיקדוק כללים —
מיטן טראָפּ און מיטן טעם,
מיטן גאַנצן פּייער־פלאַם.

זיצן מונח און אתנחתא
דאָרט און טשמאָקען, טיף־אַנטציקטע,
מיט די ליפּן די צעשמאַכטע —
טיף־אַנטציקטע, טיף־באַגליקטע,
ווי זי לעבט עס אויף, די שפּראַך,
און פאַרשפּרעכט אַ סך, אַ סך!

ניו יאָרק, 1937.

# ישראליק

פֿאַרזאָרגער רעכטס, פֿאַרזאָרגער לינקס,
ישראליק איז אינמיטן;
דער רייסט אַהער, דער רייסט אַהין —
דער אויבערשטער זאָל היטן!

אָט קומט אַ חברה און באַפֿעלט:
פֿאַרלאָז זיך אויף רחמנות!
ישראליק, מוזט אַ בעטער זיין
און נעמען מיט שתדלנות.

שתדלנים רעכטס, שתדלנים לינקס,
ישראליק איז אינמיטן;
מען גייט דורך יעדער הינטער־טיר
צו שררות אין וויזיטן.

דאַן קומט אַ חברה און באַפֿעלט:
אַרונטער מיט שתדלנות!
ישראליק, מוזט אַ קריגער זיין
און נעמען מיט גזלנות.

גזלנים רעכטס, גזלנים לינקס,
ישראליק איז אינמיטן;
מען פּאַקט מיט שטאָלץ אַ שווערד פֿון האַלדז,
מען שפּילט זיך אין באַנדיטן.

און אַט באַוויַיזט אַ חברה זיך
און כשופט אויף אַ כשוף:
ישׂראליק, ווערסט פון גלות פריי —
דו זוך נאָר אוים אַ ישוב.

ישובים רעכטס, ישובים לינקס,
ישׂראליק איז אינמיטן;
פּראָיעקטן, טשאַרטערס, ברייט און גרויס,
זיי שיטן זיך און שיטן.

און אַט באַוויַיזט אַ חברה זיך
און האַלט אים פאַר די פּאָלעס:
ישׂראליק, זעסטו דאָס פּראָגראַם —
מוזט בלייבן נאָר אין גלות!

פּראָגראַמען רעכטס, פּראָגראַמען לינקס,
ישׂראליק איז אינמיטן;
ער האָט אין די טעאָריעס שוין
די יוצרות לאַנג פאַרביטן.

ישׂראליק קנייטשט דעם שטערן טיף,
אַט פּלאַצט אים די געדולד שוין;
ישׂראליק גלאָצט די אויגן ווילד,
ישׂראליק איז צעדולט שוין.

פאַרזאָרגער רעכטס, פאַרזאָרגער לינקס,
ישׂראליק איז אינמיטן;
דער רייסט אַהער, דער רייסט אַהין —
דער אויבערשטער זאָל היטן.

ניו יאָרק, 1917.

# דער וואוקס פון ניו־יאָרק

וידו אחזת בעקב עשו
ויקרא שמו יעקב.
(בראשית, כה׳, כו׳)

איז אין צייט פון חומש אויך
אַט דער שטרייט געגאַנגען —
האָט אין מוטער רבקה׳ס בויך
שוין זיך אָנגעפאַנגען.

יעקב קריכט און שאַרט זיך צו,
עשו שטויסט מיט אימפּעט,
און דער „ויתרוצצו״
ענדיקט זיך אין קימפּעט.

עשו לויפט אַרוים מיט גוואַלד
פון דעם בויך אין צאָרן,
כאַפּט זיין פּיאַטע יעקב באַלד
און ווערט אויך געבאָרן.

גייט דאָס זעלבע אויך און גייט
אין ניו־יאָרק הבירה;
שטרייטן אין איר אינגעווייט
אַט די ביידע אירע.

גיט נאָר עשו׳ן אַ פּאַרק
יעקבס אַ העוויה,
קינדלט אָפּ זיך באַלד ניו יאָרק
מיט קוואַרטאַלן נייע.

גייט, אין האַנדלונג און געשטאַלט,
אַלץ אַזוי לעת עתה:
עשו לויפט און יעקב האַלט,
האַלט אים ביי דער פּיאַטע.

עשו לויפט אפּטאון אַוועק
יעקב ציט פון הינטן —
מיט מזומן, מיטן טשעק,
מיט די הויז־געזינטן.

ראַטעוועט זיך עשו וואו
אין די „הייטס", אין „האַרלעם",
קומט אַהין אויך יעקב צו,
יעקב איז משלם.

פליט אין בראנקס דער רשע, און —
יעקב אויך, פאַרשטענדלעך;
זוכט אַ פּלאַץ זיך אין דער זון,
שיט מיט טשעקס און רענדלעך.

ווייטער, ביז וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק —
עשו האַלט אין לויפן;
יעקב האַלט זיין פּיאַטע שטאַרק,
יעקב האַלט אין קויפן.

ווער עס זאָל דער מזיק זיין,
ווער עס איז דער ניזוק —
וואַקסט ניו יאָרק יאָר־אויס, יאָר־איין,
אַן עין הרע, ריזיק.

עשו'ס ריעל עסטייט שטייגט הויך
פון דעם פּיאַטע־חשק,
און אַפילו יעקב אויך
לייגט ניט צו צום עסק.

יעקב קריגט בעלנים גיך
אויף זיין פּלאַן, נישקשה —
איטאַליענער, פּיריער, גריך,
יבוסי און גירגשי.

אַט די טענעמענטס פון אַלט,
יעקב'ס בראַק־געצעלטן,
שטייען אָנגעפּאַקטע באַלד
און פּאַר פּיינע געלטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איין טאָג, אין טשאַד, אין ברען
פון די ווייסע רויכן,
האָב איך ביידן זיי דערזען
אויף די דעכער־הויכן.

אוים די אָנגעצויגנקייט!
אוים די פּיאַטע־פּאָזע!
ביידע גלייך אַזוי פאַרשייט,
ביידע גלייך מיט העזה.

פּוס אין פּוס און האַנט אין האַנט,
פּוזע און צילינדער —
האָבן זיי געשוועבט בײנאַנד,
ביידע צווילינג־קינדער.

האָבן אַלץ געציילט, געציילט,
היציק זיך געדונגען,
צווישן זיך ניו יאָרק געטיילט,
שמייע אַלץ געשלונגען:

וויפיל וואָלקן־קראַצערס מער,
וויפיל מיילן סאָבוויי,
וויפיל אסטמא, וויפיל דער,
שטיקעניש און קאָפּ־ווײ.

האָבן זיי אַזוי געשוועבט,
שפּיר־וואָנצעס געצויגן,
אין אַ וועב ניו יאָרק פאַרוועבט
און געכאַפּט זיך זויגן.

און הארמאָניש, וואונדערליך,
אין אַ מאָס אַ גלייכער,
האָבן אָנגעפילט זיך גיך
ביידע צווילינג־בייכער.

עשו, יעקב, זייט ביי זייט —
און פון אָט דער ליבער
צווישן־פעלקער־איינינקייט
איז אַ סקרוך אַריבער.

ניו יאָרק, 1926.

# ד ע ר  ס ק י ף

Мы обернемся к вам
Своей азиатской рожей ! *
Александр Блок—«Скифы».

(יעקב קרעפּליאַקן)

אין מיטן פון מאַנהעטן פילן דעם געגוס,
אַז פלוצלונג טוט אַ ווייה מיט רוס.

אָט גייט איר אויפן אָפּגרונט פון ניו יאָרקער גאַס,
וואָס שווימט צווישן וואָלקן־קראַצערס נעבל־נאַס;
איר גייט מיט טויזנט גייער, דאָך אַליין, פאַרטאָן,
געשלעפּט פון מענטשן־שטראָם, ווי מ׳וואָלט געווען אַ שפּאָן.
און פלוצלונג, אין די אויערן פאַרפאָרנדיק,
אַ מי שברך טוט אַ קראַך —
אַזאַ ענערגישער, אַזוי דרייגאָרנדיק,
אויף לערמאָנטאָווס און פּושקינס שפּראַך.

טוט באַלד אַ האַק דער „דוך” דער רוסישער אין גאַס,
אַזוי ווי פון אַ בראַנפן־פאַס.

איר טוט אַ שטעל זיך אָפּ אין מיטן מענטשן־שטראָם,
דערזעט איר אויף אַ קלאָץ אַ מענטשן מיט אַ לאָם,
דעם אַלטן, גוטן לאַנדסמאַן, ווי ער שטייט און גייט:

*) „מיר וועלן זיך אַ קער טאָן צו אייך מיטן אַזיאַטישן פּרצוף אונזערן”.

די אויגלעך קליין, ידים גרויס, דער באַקביין ברייט,
די וואָנצעלעך די דינע אויף דער גראָבער ליפּ —
דער סקיף דער זעלבער אַליך אין ריח און אין כריפ,
די זעלבע אַליך בויאַנישע העוויהלעך,
און אין טשופּרינע אפשר נאָך די חיהלעך.

אָ, דו, פאַרלאָרענע נשמה אין דער פרעמד,
אין ברודנער, אויסגעצייטער העמד!

אַט שטייט ער ביי אַ וואַנט, פון עולם אָפּגעצאַמט,
אַן אָנגעכליאָבעטער, צעפּאָרן און צעפלאַמט;
אַט טוט ער פול אַזוי אַ שפּיי אַריין אין האַנט,
און מיטן לאָם פאַרמעסט ער זיך אַנטקעגן וואַנט.
„אך טי״! — און נאָך אַ מי שברך טוט אַ קנאַק,
און איין מאָמענט, און איר דערקענט,
אַט ווי ער גיט עס נאָר דעם מוראדיקן האַק,
אַז האַקן איז זיין עלעמענט.

איר קוקט זיך צו דער וואַנט צו: זאָל עס טאַקע זיין?
דאָס ברעכט ער דאָך דעם קאַלעדזש איין!

איר זעט די גוואַלדיקע הנאָה, ווי ער ברעכט,
און מי שברכס קנאַקן שטאַרק אַזוי און עכט:
אָ, דו, וואָס אויסגעחלומט האָט דיך דער פּאָעט,
דו האָסט געווים פון רעקער יוניאָן*) אַ בילעט!
אָ, דו, באַקונין פון דעם לאָם, דו טוסט אַ הויב

---

*) די יוניאָן פון די אַרבעטער, וואָס רייסן אַרונטער די אַלטע געביידעס, וואָס דערביי אַרבעטן פיל רוסן.

דיין סטראַשנע האַנט און שיטסט נאָר אויף צילינדערס שטויב!
צי האָסטו צוליב דעם זיך אין אַן אָקסן־שיף
געהוידעט אויפן ים, דו שרעק־בילד פון אַ סקיף?

זיי ווערן, די צילינדערס, בויען פון דיין בראָך
אַ פּרעכטיקערן קאַלעדזש נאָך.

דאָך מי שברכס קנאַקן אין די שטויבן טיף;
אַט גיסט זיך טריף נאָך טריף אַ שוויים שוין פון דעם סקיף:
אָ, מיטגליד פון אַ רעכטער יוניאָן, וואָס דו ביסט,
צי שרעקסט עם דער פּאָעט מיט דיר די וועלט אומזיסט?
צי האָט אין דיין באַרוף אַ סימבאָל אויפגעשטראַלט,
וואָס טעגלעך קומסטו מיטן לאָם,
און נעמסט און מאַכסט אויף אַלץ, וואָס אין ניו יאָרק איז אַלט,
אַ פיל־באַדייטנדן פּאָגראָם?

ניו יאָרק, 1935.

# ביי דער עמפּייר־סטייט בילדינג

עס קוקט צום שפּיץ, פאַרריסן דעם צילינדער,
אַ דזשענטלמען מיט אַ שפּאַקטיוו אין האַנט —
אַ תהום פון גייענדיקע מענטשן־קינדער,
און איבער זיי די שטייענדיקע וואַנט;
ווי קליין זיי קוקן אויס, די מענטשן־קינדער,
אַנטקעגן אָט דער קאָלאָסאַלער וואַנט!

און אים צופוסן, אָפּגעלאָזן, ברודנע,
אַ קאַץ אַ שוואַנגערע לאָזט וואויל זיך גיין;
זי קראַצט אָן וואָלקן־קראַצער זיך מארודנע
און שצירעט, ווי מיט חוזק, אירע ציין;
איר איז אַרום דער גאַנצער עסק נודנע,
אַ חוץ די וואוילע קראַצעניש אַליין.

און וואָס דער דזשענטלמען פאַרקוקט זיך לענגער
אויף דער פאַרניכטנדיקער גרויס פון וואַנט,
אַלץ נישטיקער דערפילט ער זיך, אַלץ ענגער
קוקט אויס אַרום די וועלט מיט אַלץ־אַנאַנד —
טאָ וואָס־זשע שאַפט, אין וויסנשאַפט אין שטרענגער,
דעם אָפּשרעק פון צעמענט די מענטשן־האַנט?

עס גיט דערביי די קאַץ אַ מיוק אַ שטילן,
אין פולקייט אירער, פילאָזאָפיש פויל;
זי קראַצט זיך לאַנג אָן מארמער אָן דעם קילן

און גענעצט רואיק מיט אַ פולן מויל;
זי איז פֿאַר זיך דער ציל פון אַלע צילן
און ליגט זיך אוים פלעגמאַטיש אין אַ קנויל.

און אַלץ אַרום איז רויש, איז צוג־ווינט רויער,
איז ציטער אַלץ און פליטער אין געפלעכט;
און ווער וועט איבערשטייגן אין זיין דויער,
און ווער פֿאַרבלייבט אין אייביקייט גערעכט —
צי די ראָמאַנטיקער פון הויכע בויער,
צי די פלעגמאַטיקער פון קאַץ־געשלעכט?

ניויאָרק, 1935

---

# די קעמפער

אין ניו יאָרקער נאַכט־רויש, אין אַ פיצל פּאַרק,
שטרייטן צוויי אביונים שטאַרק.

שטרייטן פֿאַר אַ באַנק, די נאַכט אַדורכצוזיצן;
ליפּן שוימען, ציינער קריצן.

שאָטענען אַרום די וואָלקן־קראַצערס שווער,
שטומען — אויסגעליידיקט, לער;

פּוסטעווען און שטומען, גלאָצן, ווי געשפּענסטער,
מיט די טויזנטער פון פענצטער.

פילן איבער זיך די לערקייט שווער די צוויי,
און צערייצטער קעמפן זיי.

פילט מען זיך פון חוזק איבן אַלץ צעדריקטער,
קעמפט מען אונטן אַלץ פאַרריקטער.

שטעלן טויזנט פענצטער פינצטערע אַ צונג,
מאָנט מען אונטן רעכענונג.

און די ליפּן שוימען, און די ציינער קריצן,
און די בלייכע אויגן בליצן.

טוען וואָלקן־קראַצערס זיך אין נאַכט אַ הויב,
קייקלען זיך די צוויי אין שטויב.

און מען בוכצעט זיך, אין צאָרן אין צעברויזטן,
אין די פּנימער, מיט פויסטן.

גיט זיך די לבנה טרויעריק אַ רוק,
און זי כאַפּט אין פאַרק אַ קוק;

ליגט זי אויף אַ דאַך, אין לויער אין דערהויבטן,
און זי נעמט דאָס בילד באַלויכטן.

פאָרט איין מענטש דעם אַנדערן אין אויג אַריין,
אַזש אַ פלאַקער טוט אַ שיין;

אַזש אַ קוליע־איבער טוען זיך פֿאַר חוזק
אַלע וואַלקן־קראַצערס ברוזיק.

ענטפֿערט אָפּ דער צווייטער מיט אַ טערעבענטש,
אַזש אין הימל פֿליט דער מענטש;

אַזש די וואַלקן־קראַצערס מיט דער נאַכט אין גאַנצן,
נעמען גלאַנצן, נעמען טאַנצן.

רוקט זיך די לבֿנה שטיל פֿון דאַך אַוועק,
ווי זי קוקט אַראָפּ אין שרעק;

ווי מען טוט שוין ווייט פֿון באַנק די קעפּ זיך פּלעטן,
בעת די שטראַלן גלעטן, בעטן.

גיסט זיך אויבן שוואַרץ צונויף דער האָריזאָנט,
גיסט זיך אונטן בלוט ביים פֿראָנט;

ממיתן זיך שוין, אָן אורזאַך אָן דער מינדסטער,
די אביונים אין דער פֿינצטער.

ניו יאָרק, 1935.

# דער כאַווער מוישע

ער האָט אונטער אָרעם דעם לאַנגן געטראָגן
די שווערסטע פּלאַטפאָרמע, אַזוי ווי אַ בוך,
און האָט פון דער הילצערנער משא געקראָגן
צום סוף, לא עליכם, אַ ברוך.

ער פלעגט אויף די ראָגן קאַמפּיינעווען בייזעריק,
זיך קלאַפּן אין ברוסט אַזוי קלאַסנבאַוואוסט,
און אויסלאָזן פלעגט זיך צום סוף ביי אים הייזעריק
רק יעדער קאַמפּיין מיט אַ הוסט.

אַ ברוך און אַ הוסט, און אַלץ ביידע כסדר,
וואָס צווישן־זיך זיינען זיי ניט קיין פּאָר קליידער.

דאָך הערבסט פלעגט ער ווידער קאַמפּיינעווען נעמען
און טאָן מיטן גאָרגל־קנאָפּ הויך זיך אַ הויב;
ער פלעגט מיט די פויסטן דעם בויך זיך פאַרשצעמען
און געבן אַ ברום, ווי אַ לייב.

ווי שטורעמען פלעגט ער דעם עס־על־פּי־לאַגער, *)
און טאָן מיט די גרויסע ידים אַ שוועב,
און ליאַרעמען שעה'ן, אַזוי ווי אַ גראַגער,
אַנטקעגן „דעליאָנקע סקעב". **)

---

*) די „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי", אָנגעפירט פון דעליאָנ'ען.
**) דעליאָן האָט אָרגאַניזירט די „סאָשעליסט לייבאָר ענד טרייד עלייענס" — סאָציאַליסטישע יוניאָנס אין אָפּאָזיציע צו טרייד יוניאָנס.

און קען מען עס ווען דעם טרומייטער פֿאַרגעסן
פֿון זיינע קאַמפּיין־שלאַכטן פֿאַר באַראָנדעסן!

ווי פֿלעגט ער עס שטאָלץ מיטן פֿאַקל מאַרשירן,
בשעת באַראָנדעס פֿלעגט די נאַכט־מאַרשן פֿירן;
ווי אָפּקלאַפּן האָפֿערדיק פֿלעגט ער די טריט
דורך נאַרפֿאָלק־סטריט, סאַפֿאָלק־סטריט, ריידזש־סטריט און פּיט!
ווען ער, אין אַ ברייטער און בלוט־רויטער לענטע,
פֿלעגט גיין ביי דער זייט פֿון גענאָסיבע יענטע,
און יעדע מינוט, ווי אַ טרובע פֿון מעש,
פֿלעגט הוזשען זיין כּלי: הורריי באַראָנדעס!
ווי פֿלעגט ער די נאַכטיקע טענעמענטס שרעקן,
און פֿיל פּראָלעטאַריער פֿון שלאָף טאַקע וועקן;
זיי פֿלעגן צום פֿענצטער אַ וואָרף טאָן זיך ראַש,
צי ברענט ניט חלילה־וואו ערגעץ אין גאַס;
טאָ פֿלעגט ער אַ פֿאָך טאָן צו זיי מיטן פֿאַקל,
אַזש טאָן פֿלעגן זיי זיך ביים פֿענצטער אַ וואַקל,
און אויפֿשפּרינגען פֿלעגן די שטריק מיט די וועש
פֿון מעכטיקן דונער: הורריי באַראָנדעס!

און אויפֿגערייצט פֿלעגט ער ערשט נעמען זיי טשאַטעווען,
די „ברעכער" אין רויטס, אויפֿן טרייד־יוניאָן פֿעלד;
ווי פֿלעגט ער דערלאַנגען, ווי פֿלעגט ער זיי קאַטעווען,
אַז ווער פֿלעגט פֿאַרשוועכן זיין העלד.

אומזיסט פֿלעג איך אָפֿט אים באַרואיקן זוכן:
וואָס שרייט ער און שווינט ניט זיין בויך און זיין לונג!
ער פֿלעגט קעגן פֿיינט אַזאַ קנאַק טאָן מיט פֿלוכן,
אַזש טאָן פֿלעגט אין אויער אַ קלונג.

ער פלעגט אַזוי גוואַלדעווען, בראַנדעווען, ברומען,
אַז קיינמאָל שוין בין איך צום וואָרט ניט געקומען.

און איינמאָל אויף יוניאָן־סקווער טרעף איך מיין שרייער
נאָך העכער פון דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר —
דאָס מויל אַלץ אין פיענע, דער בליק אַלץ אין פייער
כאָטש שניי־ווייס זיינען די האָר.

איין רגע, און ווידער שוין האָט ער געשאָלטן,
געשצעמעט דעם בויך און געשטורעמט מיט רייד,
געשימפט אויף די „ברעכער", אַזוי ווי מיר וואָלטן
ערשט נעכטן זיךביידע צעשיידט.

דאָך פּלוצלונג אַזוי אין אַ פּאַזע אַ בראַווער,
דערקלערט ער מיר שאַרף, אַז ער איז שוין אַ כאַווער.

ער וויל ניט געווים מיט אַ וואָרט מיט אַ האַרטן
באַליידיקן מיך, נאָר איך מוז אים פאַרשטיין —
איצט דאַרף ער אויף הערבסט מיט קאַמפּיינס דאָך ניט וואַרטן,
עס איז יעדער טאָג אַ קאַמפּיין!

און ווער איז דער אמתער שטערער און ברעכער —
דאָס זאָלן זיך אַנדערע דרייען די קעפּ!
ער ווייס, אַז זיין זאַך איז צו שרייען וואָס העכער,
און געבן און נעמען די קלעפּ.

היינט מיטינגען פיל, און פּראָטעסטן, און מאַרשן,
און אומעטום־אומעטום איז ער בעל דרשן!

אָט ד ע ם מוז מען האַקן, אויף ד ע ם מוז מען כראַקן,
און די רעוואָלוציע, זי טרייבט האַלז־און־נאַקן!

מען אַרבעט מיט הענט און מיט פיס און מיט אַלץ —
אַ קאָביקע אַרבעט און איבערן האַלז!
אַט מוז ער זיך לאָזן נאָך היינט מיט פּלאַקאַטן
צו פייערן קעגן אַ פּאָר קאָנסולאַטן,
און באַלד זיך אַראָפּכאַפּן ערגעץ אין פּאַרט
און מיטווירקן שוין מיט דער געמבע אויך דאָרט;
דערנאָך הענדום־פּענדום צום סיטי־האָל שפּרייזן
צו דער דעמאָנסטראַציע אין צייט צו דערווייזן,
דערנאָך מוז ער פּיקעטן וואו אַ קאַפע,
דערנאָך מוז ער מאַכן נאָך אימיצן „בע",
דערנאָך מוז ער שרייפלען זיך אין דער מאַשינע,
און הילכן ביים מיטינג אַ נאַכט אין קאַסינע,
דערנאָך ערשט דערלויבט ער זיך וואו שטילערהייט,
נאָך אַלע פּראָטעסטן, צו האָבן אַ „דייט".

די כאַווערטעס זיינען דאָך פיל פּראָגרעסיווער!
נו, אָבער — ער טוט מיר אַ שעלמישן וואונק:
ער איז דאָך, אוי־ווי, שוין אַן אַלטער, אַ שיווער,
דאָך טליעט נאָך ערגעץ אַ פונק!

אַרום און אַרום איז דאָך וואויל אַזוי לעבן —
אָ, זאָל אים נאָר כוח דער... אונטערשטער געבן!

אומזיסט האָב איך פרעגן געמאַכט אַ פּאַרזוך,
צי טראָגט ער פּלאַטפּאָרמעס נאָך אַלץ, ווי אַ בוך —
נאָך אַלץ אונטער פּאַכווע, צי טוט ער זיי פירן?
און האָט ער זיך אפשר געלאָזט אַפּערירן?
און אויב ער שטייט שטענדיק שוין איצט אין קאַמפּיין,
ווי טוט עס אים איצט מיטן גאָרגל שוין גיין?

און וואָס איז מכוח זיין קלאַסנבאַוואוסטן,
זיין שוועבל־און פּעכיקן, שרייערשן הוסטן?
און איז ער שוין שטענדיק פון שרייעניש הייזעריק,
טאָ קען דאָך זיין רוף שוין ניט אָפּהילכן בייזעריק?
און ווייס ער, אַז ס׳איז שוין דעליאַן געשטאָרבן,
טאָ וועמען זשע האָט ער שוין איצט פאַר אַ קרבן?
און אויך באַראָנדעס איז דאָך טויט שוין אַזוי —
פאַר וועמען זשע דונערט שוין איצט זיין הורײ?

געטאָן האָט ער גוואַלדעווען, בראַנדעווען, ברומען,
אַז ווידער שוין בין איך צום וואָרט ניט געקומען.

ניו יאָרק, 1935.

# ס ע ר ע

## דער באַנקעט

מען ברענגט זי אין אין ליכטיקן זאַל, און זי זעט:
אַ ניכפּע אויף זיי — גאָר פאַר איר אַ באַנקעט!

אָט איצט, ווען צוליב דעם פאַראייניקטן פראָנט
פאַרזאָגט מען פון צענטר: אַלץ „דאָנט" און אַלץ „דאָנט",
האָט אימיצער גראַד זיך אָן סערע'ן דערמאָנט.

מען פּאָכט דאָך שוין לאַנג מיט די פּאַרפּל און לאָקשן,*)
און ניט מיט דער פאָן מיט דער רויט־פּראָלעטאַרישער;
מען שטייט פאַר די מאַכט־האָבער „פּאָד־קאָזיראָק" שוין,
און מיט אַ פאַרענטפערונג מיט אַזאַ נאַרישער;
ווייל ווי מען זאָל דריידלען און פּשט'לען דערביי —
מען ווערט דאָך שוין פאָרט אַ רעגירונגס־פּאַרטיי.

און טרעפט מען אַפילו אַ ביזנעס־אַגענט —
אַזוינעם, וואָס קלעפּט זיך ביי אים צו די הענט,
טאָ ווערט מען ניט מאַכן שוין קיין טאַראַראַם;
מען איז שוין סטאַטעטשנע! און זידלט מען אָן
אַ קלאַסן־פיינט יע שוין, טאָ פאַלש איז דער טאָן —
ניטאָ שוין די היץ און דער קוויטש און דער טעם.

טאָ האָט מען עס איצט, מיט געמיטער מיט שווערע,
געוואָלט אין פערזאָן פון דער כּאַווערטע סערע
דער ליניע דער פאַריקער אָפּגעבן ערע.

---

*) די אַמעריקאַנער פאָן אויפן אַמאָליקן ראַדיקאַלן זשאַרגאָן.

נו, האָבן אַ נעם געטאָן זיך די פּאַרטעטער
און תיכּף פֿאַרכאַפּט גאָר פֿאַר זיך דעם באַנקעט;
זיי האָבן געשיקט גאַנצע כאָפּטעס פּאַרטרעטער
און דווקא באַגייסטערט פֿאַר פּערע׳ן גערעדט;
אַנשטאָט אַ פּראָטעסט, איז געוואָרן עס שפּעטער
אַ מין דעמאָנסטראַציע פֿאַר זיי, ווי מען זעט.

זיצט פּערע, פֿאַרכאַפּט, אויבן־אָן אין פּאַראַד;
דאָך עפּעס באַגרייפֿט זי, אַז ד אָ איז ניט גלאַט:
זי זעט, ווי עס דברט אַלץ דווקא דער צד,
וואָס טוט נאָכאַנאַנד און פֿאַרראַט און פֿאַרראַט;
זי גלאָצט, אַ צעפּלאַמטע, דער קאָפּ פֿול מיט טשאַד,
און רייבט זיך דעם שטערן און הערט ניט כּמעט.

2

## די רעדעס פֿון די פּאַרטרעטער

עס האָבן פּאַרטרעטער פֿון יוניאָן גערעדט —
פֿון פּערע׳ן גערעדט, ווי זי טוט און זי יעט
די ווילדגראָז אין גאָרטן פֿון פּראָלעטאַריאַט:
אָ, כּאַווערטע פּערע! אָ, ווער, ווי זי, קען עס
כּסדר אויף מיטינגען אָפּשפּילן סצענעס
און מאַכן צום אויסדרייען דעם ביוראָקראַט!

אָט גייט פֿון כּאַבאַרניק שוין איבער די גאַל,
אָט מאַכט מען אַ בונט קעגן אים און אַ טומל;
טאָ ווער־זשע פֿירט אָן מיטן גאַנצן סקאַנדאַל?
די כּאַווערטע פּערע, וואָס טוט נאָך אַ פֿאַל
דערצו אין חלשות, ווי ס׳פּאַסט זיך צום רומל.

און ער, דער מנוול — ער שמייכלט גאַנץ מונטער
אַראָפּ פון פּלאַטפאָרמע צום עולם אַרונטער,
און לעקט זיך צופרידן דעם וואָנץ, ווי אַ קאָטער:
ער מיינט, אַז ער ווערט פון דער כאַווערטע פּטור.

נאָר לאו מיט אַן אלף! אָט שטעלט זי זיך פריש —
שוין ווידער, אַ קעמפּערין, פעסט אויף די פיס,
און טוט זיך אַ וואָרף, מיטן קוויטש דעם געהעריקן,
דעם גנב צו דראַפּען, צי אפשר גאָר נהרג'ן.
עס וואַרפט זיך נאָך איר אַ קאמפּאַניע מיט מוידן,
עס טוען זיך פויסטלעך אין לופטן שוין הוידען,
און ער, מיט זיין פּיפּקע, שטייט שטייף אין דער הויך
און בלאָזט אויף די אַנגרייפער רינגען מיט רויך.

ער לאָזט אויף זיך כלומרשט אַרויף אַ קוראַזש
און פּרוּווט אַנאָנסירן אַ פּלאַן מיט עקסטאַז —
אַ פּלאַן אַזוי איינפאַך, אַ פּלאַן אַזוי גרויס:
ער טראַכט פון אַ פאָנד פאַר די עלטערע כלות —
און גיט ער די „בלוּיאינקע ליפּעלאַך" אויס,
טאָ, מיינט ער, מען וועט אים פאַרשווייגן שוין אַלעס!

ער זעט ניט, דער קנעכט פון דעם באָס, אַז מיט דעם
פאַרבלייבט דאָך נאָך אַלץ די פאַרפלוכטע סיסטעם —
ממילא שוין אויך אָט־די קאַמפן די שווערע.
טאָ זאָלן געגריסט זיין די „בלוּיאינקע ליפּעלאַך",
דאָס שפּיציקע נעזל מיט אַלע די קליפּערלעך —
אָט דער אַוואַנגאַרד! אָט די כאַווערטע סערע!

זי זייפט דאָך די חברה נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק
און קלאַפּט, ווי מיט פּראַלניקעס, הילכיק און קלאַפּט,

אַז אײנער פֿון זײ, מיט אַ פּעטינקן קאַרק,
האָט טאַקע פֿון איר אַפּאָפּלעקציע געכאַפּט.

---

און פֿון דער פּאַרטײ האָבן פֿירער גערעדט —
פֿון סערע׳ן גערעדט, װי פֿון פֿרי ביזן שפּעט
פּאַרנעמט זי זיך אַלץ מיטן „סאָשל־פּאַשיסט״;
זי שפּירט אים בײם אױפֿשטײן און װאַכט בײ זײן בעט,
און טוט נאָכאַנאַנד זיך אַזױ און דערװיסט,
נאָך אײדער ער זינדיקט, פּאָרױס שױן דעם חטא,
און שטענדיק, אין רעגנס, אין היצן, אין פֿרעסט —
זי איז אױף דער גאַס, און זי שאַלט מיט פּראָטעסט.

דאָך טיף בײ זיך װײס זי דעם אמת און זעט,
כמעט מיט רחמנות, װי נישטיק ער איז:
דאָ לאַכט זי אים אױס און זי קײכט אין געשפּעט,
דאָ רײצט זי מיט אים זיך אין װילדן קאַפּריז,
דאָ שילט זי אים שעפּטשענדיק־שטיל, װי אַ זשאַבע —
און אָט װי זי אַרבעט אַזױ מיט דער גאַל,
און שפּרודלענדיק שלאָגט זי מיט גאל, װי אַ קװאַל,
טאָ מ ע ר נאָך דערװאַרט מען פֿון איר אױף להבא.

אָט יאָגט זי אױף פֿערצענטער גאַס און זי שאַלט,
איר גװאַרדיע איר קעמפֿנדע יאָגט מיט איר מיט;
עס קלאַפּן די טופּלעס זיך אָפּ אָן אַספּאַלט,
אַזש „סקאַיסקרײפּערס״ ציטערן אונטער די טריט.
אָ סאָשל־פּאַשיסטלעך! אָ, רוקט זיך אַװעק!
צי זעט איר ניט דען, װי די מאַס־אַקציע גײט —
די כאַװערטע סערע, װאָס שפּײט אױף אײַך קלעק,
מיט פֿינצטערע נעגל, מיט שאַרפֿע, געגרײט?

אַט קומט זי! אַט טראָגט זיך אויף אייך אַ געפּאַר,
אויב, חס וחלילה, איר גאָל טוט אַ שפּאַר!

האָט איינמאָל אין איר דער געפּערלעכער שטאָף
פון קוואַליקן איבערפלוס, טאַקע געפּלאַצט,
טאָ האָט זי אַזוי, מיט איין שפּרונג דאָך, צום סוף
אַ סאָשל־פּאַשיסטישע אויג אויסגעקראַצט.

---

און אויך פון די פּראָנט־קעמפּער האָט מען גערעדט,
ווי העלדיש זי האָט אַ פּאָליסמאַן צעפּלעט
דעם קאָפּ מיט אַ שוך אין אַ יוניאָן־סקווער־שטרייט —
אַט זי, אַזאַ פּיצל! און ער, הויך און פעט,
האָט שיר ניט געקניט מיטן קלאָב ביי איר זייט!

און איידער ער האָט זי געכאַפּט, האָט זי באַלד,
אין מיטן משונה־היסטערישן גוואַלד,
אַ צווייטן פּאָליסמאַן געגעבן — אַ ביס;
און שלאָגט זיך ניט אָפּ אָן זיין רינגל איר צאָן,
טאָ וואָלט אין איר מיילכל געבליבן געוויס
אַ פולער, פּאַשיסטישער, פליישיקער פינגער;
עס האָבן זיך מעשים מיט איר דאָן געטאָן,
געוועזן איז איר נאָמען אויף אַלעמענס צינגער.

ווי ווירקלעך העראָאיש זי האָט מיט איר טאַט
געוואונען דעם טאָג פאַרן פּראָלעטאַריאַט!

3

## נאַכן באַנקעט ביי סערע׳ן אין צימערל

געקומען איז סערע פאַרטאָג פון באַנקעט ,
אין האַנט מיט אַ פלאַמיקן בלומען־בוקעט,

אין קאָפ אָבער אַלץ מיטן טשאַד :
צי האָט מען עס טאַקע זי האַלט, אַזוי האַלט ?
וואָס האָט מען פון איר לייב־און־לעבן געוואָלט —
געפראַוועט מיט איר דעם פּאַראַד ?

דאָס מאַכט מען אין זאַל־נאַר אַ פורים אַזאַ,
בעת אַנדערשוואו איז מען־שוין פּתח־שין־שאַ !

זי זיצט אויפן בעט, פון די רייד אַ פאַרקלאַפּטע,
פון עפּעס אַ טעמפּן פאַרדרוס אַ פאַרכאַפּטע,
עס קוקט איר די וועלט אַזוי גראָ ;
אָט בליצט איר אַן עראָפּלאַן הויך מיט די פליגלען,
ער טוט פון דער וייט־וואו אַ זון־אויפגאַנג שפּיגלען —
אַ וויַיל, און ער איז שוין ניטאָ !

געווען און ניטאָ, רוישט אַדורך און פאַרשווינדט —
אַזוי איז איר לעבן אַוועק מיטן ווינט !

אויך ז י האָט אַמאָל, אין אַ וועלט אַ צעבליטער,
אַ קוועקזילבער, ערגעץ מיט פריידיקן ציטער
געשפּרונגען, געגליט און געוואַרט ;
לבנה און שטערן און שמר׳ס ראָמאַנען,
אַ רייטער טוט ערגעץ אין וואָלקן וואו שפּאַנען
און וואַרפט איר אַ בליק אַזוי צאַרט.

ווי לאַנג נאָך צוריק! און אַוועק, ווי אַ טרוים —
געגלענצט און פאַרבלייכט, אַז עס גלויבט זיך שוין קוים!

איר גאָלדענער פרילינג! עס רוישט איר צווישן
אַ ים, וואָס האָט שטורמיק די שיף איר געריסן,
געוואָרפן אין בייזן געברויז;
געהערט אַרום קרעכצן, געהערט אַרום פלוכן —
וואָס טוט זי אויף פאָרכטיקע וואַסערן זוכן,
אַוועק פון איר נעסט, פון איר הויז?

קוים לעבעדיק קומט זי צום ברעג צו דעם ווייטן —
עס טוט שוין קיין רייטער אין וואָלקן ניט רייטן.

די טעג — פון גערויש פון די שעפער פאַרקלונגען,
די נעכט — פון די מיטינגען רוישיק פאַרשלונגען,
איז האַסטיק איר יוגנט אַוועק —
אַזוי אין דעם טומל געשווינד אויסגערונען,
ביז וואַנען זי האָט עס צום סוף אויסגעפונען,
דערשלאָגן פון שמאַך און פון שרעק

דערזען מיט אַמאָל עס, אין מיטן דערינען —
אָט צווישן די מיטינגען און די מאַשינען.

און אויסגעשפירט האָט זי ביים שפיגעלע שפעטער
שוין מערערע מיאוסע קנייטשן־פאַררעטער,
אַ ווייסן גוואַרדייעץ אַ לאָק,
וואָס טוט זיך צעגרייזלען, וואָס טוט זיך צעוואַקסן,
און שטופט זיך צום פראָנט, אַ פאַרביסענער עקשן,
אַ פולער מיט טרייפענעם קליאָק.

און רינגען וואָס טוען זיך העסלעך צעלייגן,
שוואַרץ־מאהדיק־רשעותדיק, אונטער די אויגן.

טאַ אויסגעלאָזט האָט זי איר צער און איר צאָרן,
דעם ווײ פון פאַרשפּילטע, פאַראײנזאַמטע יאָרן,
פאַרשטײט זיך, צום סאָשל־פאַשיסט;
דאָך מער אָבער נאָך צו איר נאָענטסטן שונא —
די יוניאָן־באַאַמטע מיט שׂכירות מיט שײנע,
די דינער פון קאַפּיטאַליסט.

זי האָט זײ גענומען צערײצטער אַלץ שילטן,
און באַלד אין דעם פּאַך פּאַר אַ שלאָגלערין גילטן.

ווי האָט זי דערלאַנגט זײ, גערעקט אַזוי „עקטיוו",
געשפּיאָנעוועט זײ, ווי אַ פלינקער דעטעקטיוו,
געשאַצט נאָכאַנאַנד און געמאָסטן
די פולקײט און זאַטקײט פון זײערע לײבער,
די העטס און די פוטערס פון זײערע ווײבער,
געגריבלט זיך אַלץ אין די קאָסטן.

ווי פלעגט זי זײ תמיד די בײנדעלעך „פּאַלישן",
און אָפטמאָל דערבײ, ווי אַ צוגאָב, נאָך חלשן.

און איצט דאָך, אָ, איצט איז מען אָט מיט דער באַנדע
געוואָרן שוין אײן־און־דיזעלבע קאָמאַנדע —
דערלעבט זיך אַז אַך און אַז ווײ!
מען טאָר שוין קײן יוניאָן־באַאַרניק ניט רײסן,
מען טאָר שוין פּאָליסלײט אַפילו ניט בײסן —
מען איז דאָך אַלײן שוין פון זײ!

אָ, זינט די פּאַרטײ האַלט זי אַלץ אין רעזערוו,
האָט סערע אין גאַנצן „פאַרלאָרן איר נערוו"!

4

# דער צוזאַמענברוך

באַווײַרים, פּאַשיסטן — מען ווערט דאָך שוין ענלעך,
און אַלע פּאַר זיך נאָר — פּערזענלעך! פּערזענלעך!

און טיפער פילט מערע דעם אָפּנאַר און פּלייצט
מיט קללות אויף אַט די באַווײַרים, צערייצט
פון זייערע זיסינקע רייד;
און אַלע די קינדער אין איר ניט געהאָבענע,
און אַלע די גלוסטן אין איר די באַגראָבענע —
זיי מאָנען אין בלוט אַ באַשייד.

וואָס בלאָפט מען פון אויפשטייג ביי איר דעם מאָראַלן,
אַנשטאָט מען זאָל באַוועריש העלפן איר פּאַלן!

מען האָט אָן איר מין זיך אין גאַנצן פאַרגעסן,
בעת אינערלעך קען זי די פלאַמען ניט לעשן;
מען שעצט נאָר איר מיילכל און גאָר!
אָט דאָס איז דער סוף פון די גלוטיקע גוואַלטן,
די גרוב־שטילקייט דאָ אין דעם צימער דעם קאַלטן —
אויף זיי־געזאָגט, צו אַל־די־שוואַרץ־יאָר!

אַלץ תמיד זיך שעפּטשען מיט קישנס, וואָס דרשען,
און ווייטער און ווידער מיט שאָטנס זיך קושן!

און שלעפּן זיך רק איבער שעפער, אַ וואַגלערין —
אָט זי, פון די בריאַזג־באַטאַליאָנען, די שלאָגלעריך,
וואָס אַלץ אונטער איר האָט געברענט!

און מערע הויבט אָן מיטן קערפּער צו ציטערן,
און ברעכט ענדלעך אויס אין אַ שלוכצן אַ ביטערן,
און וויינט פאַר די וויסטע פיר ווענט.

ניו־יאָרק, 1938.

# צוויי פּיאָנערן

טרויער פון אַ דור, וואָס בלייבט און גייט אַוועק,
ווי עס בלייבט אין נעבל דער לבנה־פלעק.

טוט דער שטילער טרויער מאַט אויף מיר אַ ווייה,
ווי איך טרעט אין גראַקייט פון טומאַן און טרעט
אויפן לערן טראָטואַר פון איסט־בראָדוויי,
אַ פאַרבליבענער, אַליין, אין אָוונט שפּעט.

טויכן־אויף פאַר מיר געשפּענסטער אַלערליי,
טוט דער דור דער גאַנצער טרויעריק אַ ווייה —
דער פאַרגייענדיקער, ווי דער טאָג־געדרייש;
ווייהען רווישלאָז דורך אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן,
וואָס זיי האָבן דאָ אַמאָל אין בלוט און פלייש
לוסטיק, זוניק, זייט ביי זייט מיט מיר געטראָטן.

* * *

שאָטנט־אויף אַ פּאָר פון דעם פּיאָנערן־דור —
ווי איך פלעג זיי זען, צוריק מיט פערציק יאָר.

איז דעם ערשטנס פאַך „אינשורענס" — אַן אַגענט,
וואָס „אינשורט" גאָר תורה פאַר אַמעריקע;
בויט ער אַליך אויף זאַמד און לייגט דעם פונדאַמענט
פאַר די אינסטיטוציעס די געהעריקע;
אימפּאָנירט ער מיט דער באָרד דער ברייט־צעקעמטער,
גלעט ער מיטן סאַמעט פון דעם בליק דעם פייכטן,

ווי ער טאַנצט אַרום אין סביבה אין פֿאַרפֿרעמדטער
מיטן שווערן ערנסט און דעם טראָט דעם לייכטן;
קוקן טרויעריק די אויגן — דאָך דער עקשן
האָט געדולדיק־לאַנג אַזוי אַרומגעטאַנצט,
ביז ישיבֿות גאַנצע זיינען אויסגעוואַקסן,
און די חיבת־ציון איז שוין איינגעפֿלאַנצט.

און אַנטקעגן קומט אַ שליסל־מאַכער אָן,
אין אַן אַקסלבאַנד מיט שליסלען אָנגעטאָן.

גייט ער קרוע־בלוע פֿירסטלעך־שטאָלצערהייט,
און פֿאָרויס מיט שפּאָט — זיין באָרד די קאָלטענע;
טראָגט ער אויך די שליסלען אויפֿצושליסן גרייט
די פּראָבלעמען אַלע די פֿאַרשאָלטענע;
איז פֿאַר אים אַלץ קלאָר, אַלץ אויפֿגעשלאָסן־אָפֿן —
אַז דער רבֿ און גלח מעגן זיך שוין ריכטן
אויפֿן שוואַרצסטן סוף פֿון אַלע שוואַרצע סופֿן,
ווען מען וועט די אַלטוואַרג באַרמלאָז פֿאַרניכטן.

האָט ער קעגן גאָט אַ לונג שוין אויסגעשריען
און דעם טלית־זאַק אין היץ פֿון קאַמף צעשטערט;
און זיין לאַנדסמאַן, דעם אַגענט דעם חובֿבֿ ציון,
האָט ער פּשוט פֿאַר אַ פֿינצטערלינג דערקלערט.

טרעפֿן זיי זיך אָן, די געגנער־שאַטנס צוויי,
אויפֿן שטייגער פֿון אַמאָל, אויף איסט־בראָדוויי.

האָט דער ערשטער באַלד צוויי פֿינגער אויפֿגעהויבן,
און אַ וויי געטאָן מיט האַסט צום הימל אויבן,
און דעם ליץ אין קאָלטענע אַריינגעברומט
אַ טריאומף־געשריי: ער קומט! ער קומט! ער קומט! —

מיט די הויכע וואָלקנס, אין זיין פולסטן כבוד,
דער געגאַרטער, דער געזאָלבטער זון פון דוד!

טוט אַ שפרונג דער צווייטער, ווי אַן אָפּגעבריטער,
און ער האָט דעם פינצטערלינג, צערייצט און ביטער,
אין ברייט־צעקעמטער באָרד אַריינגעברומט
אויפן העכסטן טאָן: זי קומט! זי קומט! זי קומט! —

ווי די ווילדסטע כוואַליע, דורך די לענדער אַלע,
די געגאַרטע רעוואָלוציע, די סאָציאַלע!

ווי עס האָט זיי האַרט דער גורל אָפּגענאַרט,
די פּיאָנערן צוויי, וואָס האָבן אַלץ געוואַרט!
אָבער אויב די גרוב די ברוקלינער איז קאַלט,
הענגען הייס־נאָך אויפן איסט־בראָדוויי אַספאַלט
עכאָס פון פאַר־פערציק־יאָריקן גערויש,
ווי זיי האָבן דאָ געקעמפט, אין בלוט און פלייש.

* * *

און אַ דריטער נאָך, אַ יונגער, בלוט און מילך,
האָט די סצענע די טשיקאַווע צוגעזען.
ווי זי האָט געגרילצט אים מיטן קוויטש און הילך,
האָט אים דאָך אַנטציקט איר עקזאַלטירטער ברען —
איז עס יענער דריטער טאַקע איך געווען?

טוט דער שטילער טרויער מאַט אויף מיר אַ ווייה,
ווי איך טרעט אין גראָקייט פון טומאַן און טרעט
אויפן לערן טראָטואַר פון איסט־בראָדוויי,
אַ פאַרבליבענער, אַליין, און אָוונט שפּעט.

ניו־יאָרק, 1938.

זיבעטע אָפּטיילונג

# אין דער נייער וועלט



# ים־לידער

## 1

## דעבאַטע

עס פינצטערט אין די כמאַרעס טיף
דער גרויסער אָקעאַן;
עס פירט דאָרט האָפערדיק זיין שיף
דער קליינער קאַפּיטאַן.

עס וואַרפט זיך אויף דער שיף און קראַכט
דער גרויסער אָקעאַן;
עס מעסט אים אָפּ מיט בליקן זאַכט
דער קליינער קאַפּיטאַן.

עס קוקט צום בייזן אָקעאַן
די זקנה־זון אַראָפּ,
און שמייכלט שפּאַטיש פון טומאַן,
און שאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי ריידן אויפן וואונק אַ סך,
די ביידע אַלטע לייט —
אויף וועלן־שפּראַך, אויף שטראַלן־שפּראַך,
זייט לאַנגער־לאַנגער צייט.

עס ברומט דער זקן־אָקעאַן
און שלאָגט מיט שוים פון מויל,
און פינצטערט פורכטבאַר פון טומאַן
און ווילדעוועט אַ גרויל:

„דער ערדן־זון, דער מענטשן־זון,
וואָס יאָגט ער זיך אויף מיר,
און מאַכט אַ פונקען־שפּיל דערפון,
און רויכערט אָן אַ שיעור?

„וואָס יאָגט ער אויף מיין קאַרק פאַרשייט
זיך אַלץ אַרום און שפּאַנט,
און שניידט מיין רוקן דורך און שניידט
און פייפט מיר נאָכאַנאַנד!

„איך לייד נישט מער זיין פרעכן שטאָלץ,
זיין טשאַדיעדיקע שיף!
איך שטירץ אים מיט זיין שטיקל האָלץ
אין שוואַרצן אָפּגרונט טיף".

עס קוקט אויף אים די גוטע זון
פון כמאַרע מילד אַראָפּ,
און לייגט דערפון, און לאַכט דערפון,
און שאָקלט מיטן קאָפּ:

„דו אַלטער נאַר, דו בייזער נאַר,
וואָס גייט די שפּיל דיך אָן?
וואָס קען דען, אין זיין ווילדן גזר,
דער קליינער מענטש דיר טאָן?

„וואָס רירט דיך אָן, וואָס גייט דיך אָן
זיין אומרו און זיין מוט,
זיין האַוועז, האַבעוועז און טאָן,
זיין לעבן אַ מינוט!

„אך, לאָז אים פליען מיטן רויך —
זיין קורצן לעבנס־צוג;
עס איז דער קלענסטער זומפּ דאָך אויך
צו טויטן אים גענוג!"

עס ברומט דער זקן־אָקעאַן
אַלץ ווילדער אויפגעבראַכט,
און פינצטערט פורכטבאַר פון טומאַן,
און בושעוועט און קראַכט.

עס קעמפט די שיף, עס ברעכט די שיף,
און פליט אין הימל הויך,
און פאַלט אַראָפּ אין אָפּגרונט טיף,
אין פלאַמען און אין רויך.

עס טוליעט איין די זון פאַרשעמט
איר לויכטנדיק געזיכט,
און טרעט אין וואָלקן אָפּ פאַרקלעמט,
אין פינצטערניש געדיכט.

ניו יאָרק, 1897.

## 2

## אָוונט אויפֿן שיף

די שמאַכטיקע זון גייט אַרונטער
צום קאַלטן, צום ברויזנדן ים,
און זינקט דאָרט אַ רויטע, ווי צונטער,
פֿאַרגאָסן מיט פֿייער און פֿלאַם.

אַט לייגט זיך דער אָוונט אַנידער,
אין רויטלעכן נעבל פֿאַרהילט,
מיט פֿאַרביקייט הייסער און מידער —
און טונקלט און פֿינקלט און שפּילט.

עס טונקלען די הימלען און פֿינקלען
מיט פֿאַרב־שפּילן פֿיל, אַזוי פֿיל,
און כוואַליעס אין אַלערליי ווינקלען,
זיי טונקלען און פֿינקלען אין שפּיל.

און מאַסטבוימער, שטריק און פֿאַרענטשן,
אַלץ טונקלט און פֿינקלט אַריין,
און ביי די פֿאַרענטשן די מענטשן,
אַלץ פּנימער — שאָטן און שיין.

און פֿול איז די שיף מיט געלעכטער,
מיט ברוסטיקן, יונגן געזאַנג,
מיט לוסטיקייט רוישיקער, עכטער,
און פֿידל און פֿלייטן־געקלאַנג.

עס פידלען די כוואַטסקע מאַטראָזן,
פון כאָרן פון כוואַליעס באַגלייט,
און שטעלן אָן באַקן און בלאָזן
מיט כוח אַריין אין דער פלייט.

זיי צופּן די פידלען און צופּן,
טרומייטערן לוסטיק און פריי,
און קלאַפּן די פּויקן און טופּען,
און זינגען און פייפן דערביי.

און שעלמישער ווערט דאָס געלעכטער,
און כוואַטסקער אַלץ שלעפּט מען צום טאַנץ
די דייטשע שווערוואָגיקע טעכטער,
אין אָוונטס רויט־גלוסטיקן גלאַנץ.

די טעכטער פון דייטשלאַנד די בלאָנדע,
באַשפּרינקלטע, ווי פון אַ טויל,
וואָס יעדע קוקט אויס, ווי אַ באַנדע —
פאַררונדעט און פּוכקע און פול.

עס קוויטשען די פרייליינס און קוויטשען,
און מאַכן קאָקעטיש אַ גוואַלד,
און ווערן זיך כלומרשט — און גליטשן
אַריין אין די אָרעמס זיך באַלד.

און טונקעלער ווערט עס און שטילער,
און ווייכער — דער וועלן־מאָטיוו,
און ווינטעלעך גרייזלען אַלץ קילער,
און טיפער פאַרדרעמלט די שיף.

עס הערן זיך מורמלען אַנטציקטע,
און קושעניש, קרעכצעניש פיל,
אין ווינקלען אויף שטולן פאַרשטיקטע
און צווישן די שטריק אויפן דיל.

די געלע לבנה, די צנועה,
זי טוט מעלאַנכאָליש אַ בליק,
און מאַכט אַ באַליידיקטע תנועה,
און רוקט זיך אין נעבל צוריק.

די צנועה, די פרומע, די ריינע,
זי האָט דאָך געזען אַזוי פיל
געפערלעכע זאַכן אַזוינע;
געזען — און פאַרשוויגן זיי שטיל.

ניו יאָרק, 1897.

## 3

## בענקעניש

עס כשופט אין פראַכט אין פאַרפלייצטער
די יונגע לבנה און שפּילט;
דער גרייז־גרויער ים, דער צערייצטער,
ער רייסט זיך צו איר און ער ברילט.

עס טראָגט זיך די שיף אויף די שפּיגלען
פֿון כוואַליקן, שטראַליקן וועג,
און טראָגט מיך געשווינד, ווי אויף פֿליגלען,
אַלץ ווייטער פֿון היימאַט אַוועק.

עס טראָגט מיך אַלץ ווייטער און ווייטער,
איך זיץ און איך קוק אין דער נאַכט,
ווי רייצנדער אַלץ און פֿאַרשייטער
זי שפּילט, די צעכשופֿטע פּראַכט.

עס שפּיגלען די כוואַליעס פֿאַר מיילן
און זעען פֿונווייטן מיר אויס,
ווי הייזער און מויערן־ציילן —
אַ שטאָט קומט פֿון נעבל אַרויס.

אָט גייט אין דער הויך אויפֿן טורעם
די פֿייער־וואַך היין און צוריק,
די שטאָט פֿון מיין דראנג און מיין שטורעם
שטייט אויף פֿאַר מיין בענקענדן בליק.

אָט שוימען דאָרט ערגעץ אין שאָטן
די גאַסן פֿון חדר און שול,
וואו אינגלווייז האָב איך געטראָטן —
מיט גרויסע דערוואַרטונגען פֿול.

עס טראָגן זיך וועלדלעך, בולוואַרן,
די יוגנט אין דורכפֿלי פֿאַרביי,
די וויטיקן, קאַמפֿן, געפֿאַרן —
איך לעב זיי אַדורך פֿונדאָסניי.

עס שווימען די כוואַליעס און שווימען,
געשפּענסטיק אַזוי — אין גאַלאָפּ;
דאָס שווימען פאַרביי מיינע טרוימען,
דאָס הילכט מיין געבורטס־שטאָט מיר אָפּ.

מיר האָבן געטאָן זיך צעשיידן,
דאָך הער איך זי ווידער אַמאָל;
זי טוט מיר פון שלאָף אירן ריידן,
איך הער איר ביינאַכטיקן קול.

אָט קלאַפּט וואו אַ וועכטער אין צאָרן
און שרייט צו אַ צווייטן און רופט,
און דראָזשקעס פאַרשלאָפענע פאָרן
און רודערן הילכיק אין לופט.

און וואו, אין אַ ווינקל אַ שטילן,
אין שטאָט־גאָרטן זיץ איך פאַרטראַכט,
געגלעט פון אַ ווינטל אַ קילן,
פאַרוויגט פון גערויש פון דער נאַכט.

עס הוידען די סאָסנעס זיך פריילעך
און רוישן אַריבער מיין קאָפּ,
עס ווינקט מיר אַ שטערן פאַרטרוילעך
פון הימל פון ווייטן אַראָפּ.

איך טראַכט, אַז איך בין דיר דאָך נויטיק,
מיין ביזע, מיין טייערע לאַנד;
איך ווייטיק נאָך אַליך מיט דיין ווייטיק
און ברען מיט דיין חרפּה און שאַנד.

איך טראַכט פון דיין גורל און חלום,
און חלום און טראַכט נאָכאַנאַנד;
איך זע דורכן שוים אים און מאָל אים —
אַלץ טונקל, ביים תהום אויפן ראַנד.

אָ, גוטע, אָ, יונגע חלומות,
אָ, גלויבן, פאַרטרוילעך און ריין,
איר האָט מיך געלאָזן אויף תהומות,
אַליין, מיט די אימות אַליין.

אָ, צייט פון מיין פרילינג מיין ליבן
און שטורעמס און אומרו אָן שיעור,
אַ שמאַכטעניש איז נאָר געבליבן,
אַ פוסטקייט אין האַרצן ביי מיר!

עס טראָגט זיך די שיף אויף די שפיגלען
פון ווייטן, פאַרכשופטן וועג,
און טראָגט מיך געשווינד, ווי אויף פליגלען,
פון אַלץ שוין, פון אַלץ שוין אַוועק.

ניו יארק, 1897.

# די סטאַטוע פון פרייהייט

## 1

### די געטין

גרינט פון ווייטן די יבשה,
שווימט אַרויס די נייע וועלט,
ווייזט זיך אויפן שוועל די געטין,
פון אַ נייער זון באַהעלט.

ביי דעם גרעניץ פון אוקיאַנוס,
אויף אַ הויכן שטיק גראַניט,
הויבט זי ברוין זיך אויף פון וואַסער,
און זי צויבערט און זי ציט.

הויך אין האַנט אַ פרייהייטס־פאַקל,
און דער בליק אין ווייטן רוים,
שטייט זי צווישן ים און הימל,
ווי אַ שטאָלצער ריזן־טרוים.

ווי אַ העלדן־ליד פון וואגן,
בראָנז־געגאָסן, מעכטיק, שיין,
זינגט זי פון דער וואונדער־וועלט־שטאַט,
פון דעם נס פון שטאָל און שטיין.

ביי דעם גרענעץ פון אוקיאַנוס
שטייט זי פאַר די וואַנדערער,
ווי די וואונדער־וואָר פון חלום
פון אַ וועלט אַן אַנדערער.

אויבן בליט אויף איר דער הימל,
און עס שפּילט דער שטראַלן־שיין;
אונטן קרויזט זי ווייס דער ים־שוים,
און די וועל רוימט סודות איין.

אָפּטמאָל פאַלט אויף איר דער שאָטן
פון אַ וואָלקן פינצטער־ווילד,
און עס קייקלט זיך דער דונער,
און דער ים משוגע ברילט.

נאָר זי הערט ניט און באַמערקט ניט,
שטענדיק שטאָלץ און שטענדיק שלאַנק,
פול מיט מאַכט און פּראַכט און צויבער,
פול מיט שטרעבן און געדאַנק.

2

## די שיפן

עס גייען די שטראַליקע װעלן און גייען
אין ענדלאָזן מאַרש פאַר דער גערין,
פאַרפּוצט אין געװעבן פון זילבער און זײַדנס,
און פלאַפלען איר רױשיק און גלעטן.

עס דרייט זיך די שטראַליקע אומרו און דרייט זיך
אין לוסטיקן, רױשיקן קלאַנג;
די טאַנציקע, גלאַנציקע קינדער פון תהום־גרין,
זיי גייען דעם אייביקן גאַנג.

און אַלץ איז אין פליטער, און אַלץ איז אין ציטער,
אַ שפּיליקער שטראַלן־אָקעאַנוס,
װאו ס'טרינקען זיך זונען בײַטאָג אין מיליאָנען,
בײַנאַכט אין מיליאָנען — לבנות.

עס גייען די שטראַליקע װעלן און גייען,
פאַראַדנע און פריילעך און פריי,
און טראָגן די שיפן פון אַלערליי לענדער
דער הערלעכער געטין פאַרביי.

און זעט זי די מאַסן פון װאַנדערער װיסטע,
גייט־דורך איר אַ צוק און זי רעגט זיך;
און ס'דוכט זיך, איר בראַנזענע ברוסט, די פאַרשמידטע,
אַזוי װי זי פאָכט און באַװעגט זיך.

און פייערליך הויבט זי די האַנט מיטן פאַקל
אַריבער דעם וואַסער און רופט;
און ס'דוכט זיך, אַזוי ווי אַ וואונדערלעך זינגען
צעגיסט זיך אַרום אין דער לופט: —

3

## דער געזאַנג פון דער געטין

„פון דער פינצטערער
מיטלאַלטער־נאַכט,
פון אַ וועלט אין רויב,
פון אַ וועלט אין שלאַכט,
פון דעם שווערן יאָך,
פון די טייכן בלוט,
פון דעם פרומען קרייץ,
פון דעם בייזן קנוט,
לאָזט דער פרייער מענטש
מוטיק זיך אַוועק,
דורכן גרויסן ים
אויף אַ ווייטן ברעג.

„אויף אַ ווייטן ברעג,
אויף אַ פעלזן־גרונט,
בויט ער אויף אַ וועלט,
מונטער און געזונט —
אין דער טיפעניש
פונעם אור־אַלט־וואַלד,

אָן אַ דעספּאָטס שוץ,
אָן אַ רויבערס האַלט —
אין דער ווייסטעניש
פון דער פרייריי־ברייט,
אָן אַ האַרץ־בייטש,
אָן אַ קנעכטן־קייט.

„אָ, קומט, איר פאַרוואָגלטע, קומט, איר געדריקטע,
פון וועלטן געפּאַקטע, פון וועלטן פאַרשטיקטע,
אַהער אין די ווייטן אָן ענד.
אָ, קומט צו די בראַווע, אָ, קומט צו די פרייע,
איר וועט זיך מיט כוחות דאָ אָננעמען נייע —
מיר גיבן אייך האַרציק די הענט.

„אין דער נייער וועלט,
הינטער דעם אטלאנט,
ליגט די רחבות גרויס,
ליגט דאָס וואונדער־לאַנד,
וואו עס איז דער מענטש
אָן דער טיראַניי
אויסגעוואַקסן שטאָלץ,
זיך אַנטוויקלט פריי —
מיט אַ גייסט, וואָס וויים
קיין שום אָפּהאַלט ניט,
און אַ ווילן פעסט,
ווי פון שטאָל געשמידט.

„צווינגט ער די נאַטור
אים צו דינען קלוג,
און ער שפּאַנט זי איין

אין זיין לעבן־צוג,
און ער שמידט זי איין
אין מעטאַל און רויך,
און ער יאָגט אויף איר
אין די וואָלקנס הויך,
שטעלט זיך ביים באַשאַף
אויפֿן הויכן שפּיץ,
און ער רייצט זיך פּרעך
מיטן דונער בליץ.

„אָ, קומט פון די אַלט־איינגעשרומפּענע וועלטן,
פון אברים אין ציטער, פון פּנים פאַרגעלטן,
צו אונז אין דער יונגקייט אַריין,
צו אונז אין דעם וואַגנדן שוואונג, אין דעם פרייען —
מיר וועלן מיט פרישקייט און מוט אייך באַנייען,
מיר רופן, מיר לאַדן אייך איין...״

4

# די שטאָט

זי זינגט איר געזאַנג. און עס ענטפֿערט איר אָפּ
פֿון ווייטן די ריזיקע שטאָט
מיט עפּעס אַ חוזק פֿון ווילדן געברום,
מיט קייכיקן, קראַכיקן שפּאט.

עס טראָגט פֿון דעם שטיינערנעם אָפּגרונט פֿון שטאָט,
אויף צענדליקער שטאָקן די הויך,
דער ברום פֿון מיליאָנען אין שטראָמיקן דראנג,
געיאָגט אויף מעטאַל און אויף רויך.

עס שטויסן מיליאָנען מיט מענטשן זיך אום,
זיך יאָגנדיק פֿייער און פֿלאַם,
און בלייבן דאָך איינזאַם און קאַלט צווישן זיך,
אַזוי ווי די כוואַליעס אין ים.

און שנאות און קנאות, מיליאָנען, אָן סוף,
זיי פֿלאַקערן אום אַזוי שוואַרץ,
און סמען און צינדן און שרפֿהנען אויס
דאָס אָרימע מענטשלעכע האַרץ.

און איין מענטש דעם אַנדערן שלינגט דאָרט און שלינגט —
דעם שוואַכן, וואָס קומט נאָר אין וועג;
מען שלינגט און מען שלינגט אַלץ, ביז וואַנען מען ווערט
אַליין־וואו צעקלאַפּט אָן אַ ברעג.

און אַנדערע קומען, ווי כוואַליעס אין ים,
זיי קומען אַלץ אויף און אַלץ אום;
און וואַנזיניק ווערט דאָרט דער מענטש אין זיין שטרייט
פאַר אימפּעט און אימה אַרום.

ער שטרייט פאַר אַ לופט־שלונג אַוואו אין דער זון,
פאַר עפּעס אַן אָנהאַלט אין שטראָם;
ער ליאַרעמט און רייסט זיך און וואַרפט זיך אַרום,
ביז ס'ווישט אים אַרונטער דער תּהום.

און ס'מישן מיליאָנען מיט קולות זיך אויס
אין איינעם אַ גיהנום־געשריי,
וואָס טראָגט זיך צום הימל, אַזוי ווי פון סדום,
אין ווילדן, אין קעמפנדן ווײ.

און ס'ווייס ניט די געטין, ווי פאַלש איז איר רוף,
ווי חוזקדיק קלינגט איר געזאַנג, —
אַז זי אויך אַליין איז אין טומל אַרום
פאַרגעסן געוואָרן שוין לאַנג.

פאַרגעסן איז לאַנג שוין געוואָרן איר מיין,
איר גאַנצע, איר קופּערנע פּראַכט,
און נאָר ווי אַ לעסטערונג לאָזט מען זי שטיין,
פאַרוואָרפן אין וואַסער, פאַרלאַכט.

## 5

# די שפּינוועבס

זי שטייט מיטן קראַנץ אויפן קאָפּ אַזוי שטאָלץ,
און קוקט אַזוי ווייט אויפן שוים,
און העכער אַלץ הויבט זי איר פאַקל און הויבט,
און טרוימט איר דערהויבענעם טרוים.

און איבער דעם פאַקל און איבער דעם קראַנץ
האָט דאַרשטיק דער שפּין זיך צעלייגט;
ער וועבט אַזוי פלייסיק זיין שפּינוועבס און וואַרט,
און כאַפּט זיינע אפּער און זויגט.

ער זויגט און ער טראַכט, אַז פאַר אים נאָר אַליין
צעשפּרייט דאָס דער פאַקל זיין שיין,
וואָס ציט אַלע פליגן פון נאָענט און ווייט
צו אים אין די שפּינוועבס אַריין.

ניו יאָרק, 1897.

# צי קענסטו יענע לאַנד?

## אַ סאָנעט

צי קענסטו יענע לאַנד, וואו ריטער־וועלדער בליען,
און קייטן־קלינגערייען שווער אין לופטן שוועבן,
וואו קראַקענדיק און פינצטער די סאָראָקעס פליען,
וואו גראָ דער הימל איז און גראָער נאָך דאָס לעבן?

צי קענסטו יענע לאַנד, וואו פרעסט אַליין נאָר גליען,
און שניי־תכריכים לויכטן און זאַווייען שטרעבן,
וואו פריי קען נאָר דער וואָרים אין דער ערד זיך טיען,
און אומגעשטערט די שפין נאָר קען זיין שפינוועבס וועבן?

עס טרעפט אַמאָל אויך דאָרט: עס רופט איר רוף די צייט,
און שטרייטער שטייען אויף און פלאַמיק ברענט דער שטרייט —
עס בלייבן אָבער באַלד פון זיי נאָר קברים, קברים.

אָ, יענע לאַנד — דאָס איז מיין פאָטערלאַנד געווען!
איך האָב צום ערשטן דאָרט מיין שענסטן טרוים געזען,
געטרוימט צו זען דעם צפון אַן אויפגעלויכטן דרום.

ניו יאָרק, 1897.

# די אַלטע היים

איך האָב פרײלעך געשענקט איר מײן יוגנט,
די חלומות די שענסטע, די בעסטע;
איך האָב הײליק געשװאָרן איר טרײהײט,
די קרבנות די שװערסטע, די גרעסטע.

און ניט ליב איז געװען איר מײן ליבשאַפט,
און זי האָט מיך צו װאָגלען געצװאונגען,
און מײן האַרץ האָב איך דאָך איר געלאָזן,
און אין האַרצן — דעם חלום דעם יונגן.

און איך בלאָנדזשע אַרום, װי אַ פרעמדער,
אָן אַ ציל אויף דער װעלט, אָן אַ שטרעבן,
און איך האָב ניט פאַר װעמען צו שטאַרבן,
און איך האָב ניט פאַר װעמען צו לעבן.

ניו יאָרק, 1897.

# דער ניוס־באָי

אין דעם פיל־כאַריקן, אין דעם גרויס־שטאָטיקן ברום,
צווישן פאַרשיידענע קולות אָן צאָל,
וועלכע פאַרטויבן דאָס לעבן אַרום,
כאַפּט פאַרן האַרצן אַמאָל
ערגעץ אַ קינדערשער קול.

הייזעריק הערט זיך דער קול — נאָכאַנאַנד טאָג און נאַכט,
עלענד אין גאַס, מיטן ווינט אין דער פרײַ,
פֿול פון טומאַנען, פון היצן פאַרשמאַכט,
טראָגט אומפאַרמיידלעך פאַרבײַ,
גלײַך ווי דער קלונג פון טראַמוויי.

לאָזט זיך דאָס קינד מיטן פּאַק נאָכן סענט אין געיעג,
שפרינגט אויף טראַמווייען מיט פלינקייט און מוט,
דרייט זיך דעם מלאך המות אין וועג —
איינגעשטעלט יעדע מינוט
ביליק זיין אָרעם יונג בלוט.

הייזעריק הערט זיך דער קול, און בײַנאַכט שפּעט אַמאָל
וואַרט וואו אַ מוטער און וויינט זיך אָן בלינד;
הערט זיך איר וויינען אין קינדערשן קול,
וויינט אין די נעכט אויף איר קינד —
צווישן טראַמווייען און ווינט.

אָפטמאָל קלינגט אָפּ אַ פאַרשטאָרבענער מוטערס אַ שטים:
שטאַרבנדיק קושט זי איר קינד און זי בעט,
בעט ביי דער וועלט ביי דער קאַלטער פאַר אים —
קלינגט אין זיין קול איר געבעט,
יאָמערט בײַנאַכט אַזוי שפּעט.

ניו יאָרק, 1897.

# דער זייגער

האַסטיק גייט די שיינע עני
צו דער אַרבעט יעדן מאָרגן,
וואו די הויכע מויערן טונקלען,
אין די רויכן שווער פאַרבאָרגן.

האַסטיק קומט אַן אומבאַקאַנטער,
שטענדיק אויף דעם זעלבן שטייגער,
יעדן מאָרגן איר אַנטקעגן —
ריכטיק, פּינקטלעך, ווי אַ זייגער.

וואו די הויכע מויערן טונקלען
און די ריזן־שעפער ברומען,
טרעפן זיי זיך — ביידע יונג נאָך —
מיט אַ שמייכל מיט אַ שטומען.

נאָר אַמאָל, ווען עפּעס פריער
קומט ער פּלוצלינג אָן פון ווייטן,
גיט איר באַלד אַ צוף: זי ווייס שוין,
וואָס אַזוינס־נאָר קען באַדייטן.

ווייל זי האָט, אָ, נעכטן אָוונט
זיך פאַרזעסן, זיך פאַרגעסן!
יאָגט זי איצט שוין אָן אַ אָטעם,
ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן.

יאָרן גייען, יאָרן קומען
מיט די זעלבע אַנגסט און זאָרגן;
האַסטיק יאָגט זי אַלץ, די עני,
צו דער אַרבעט יעדן מאָרגן.

האַסטיק קומט איר אַלץ אַנטקעגן,
שטענדיק אויף דעם זעלבן שטייגער,
דער באַקאַנטער אומבאַקאַנטער,
און ער דינט איר פאַר אַ זייגער.

אַך, ווי מיאוס, ווי דערעסן
איז ער לאַנג שוין איר געוואָרן,
ווי דאָס גיין אַלץ יעדן מאָרגן
שוין זייט לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

ווי דאָס גיין אַלץ יעדן מאָרגן
און דאָס נייען, אייביק נייען,
ווי דאָס גאַנצע אומעט־לעבן —
און זיי גייען אַלץ און גייען.

און זיי גייען אַלץ און גייען,
און זיי ווערן שנעל און שנעלער
אַלט און זויער, בייז און העסלעך,
גראָ און גראָער, געל און געלער.

האַסטיק טראָגן זיי פאַרביי זיך,
ווי די שאָטנס, און זיי שטייען,
איינס דעם צווייטן פאַר אַ שפּיגל —
און זיי גייען אַלץ און גייען.

ניו יאָרק, 1899.

# אַ פרימאָרגן

אויף דעם וויסטן, בלאַסן הימל
כאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגן,
און די גרויסע שטאָט באַוועגט זיך,
אין דעם נעבל גראָ פאַרבאָרגן.

איינגעהילט אין גראָען נעבל,
רירט זיך אויף דער לעבנס־תהום
און צעגיסט זיך אויף די גאַסן
אין אַ כמורנעם מענטשן־שטראָם.

כמורנע גיסט און גיסט מיט מענטשן,
פוילע, געלע, ווי דער מאָרגן,
פון די הייזער צו די שעפער,
אין דעם נעבל גראָ פאַרבאָרגן.

גראָע אונטער־וועלט פון תוהו,
וואו די געלע מתים גייען
פון די קברים צו די גיהנמס,
נאָך די בייזע חיבוט־ווייען.

ניו יאָרק, 1899.

## דער אַמבולאַנס

דורך דעם פוילן רויש פון הערבסט־גאַס
יאָגט אַן אַמבולאַנס געשווינד,
און ער טראָגט זיך, ווי אַ שוידער,
דורך דעם רעגן און דעם ווינט.

האָט עס ווער, אין גייסט אין קראַנקן,
איצט־וואו, אין דעם קראַנקן טאָג,
זיך אַנטשלאָסן אָפּצודאַנקען
כּוֹנעם לעבן און זיין פּלאָג?

און ער ליגט איצט שטיל און זאָרגלאָז,
און ער זעט שוין ניט, ווי שוואַרץ
דריקט דער וואָלקן אויפן לעבן
און דאָס לעבן אויפן האַרץ.

און ער פילט ניט, ווי די רעטער
כאַפּן גראָב צו אים זיך צו,
און זיי ווילן ביי אים רויבן
די מיט־טויט־געקויפטע רו.

ניו יאָרק, 1899.

# דאָס ליד

זי כאַפּט זיך דאָ אויף אין אַ ווילד־פרעמדער וועלט
פון זיסן, פון מיידלשן טרוים ;
עס זינגט איר און קלינגט איר אין האַרצן אַ ליד,
אַ ליד פון אַמאָליקער היים.

עס רופט, ווי די טרובע פון פּאַסטוך אין פעלד,
און הויבט אַזוי פריידיק פון בעט ;
עס טראָגט, ווי אויף זוניקע פליגלען אַוואו,
און ציט, ווי אַ ווייטער מאַגנעט.

עס שאַלט איר און שטראַלט איר דאָס גאָלדענע ליד,
אַזוי ווי דער מאָרגן אין מאַי ;
און האָפן און גלויבן, ווי יונגינקע גראָז,
זיי גרינען אין איר פון דאָס ניי.

זי טראָגט עס, דאָס ליד, דורך די טומלען פון גאַס,
אין אומרו פון וועלט־שטאט, אין תהום,
וואו ס'אטעמט מיט פראָסט און מיט אימה אויף איר
דער קאַלטער, דער מענטשלעכער שטראָם.

זי טראָגט עס, דאָס ליד, דורך די טומלען פון שאַפּ,
אין שפּינוועבס פון לאַנגוויל און פּלאָג,
וואו ס'זויגט איר דעם יום־טוב פון האַרצן אַרויס
אַ לאַנגער, אַ קריכיקער טאָג.

און שמאַכטנדיק טראָגט זי דעם יום־טוב פון ליד
אַוועק אין געדרענג פון וואַגאָן,
זי הענגט מיטן לויטערן ליד אין איר האַרץ
אויף שמוציקע רימענס זיך אָן.

און אָונט־צייט טרעפט זי די פוסטע פיר ווענט,
אַ צימער — אַ קבֿרל קליין;
צעווײנט זיך דאָס ליד אין איר שטיל, אַזוי שטיל,
אַ כליפּנדיק עלענד געוויין.

עס וויינט אַזוי עלענד דאָס ליד, וואָס דערמאָנט
אַ הימל, אַ גרעזל, אַ בוים,
די ליבסטע געזיכטער, די עלטערנס הויז,
דעם יונגן, דעם מיידלשן טרוים.

עס יאָמערט דאָס ליד, וואָס פלעגט קלינגען אַמאָל
איר פרייליך אַזוי און פאַרשייט,
וואָס האָט איר דעם פרילינג פון לעבן באַגלייט
אין יענער־וועלט ווייט, אַזוי ווייט.

עס קלינגט, ווי אַ הספד, אין האַרצן דאָס ליד,
און אַלעס פאַרגייט אין געוויין —
אַ ווילד־פרעמדער טומל, אַ ווילד־פרעמדע וועלט,
און פרעמד איז זי אויך זיך אַליין.

און ווילד־פרעמד פאַרנעמט זי איר אייגן געוויין,
וואָס קלינגט איר פון בעט אַזוי מיד;
איר האַרץ ווערט פאַרחלשט פאַר בענקשאַפט און לייד,
עס חלשט אין האַרצן דאָס ליד.

ניו יאָרק, 1904.

# די עגונה

עס גייען די צאַנקנדע ליכטלעך שוין אויס,
עס סודען די שאָטנס זיך שטיל דורכן הויז
אין אָפּרו פון פרייטיק צו נאַכט;
זי זיצט פאַרן פענצטער, פון אומעט דערשטיקט,
אין שויב מיט די דאָרשטיקע ליפּן פאַרדריקט,
זי קוקט אין דער נאַכט און זי טראַכט:

וואו ליגט עס, וואו ליגט עס, דאָס לאַנד,
וואָס האַלט אים ביי זיך און באַהאַלט;
צי הערט ער דאָרט ניט אין זיין שאַנד,
ווי ס׳רופט אים דאָס קינד נאָכאַנאַנד?
דער גזלן, דער רצחן פון וואַלד!

עס הערט די דערמאָנענדע נאַכט נאָר אַליין
איר שטילן, פאַרשטיקטן געוויין.

די פרוי, אין דעם יאָך, דורך די טעג פון דער וואָך,
פאַריאָגט פון דער אַרבעט, פאַרגעסט זי איר בראָך;
און קוים נאָר דער שבת פאַלט צו,
דאַן ווידער פלאַמט אויף פאַר איר שמאַכטיקן בליק
דאָס בילד פון איר יונגן, פאַרשוואונדענעם גליק —
עס לויפט פון נשמה די רו.

עס בלאָנדזשעט איר בליק ערגעץ ווייט,
עס ברענגט איר דער ווינט אַ גערוס:
אַט לאַכן וואו חצופיש־פאַרשייט
איר מאַן מיט אַ פרוי ביי דער זייט,
אַט הילכט איר פון ווייטן אַ קוש.

עס הערט די פאַרטייעטע נאַכט נאָר אַליין
איר שטילן, פאַרשטיקטן געוויין.

עס קוקט די לבנה אין פענצטער אַריין,
עס שפיגלט דער קאַלטער, דער זילבערנער שיין
זיך אָפּ אין איר ברענענדער טרער;
עס קרעכצט פון אַ חלום דאָס קרענקלעכע קינד,
עס טוט איר אַ ריס, און די זעאונג פאַרשווינדט —
זי לאָזט זיך צום בעטעלע שווער.

זי טוליעט און דריקט צו איר ברוסט
אַלץ פעסטער דאָס שלאָפיקע קינד,
און קושט עס און קושט עס און קושט,
ווי אָפּקושן וואָלט זי געגלוסט
דעם פאָטערס פאַרברעכן און זינד.

עס הערט די אַלץ־הערנדע נאַכט נאָר אַליין
איר שטילן, פאַרשטיקטן געוויין.

ניו יאָרק, 1897.

# אַ געוויינלעכע געשיכטע

דער פֿאָטער איז אַלט און פֿאַרשיכּורט,
די מוטער איז בייז און צעקרענקט,
די טאָכטער איז יונג נאָך און אַרבעט,
און אַרבעט און שטיצט זיי און בענקט.

און לאַנגוויייליק ציט זיך איר לעבן,
אָן שיין און אָן שייניקער פֿרייד,
רק צווישן דעם שאַפּ און דעם טעג׳מענט,
אין פֿלאָגעניש, עלענד און לייד.

דער פֿאָטער, ער מאַכט אַליך סקאַנדאַלן,
די מוטער, זי שילט אַליך און הוסט,
די טאָכטער, זי שטיקט זיך אין שטייגל
און שמאַכט אַליך פֿאַר בענקשאַפֿט און לוסט.

זי האָט ניט קיין פֿריינט, קיין באַקאַנטע,
דער שפּיגל נאָר איינער אַליין
דערציילט איר אַמאָל אַ געשיכטע,
אַ טרוים אַזוי כּשופֿדיק־שיין.

זי זיצט ביי דעם שפּיגל און חלומט,
און גלוטיק דאָס בלוט אין איר שפּילט;
זי וואַרט אַליך אויף עפּעס און וואַרט אַליך,
און ס׳רייסט איר דאָס האַרץ אַזוי ווילד.

עס שטאַרבן — דער פאָטער, די מוטער,
די טאָכטער דערזעט ערשט דעם שיין;
זי וואַרפט זיך אַזוי ווי פאַרשיכורט
אין שטורמיקן לעבן אַריין.

זי וואַרפט זיך און ווייס ניט קיין אָפּהאַלט,
געפינט זיך קיין רו ניט, קיין אָרט,
און קאָכעדיק טראָגט זיך איר לעבן
רק צווישן דער גאַס און דעם קאָורט...*)

און ס'פליען די יאָרן און פליען,
און ביזער אַלץ גייט עס צום ענד,
דער קערפּער דער יונגער פאַרוועלקט שוין,
דאָס האַרץ איז אויף קויל שוין צעברענט.

זי האָט איצט פיל פריינט און באַקאַנטע,
דאָך מער ניט דעם שפּיגל אַליין
פאַרטרויט זי איר טרער און איר עלענד,
איר פאַלשן, איר ביליקן חן.

זי זיצט ביי דעם שפּיגל און יאָמערט,
און ביטער, מיט גאַל איבערפילט,
דערמאָנט זי איר פינצטערע יוגנט,
און ס'רייסט איר דאָס האַרץ אַזוי ווילד.

---

*) געריכט־הויז.

ניו יאָרק, 1897.

# די שאַפּ־מיידל

## אַ פֿאָלקס־מאָטיוו

ווי ווייסט אַזוי און קאַלט
מיין יוגנט גייט אַוועק —
אָן שטערן מיינע נעכט,
אָן זונען מיינע טעג.

אַך, ווי אַ בלעטעלע,
פֿאַרטראָגן ווייט פֿון בוים,
פֿון בייזן אָסיען־ווינט,
פֿאַרשליידערט פֿון דער היים.

אַך, ווי אַ פֿייגעלע,
פֿאַריאָגט פֿון ווייכן נעסט,
פֿאַרוואָגלט אין דער פֿרעמד,
פֿאַרשפּאַרט אין שטייגל פֿעסט.

פֿאַרשליידערט און פֿאַרשפּאַרט,
אָן הײמלעכקייט און ליכט,
און אָן אַ וואַרים־וואָרט,
און אָן אַ ליב־געזיכט.

און אַלץ אַליין, אַליין,
אין פֿראַצע און אין פּיין,
און ביז אין גראָען צאָפּ,
און ביז אין גרוב אַריין.

ניו יאָרק, 1897.

אַכטע אָפּטײלונג

# ניו־יאָרק אין בילד און קלאַנג



# די פֿייערן פֿון בראָדוויי

(ה. לייוויקן אַ מתּנה)

## 1

די פֿייערן די פֿלאַטערדיקע פֿון בראָדוויי,
עס הענגט פֿאַרעלענדט די לבֿנה הינטער זיי,
עס הענגט מיט איר די שטילקייט אויף אַ הויכן דאַך,
און ביידע קוקן פֿרעמדע אויפֿן פֿייער־שלייאַך.

איך גיי פֿאַרחלומט צווישן טענץ פֿון פֿלאַמען־ווענט,
פֿון כוואַליעס ליכטער און געזיכטער דורכגעבלענדט,
און אַלטע בענקשאַפֿטן, ווי שאָטנס, פֿאַלן צו
און טראָגן שאָטנדיק אַוועק מיך ווייט אַוואו.

ווייט־ווייט אין מיין געבורט־שטאָט גייט די נאַכט איצט אום
אין בלאָער גלוטיקייט, אַ פֿראָסט־געשמידטע, שטום,
און גאָלדיק די לבֿנה, גרויס אַזוי און פֿול,
קוקט טרויעריק אַרונטער אויף דער אַלטער שול.

אין מיטן שול־הויף שטייט די אַלטע, קאַלטע שול,
אין טרוים אין גאָלדענעם פֿאַרהילט, ווי אין אַ טלית,
פֿון אויבן הימל־בלאָקייט, רחבֿות אָן אַן ענד,
פֿון אונטן בלאָער שניי־שיין בליצט אַזוי און בלענדט.

די ווייסע, ווייטע קינדהייט וויהט אַוועל מיר וואו —
איך פֿיל אַ פֿריידיקע, אַ טיפֿע זעלן־רו,
אַ קינדער־גליק באַפֿאַלט אַן אויגנבליק מיך שטום,
אין מיטן פֿייער־פֿלאַטער פֿון בראָדוויי אַרום.

2

אַן אומגעזעענער גיט פֿייערדיק אַ פּאָך,
צעטאַנצן זיך די פֿלאַמען פֿלאַטערדיקער נאָך;
עס גייט די האַלבע נאַכט אַדורך דעם רויטן וועג,
באַגלייט פֿון טויזנט גלוסטן אויפֿן גלי־געוועג.

עס גייט פֿון די טעאַטערס דער המון נאָך איר,
צילינדערס, פֿוטערס, דימענטן און לייב־קאַליר,
פּאַרפֿיומען־דופֿט און גופֿים־דאַמף און גלוטן־דויט,
און אויגן פֿון דער נאַכט־זיעל אויפֿגעעפֿנט ברייט.

איך שווים אין מענטשן־שטראָם און זע פֿאַר זיך וואו־ווייט
אַן אַנדער האַלבע נאַכט, וואָס טרעט אין לויטערקייט;
דאָרט ווייט אין מיין געבורט־שטאָט גייט זי הויך און העל,
אַ שטילע, ווי אַ תּפֿילה, פֿון אַ ריינער זעל.

און גייט דער לעבעדיקער פֿון טעאַטער דאָ,
טאָ ווייט אין מיין געבורט־שטאָט, אין דער זעלבער שעה,
גייט רווישלאַז־וויים דער טויטער איצט אין שול אַריין,
אין זוויבער־זילבערנעם פֿאַרשטילטן תּפֿילה־שיין.

אין מיטן שול־הויף שטייט די אַלטע, קאַלטע שול,
וואָס איז מיט אימה און מיט ווייסע מתים פֿול;
זי שטייט שטיל־שטראַלנדיק און האַלט און היט פֿאַרטרויט
דעם גרויסן, ווייסן סוד פֿון לעבן און פֿון טויט.

## 3

איך שווים אַן איינזאַמער אין רויש פון מענטשן־שוים,
און מונטער שווימט פאַר מיר אַ וויסער, ווייטער טרוים:
אַט בין איך נאָך אַ קינד און גיי אין שניי און שיין,
אין העלער, הימלדיקער האַלבער נאַכט אַריין.

איך גנבע זיך אַרויס פון שלאָפנדיקן הויז,
צו זען אין פּנים אים, דעם שיין פון אונזער קלויז,
דעם מלאך פון מיין טרוים, דעם שטאָלצן וואונדער־רבֿ,
וואָס שלאָפט שוין הונדערט יאָר זיין שטילן אוהל־שלאָף.

איך ווייס, ער קומט אַהער אין האַלבער נאַכט אַרויס —
אַט הער איך שוין פון שול דעם ווייסן מת־געררויש,
איך בלייב צעשראָקן שטיין, אין שניי־שיין טיף אַליין,
עס קלאַפּט מיר ווילד דאָס האַרץ, עס קלאַפּן ווילד די ציין.

אַט טוט מיין בליק אַרויף צום פענצטער זיך אַ צי,
און באַלד שוין אָן אַן אָטעם טו איך ווילד אַ פלי;
ער ווייזט זיך הויך אין פענצטער, טוט זיך ווייס אַ נויג,
און טוט אַ קוק פון טלית מיטן טויטן אויג.

ווי האָט פאַר מיר דער טויט־שרעק לאַנג דערנאָך געשוועבט!
ווי האָב איך דאָך מיין לעבן פול אַזוי געלעבט!
עס האָט געלעבט דער הימל, נאָענט און פאַרטרויט,
עס האָט געלעבט די ערד, עס האָט געלעבט דער טויט!

## 4

אין נעבל נורעט זיך און ניכטערט זיך דער רויש,
עס לעשן זיך די בליקן און די פלאַמען אויס,
אין שטילע בעטן פאַלט פאַרמאַטערט דער המון,
און מאַט אין שטילע ליכטער ליגט בראָדוויי אַליין.

און בלייבער ווערט מיין טרוים, ער לעשט זיך און ער פאַלט,
ער ווערט צעטראָטן קאַלט אין פייכטקייט פון אַספאַלט ;
אַן אַנדער־אַנדער היים־בילד טונקלט דורך פאַרביי —
איך זע פון מיין געבורטס־שטאָט נאָר בית־עולמס דריי.

איך זע די נאָענטע אויף יעדערן פון זיי,
אין גריבער איינגעפראָרן, אונטער האַרטן שניי,
און אין דער טרויער־ווייסער, וויטער, טויטער נאַכט
צעזיינט זיך אַ זאַווייע ווייסט אויף זיי און וואַכט.

די טויטע זיינען טויט, די לעבעדיקע אויך,
זיי שווינדן פון מיין זעאונג, ווי אַ ווייטער רויך,
איך יאָג זיי נאָך און זוך זיי מיטן באַנגן בליק,
זיי ווען אין מיין האַרץ ניט אויפלעבן צוריק.

און אויף אַ פרעמדער ערד אַ פרעמדער גיי איך אום,
און פרעמדקייט קוקט אויף מיר פון אַלץ און אומעטום,
עס ווילט זיך וויינען און עס איז קיין טרער ניטאָ,
דאָס אויג איז אויסגעטריקנט אין דער שפּעטער שעה.

## 5

די שטילקייט נידערט פון דער הויך אויף מיינע טריט,
זי גייט מיט מיר אין גראָען, ווי די נאַכט־שעה, מיט,
און ביידע אומעט־מידע — מורמעל איך און פרעג:
וואָס איז געווען דער רויש און וואו איז אַלץ אַוועק?

און אפשר ברויזט בראָדוויי מיר גאָר ניט אויף דער וואָר?
און אפשר איז דער פרעמדער רויש אַן עכאָ נאָר?
איך זע זיך נאָך אַ קינד, פאַרשלאָסן אין אַ שול,
וואָס איז מיט וועלבונגען און שאָטן־ווינקלען פול.

איך בלאָנדזשע אונטער וועלבונגען אַ גאַנצע נאַכט,
און יעדער קער און קלאַנג איז אַלץ פאַרטרויזנטפאַכט;
עס טוען טויזנטער ביים קלענסטן קול אַ קלונג,
עס טוען טויזנטער ביים שוואַכסטן שאָרך אַ שפּרונג.

ווי בלינקט עס מיט באַוועגונג, און עס ליגט דאָך לער!
ווי קלינגט עס פול מיט רעגונג, און עס שטומט דאָך שווער!
ווי גרוילן אָט־די שפּילן צווישן שאָטן־ווענט,
איך בלענדעניש צו בלאָנדזשען ביזן בייזן ענד!

צי רויטלט הויך אין שול־פענצטער אַ מאָרגן מיר?
צי קומט דער שמש ווען און עפנט נאָך די טיר?
עס ווילט זיך וויינען און איך שרעק זיך פאַר מיין קול,
עס זאָל ניט אָפּהילכן מיט גאָרנישט טויזנט מאָל.

ניו יאָרק, 1924.

# ניו־יאָרק בעי

אין זון־וואָלקנס ליגט אַ פאַרהילטער דער בעי,
אין שניי־בערג פון בליציקער רו;
באַווייזט זיך אַ מקדש של מעלה אויף זיי,
אַ שטראַליקער, הימל־הויך וואו.

די ווענט — פערלמוטערנער חן, אַזוי בלייך,
דער דאַך — אַ קרישטאָלענער סוד,
די זיילן — ברזשטינענער גלי, אַזוי ווייך,
די פלאַם־טרעפ — דער וועג צו גינאָד.

אַט שיינט אויף די פלאַם־טרעפ אַ ריזן־פיגור,
דער געטלעכער כהן אַליין;
אין קליידער פון פורפור און הימל־לאַזור,
אין חושן און אפוד און קרוין.

ער שפרייט אויס אַריבער ניו יאָרק זיינע הענט,
אַריבער דעם רויך און דעם ברום,
און קוקט, מיט די בליקן צום הימל געווענדט,
און בעט אַזוי הייליק און שטום:

פאַר אַלע פון אונטן, וואָס חלומען באַנג
פון נאַכט־רו, אין טאָג־היץ צעשמאַכט;
פאַר אַלע, וואָס האָבן פאַרגעסן שוין לאַנג
וואָס רו איז אַפילו ביי־נאַכט.

פאַר אַלע, וואָס וואַגלען אויף אָפּגרונטן וויסט
און קענען ניט קומען צום ברעג;
פאַר אַלע, וואָס גרייכן דעם האָפן אומזיסט,
פאַרלאָרן אין וועלט־שטאָט דעם וועג.

פאַר אַלע געבויגענע גייער אין יאָך,
וואָס קענען ניט זען אין דער הויך;
פאַר אַלע, וואָס זעען דעם וואונדער — און דאָך
פאַרגייען זיי באַלד, ווי אַ רויך.

בעלמאר, 1924.

---

# קומט דער ליבער זומער . . .

און דערנאָך האָב איך געזען פיר מלאכים שטייענדיק אין אַלע פיר עקן פון דער ערד, און זיי האָבן געהאַלטן די פיר ווינטן פון דער ערד, אַז קיין ווינט זאָל ניט בלאָזן, ניט איבער דער ערד, ניט איבערן ים, ניט איבער די ביימער.

די אַנטפּלעקונג פון יוחנן, 7, 1.

טוט־וואָס שעלמישעס אַ שוועב —
זומער־לעב!

און עס קומען פון פיר זייטן,
אין אַ חוזק אַ פאַרשייטן,
פיר מלאכים, און זיי לאָזן
די פיר ווינטן מער ניט בלאָזן.

טוט אַ גאַלאַ פייער־כוואַליע
באַלד אַ וואַליע, באַלד אַ סמאַליע

שווער און שטיל.
און די זון אין פרייד אין רויטער,
טאַנצט אַרום אין הימל לויטער.
טאַנצט צום שפּיל.

הייצט זיך העליש אָן די שטאָט,
ברענט און בראָט.

ליגט די ריזן־שטאָט ביים ים
הילפלאָז קעגן גיהנם־פלאַם,
ווי אַ פייער־פאַן, צעגליט,
מיט די מענטשן אין דער מיט,
מיטן שטאָל און שטיין אָן ענד,
זון־געבלענדט און זון־געברענט.

איז דער טרוים פון מענטשן־קינד —
ווינט.

נאָר אין חוזק אין פאַרשייטן
שטייען ביי דער שטאָטס פיר זייטן
די מלאכים, און זיי לאָזן
די פיר ווינטן אַלץ ניט בלאָזן.

און דער הייצער הייצט און הייצט,
און דאָס פייער פלייצט.

און אין ווייסן דאַמף פאַרצויגן,
רויטע רעדער פאַר די אויגן,
שמייען אום נאָך פאַלשע שאָטנס
די מיליאָנען אין געבראָטנס.

דעמפּט די שטאָט שוין אומפאַרשעמט —
אין איין העמד.

דעמאָלט גייט די זון אַרונטער,
אין איר פלאַם־פרייד רויט, ווי צונטער,
און די הויכע ציגל־ציילן,
איבער הונדערטער פון מיילן,
שטייען אָנגעזאַפּט מיט פלאַמען —
אַלע אין איין בראנד צוזאַמען.

יעדער ציגל אין די ווענט
ברענט.

דעמאָלט טרייבט ער אום, דער טרייבער,
די מיליאָנען נאַסע לייבער —
פון די אָנגעהייצטע לעבער
צו די אָנגעברענטע דעכער,
פון די פייער־פענצטער־שפּאַלטן
צו צעשמאָלצענע אספאַלטן —

צו דעם ים־ברעג, אויף דער פריי
פון צעלאָזן בליי.

ווייל אין חוזק אין פאַרשייטן
האַלט ער ביי דער שטאָטס פיר זייטן
די מלאכים, און זיי לאָזן
די פיר ווינטן אַלץ ניט בלאָזן.

גאַפּט די מענטשהייט אויפן גרויל
מיט אַן אָפן מויל.

שמאַכט מען, שמייעט מען אין שטילקייט

נאָך קאָשמאַרן פון אַ קילקייט,
נאָך אַ טרוים פון ווייטסטער רעגונג,
נאָך דער לייכטסטער לופט־באַוועגונג,
און עס דוכט זיך, אָט געראָט אים
צו דערשטיקן יעדן אָטעם.

פלאָמט אין הימל זיין כוונה —
די לבנה.

ווי אַפּאָקאַליפּטיש בלוטיק
הענגט זי פאַר דער לייד־וועלט גלוטיק,
גרוים און גרויזאַם אין די הויכן,
ווי אַ פלאַמענדיקער צייכן,
אַז מען וועט מיט קראַפט מיט נייער
נאָך פאַרגרעסערן דאָס פייער.

און ווי שיינט איר אָנבליק מיסטיש
און סאַדיסטיש.

בעת אין גלאָצעניש געניטער
פון אַן אויבער־אינקוויזיטאָר,
מיט איר אויגל לוסטיק לויפן
אונטן אויפן שייטער־הויפן,
נעמט מיט שטילע לעפצן לויבן
איר מאָנאַשקע־פּנים אויבן:

דריי מאָל הייליק איז זיין נאָמען,
אמן!

ניו יאָרק, 1930.

# ש נ י י

יונגער שניי.
קומט נאָר איינער, קומען צוויי,
דריי און פיר,
מער און מער און אָן אַ שיעור —
גייען, דרייען, בלענדן בלינד,
שווינדט די ערד, דער הימל שווינדט
ווייס אַזוי,
טיף אין שנייאיקן געדריי.

לופטיק וויהט
אויף דער וועלט אַ פוכן־קלייד;
ווערט אַלצדינג
פעדער־ווייס און פעדער־גרינג;
דרייט זיך גרינג די וועלט אין ראָד,
מיט די שנייען, קאַראַהאָד —
שטייען ווייסע אָן אַ זייט:
ווייט און צייט.

ניו־יאָרק, 1926

# גרענד קאָנקורס

רוישונגען גומענע, לייכטע,
פּייערלעך פאַרביקע פליען;
נאַכט־אויגן לויפן אום פייכטע.
רויטלען און גרינען און גליען;
לאָמפּן פון צוויי־ליכט פון מאַטן,
שאָטנס פון דעריקע בוימלעך;
נעמען פון טויטע סאָלדאַטן
קוקן פון טאָוולען אומהיימלעך,
צווישן די הייזער און אָטאָס,
גלייך ווי פאַרגעסענע מאָטאָס.

הילן זיך הוילע די זעלן,
שאָטענען שטום אין די שיינען,
הילפלאָז אין פלאַטער אין העלן,
עלענד ווי מתים נאָר זיינען —
הערן פון טויזנטער פענצטער
כאָר־געזאַנג, פּיאַנאָס און פידלען,
בעת נאָך אין טרוים פון געשפּענסטער
הילכט זיי פון גרעבער די רידלען —
שאָטענען, הערן און שווייגן
שטום אין די דעריקע צווייגן.

מישן זיך ווידער און ווידער
קלאַנג און קאָלירן אַלץ שענער,
פליאיקע ליכטער און לידער,
שימער פון שיינען און טענער,
בלאַנדזשנדע טרוימען־געזאַנגען,
האַקנדע פייפן, ווי קאַרבן;
ברעכן זיך פאַרבן אין קלאַנגען,
ברעכן זיך קלאַנגען אין פאַרבן,
תּרועות פון פאַרבן, וואָס שאַלן,
שברים פון קלאַנגען, וואָס שטראַלן.

הויערן זיי, די געשפּענסטער,
ביז די אילוזיעס צערינען,
ביז די אלטען און פענצטער
לעשן זיך שטיל אין באַגינען.
פליען זיי דאַן צו די גריבער,
איבער די ימ'ען די ברייטע,
וואַרטן אין פראַנקרייכס ערד איבער
זייערע גוף־טעג די טויטע —
וואַרטן אין פראַנקרייך און שמאַכטן
נאָך די ניו יאָרקער ביינאַכטן.

בעלמאר, 1926.

# נעבל

עס הויבט דער פּאַרטאַגיקער נעבל זיך אויף
און אָטעמט מיט קעלט;
ער האָט אין זיין קיל־שטילן, נאַס־ווייסן גוף
פאַרשלונגען די וועלט.
ניו־יאָרק איז ניטאָ שוין! די טורעמס־געשפּענסטער,
די טויזנטער טאַנציקע, לאַכיקע ליכטער,
די טויזנטער טרוים־טיפע, פינצטערע פענצטער,
זיי זיינען פאַרשוואונדן אין ווייס און געדיכטער.
אַזוי ווי עס וואָלט אַ מיראַזש נאָר געווען
דריי הונדערט יאָר וואונדער פון וואוקס פון דער שטאָט,
און אָט וועט מען באַלד אַן אינדיאַנער דערזען,
וואָס זוכט אויפן אינזעל אין נעבל זיין טראָט.
אָט שלייכט ער פון פיש־פאַנג, אין פעלן פאַרהילט,
צו זיך אין זיין וויגוואַם אויף רו,
ביים ברעג פון דעם האַדסאָן, אין איינזאַמען ווילד
פון אור־אַלטן וואַלד ערגעץ־וואו.

איך זוך אים אומזיסט, דעם פאַרלאָרענעם וועג,
אין נעבל אַרום.
עס הענגט נאָר אַ תוהו פון גראָ אָן אַ ברעג
פאַר מיר אַזוי שטום.
עס ווערן פאַרשוואונדן די ליכטער די העלע,
וואָס האָבן געמאַכט מיר די וועלט אַ באַשטראַלטע —
די בלענדיקע חכמה פון שמות פון געלע,
דער שיינענדער אמת פון פאַרמעטס פון אַלטע.

אַך, וואָלט כאָטש געבליבן איין שטערנדל ריין!
אַך, וואָלט כאָטש געבליבן איין ליכטיקער פלעק!
איך שטיי, ווי דער אור־אַלטער הייל־מענטש, אַליין,
אַליין מיט מיין איך אין אַ חושך פון שרעק,
אַליין אין אַ פוסטקייט פון וועלטן אָן ענד,
אַליין מיט מיין טויט־מידער זעל;
איך זע פון מיין הייל נאָר, ווי גרויל־גרין עס ברענט
אַ וואָלף־אויג פון יענער זייט שוועל.

ניו יאָרק, 1921.

## פאַרן לייכט־טורעם

נעבל. פריער אָוונט. אָפשיינען פון אויבן,
רויטע, וואָלקנדיקע, הויערן.
און פון אונטן טראָגן געלע ציגל־שטויבן
פון צעקלאַפּטע קאַסטנס־מויערן —
די אַראָפּגעריסענע פאַרפוילטע נעסטן
פון דעם דלות דעם פאַרפעסטעטן, דעם גרעסטן.

ווייזן זיך פיגורן אָפּגעריסענע,
פראָסט־צעביסענע און ווינט־צעשמיסענע —
שלייכן שטיל און זוכן וואווינונגען אומזיסטע
אין צעגראָבענע פונדאַמענטן, אין וויסטע.

ווען דער גאָלד־זוכער, דער דינער פון מאַמאָן,
טוט זיך אין לבוש פון באַקכוס־דינער אָן,
און אין פיינעם קאַדילאַק, אין טייערן,
פליט ער, גליק־באַשטראַלט, צו פריילעכקייט און זינד,
און עס טוט אַרום דער ים מיט פייערן
פון דער וועלט־שטאָט פון דער רייכסטער זיך אַ צינד —
שלייכן זיי, ווי שאָטנס, וועג־פאַרלאָרענע,
הוילע, הונגעריקע, אויסגעפראָרענע.

וואו עס פלעגן פריער אַרבעטער געפינען
זייער רו אין אומרו פון אַ שלאָפן,
ליגן גרייטע גאַנצע סקווערן מיט רואינען —
איצט שוין פאַר די אַרבעטלאָזע אָפן.

און בשעת אין סקאַנדאַליעזער בלענדעניש
פון בריליאַנטן, פאַרבן און פאַרשווענדעניש,
שיכורן בלשאצר׳ס אין די טויזנטער,
ביי די מאָלצייט־טישן, טריאומפירנדיק,
און מען הייבט דעם וויין־באַקאַל אַלץ ברויזנדער,
קיין שום אומרו אין געמיט ניט שפירנדיק,
שווייבלען אַלע חורבות שוין באַזעסענע
מיט די מענטשן־קינדער די פאַרגעסענע.

ווי זיי לייגן אויף דער פייכטער ערד זיך אויס,
און זיי וויקלען וויים אין צייטונגען זיך איין,
קוקן זיי, ווי מתים, פון טומאַן אַרויס,
אין דעם אָפשיין פון די פייערן אַריין.

און דער שפיץ פון העכסטן וואָלקנקראַצער אויבן,
ווי אַ לויכט־טורעם מיט פלייצנדיקע ליכטער,

טוט זיך האָפּערדיק אַריבער זיי דערהויבן,
אין דער כמאַרע אין דער רויטער, דער געדיכטער —
שוועבט אין לופטן אין נצחון אין דערהויבטן,
אויפן עלענד אונטן הוזקדיק צו לויכטן.

ווי זיי שטומען, אין די גריבער אויסגעלייגטע,
וואו זיי זיינען נאָר געפאַלן, אויסגעצויגן,
די פּאַפּיר־תכריכים פון טומאַן צעווייקטע,
קוקן זיי צום טורעם, מיטן גלאָז פון אויגן.

ליגט עס דאָ אַ יהושפט־טאָל צעשפּרייט?
זיצט וואו ערגעץ דאָ און משפּט אַ געריכט?
ווי עס ווייהט מיט אימה אַלץ אַרום און ווייהט
פאַרן רויטן, וואָלקנדיקן, סומנעם ליכט —
פאַר די שאָטנס, פינצטערע און שטומענדע,
פאַר די טעג פון רעכענונג די קומענדע.

ניו יאָרק, 1935.

# די קרוין פון ווענערע*)

די גאַס איז אַ לאַנגער טומאַן,
מיט אומשולד פֿאַרצויגן;
טאָ שפּאַן אין דער אומשולד און שפּאַן
און זוך מיט די אויגן.

זי פֿילט ניט פֿון גיין שוין די פֿיס —
אָ, פֿאַלן און שטאַרבן!
דאָך שמייכלט איר פּנימל זיס
אַרויס פֿון די פֿאַרבן.

עס טוען אין רעדער זיך געל
די גאַס־לאָמפּן קרימען,
און פּנימער אַלץ אַזוי העל,
די מאַנזבילשע, שווימען.

זי וואַרפֿט יעדן מאַנזביל אַ וואונק,
אַ ברען אַ געמאַכטן,
און טרוימט פֿון אַ ברענענדן טרונק
אין האַלז אין צעשמאַכטן.

די ראָג־פֿענצטער בלענדן איר בלינד
מיט קונצן מיט שוואַרצע:

---

*) אַ מעדיצינישער טערמין — אַ ווענערישער אויסשיט אויפֿן שטערן מיט אַזאַ נאָמען.

אַט צלמט אַ מאַמע איר קינד,
אַ „קאַפּ"*) טוט אַ טאַרטשע.

זי דרייט זיך אױס שלאַנגיק פֿון „קאַפּ",
פֿון שויבן, וואָס פֿינקלען —
און פֿלינק טוט זי וועמען אַ כאַפּ
אין טונקעלע ווינקלען.

דערזעט זי אַ יונגינקן שנעק,
אַ שעמעדיק אינגל,
און טוט אַזש פֿון נחת אַ לעק
איר טרוקענעם צינגל.

זי שלעפּט אים ביים אָרעם געשייט
און קייכט אין זיך ביטער:
באַלד וועסטו ביי מיר שוין אַ לייט,
אַ יונג, אַ געניטער.

אַט פּרעסט זי צום מויל אירן האַרט
די פּרישינקע בעקלעך;
עס הערט זיך איר לאַך אַזוי צאַרט,
איר לאַך אַזוי שרעקלעך.

אַט טוט זי איר הענטל אַ פֿיר
אים איבער די לאָקן:
מיין ליבינקער, זיי ניט מיט מיר
אַזוי דאָך צעשראָקן!

---

*) א פּאָליציימאַן.

ווי גלאַט איז דיין שטערן, ווי ריין —
אָ, דזשיזוס און מערי!
אַט וועל איך דיר אָנטאָן אַ קרוין,
די „קרוין פון וועגערע".

און טראָגן נאָך וועט שוין די קרוין
אַ צווייטע מסתמא —
אַ כלה, צי אפשר אַליין
די צערטלעכע מאַמע.

ניו יאָרק, 1935.

# ניו־יאָרקער פֿאַרנאַכטן

## 1

### אָוונט־פֿענצטער

אָוונט־פֿענצטער דרעמלען איין פֿאַרלאָשענע,
וועקט דער זון־פֿאַרגאַנג די פֿענצטער.

שטייען אַלע פֿענצטער רויט פֿאַרגאָסענע —
שפּילט אין זיי דער טרוים דער שענסטער.

ווינקט דער זון־פֿאַרגאַנג מיט פֿיין־געפּליגלטע
שטראַלן, גאָלדענע און לאַנגע.

שטייען אַלע פֿענצטער אויסגעשפּיגלטע,
טיף אין ברען פֿון גלוסטן באַנגע.

ברענען דאָס דינור*)־מלאכים שמאַכטיקע
אין דעם פֿלאַקער פֿון די פֿאַרבן?

זינגען אָפּ די שירה די פֿאַרנאַכטיקע,
גייען זיי אַנטציקטע שטאַרבן.

---

*) אַ לעגענדאַרישער פֿייער־טייך, וואו אַלע טאָג ווערן מלאכים געבאָרן און אַלע אָוונט ווערן זיי דאָרט פֿאַרברענט.

טונקט מען דאָס רשעים אין די גלוטיקע,
אין די גרינע פלאַמען־בעדער ?

פּאַסעווע‎ט מען דאָרט מיט פלאַמען קנוטיקע,
גייט דאָרט אַלץ אויף פייער־רעדער.

ווי עס טוען היציק זיך אומאַרעמען
אין די פענצטער העל־געשפּענסטער !

זאָל דער גאָט פון אָונט זיך דערבאַרעמען
אויף די דומע, פרומע פענצטער...

2

## די קונדסימ׳לעך פון ליכט

איז דער שלל פון אָונט־שטראַלן
אויף דער גרויסער שטאָט געפאַלן
און אויף פּיצלעך זיך צעקלאַפּט.

האָבן אונטן באַלד די גאַסן,
צווישן הויכע מויער־מאַסן,
אַלע פּיצלעך אויפגעכאַפּט.

פליען מענטשן אין מיליאָנען,
רוישיק, שווייסיק, אין וואַגאָנען,
אויף די בריאַזגעדיקע „עלס".*)

*) „עלס" — „עלעוויי‎טעד" — הויכבאַנען.

נעמט אַ פּיצל שטראַל זוי יאָגן,
פליט אַריין אויף אַלע ראָגן,
ווי אַ מייזעלע אַ העלם.

שטייט מען, רוקן האַרט אין רוקן,
מוז מען אויף דער שטאָט נאָר קוקן,
רק אין ציגעלנעם געזיכט.

פליען אָן די שטראַלן־פּיצלעך,
טוען אָפּ דעם עולם שפּיצלעך,
די קונדסימ׳לעך פון ליכט.

הענגט זיך אויף אַ פּאָס אַ דאַמע,
אויפגעמאָלט, ווי אַ רעקלאַמע,
טוט אַ שטראַלכל איר אַ האַק.

צינדט זיך אָן איר באַק די לינקע,
רויטער פון דער רויטסטער שמינקע
אויף דער צווייטער רעכטער באַק.

פּיקט אַ הער מיט נאָז און גוידער
אין צעשפּרייטן בלאַט כסדר,
אין באַריכט פון „סטאָק־עקסטשענדזש".

שטערט מען אים דעם חשבון שטענדיק,
בלאנקט מען אויף די ציפער בלענדיק,
מעקט מען זיי מיט פלאַמען־פרענז.

מען באַלויכט אַלץ פונקטן שוואַכע:
גראָבע פּיס און נעזער פלאַכע,
ניט דערפאַרבטע האָר פון גרוי.

פליכעס לאָזט מען האַלב אין שאָטן,
האַלב אין גלאַנצן, רויט־געראָטן —
לקוי־לבנהדיק אַזוי.

הערט מען אַלץ ניט אויף צו שטיפן,
ביז אין חושך, ביז אין טיפן,
ביז עס לעשט זיך אויס דער שפּאַס.

כמורעט דער וואַגאָן זיך ווידער,
ווערט מען שטייפער און סאָלידער —
נודנע הערינג אין אַ פאַס.

3

## נאָך דער הויז־אַרבעט

איז די אַרבעט אָפּגעטאָן,
און דאָס עסן איז שוין גרייט;
טוט זי ריין און ליב זיך אָן,
עפנט אויף דאָס פענצטער ברייט,
און זי קוקט אין גאַס אַריין,
אין דעם אָוונטיקן שיין.

ברענט דער זון־פאַרגאַנג אַוואו
הינטער הויכע מויערן;
לאָזן זיי קיין שטראַל ניט צו,
לויערן און הויערן.
לאַכט אַ וואָלקנדל אַראָפּ,
שפּיגלט רויט דעם זון־פלאַם אָפּ.

זעט זי, ווי דער שטראַלן־שפּאָס
פֿאַלט פֿאַנטאַסטיש־רויט אַראָפּ —
אויפֿן אָפּגרונט פֿון דער גאַס,
אויפֿן פֿענצטער, אויפֿן קאָפּ,
און זי ווייס דאָס ניט אַליין,
ווי זי קוקט געשפּענסטיק שיין.

פֿליט אין אָוונט, מעשה־נס,
גאַנץ ניו־יאָרק אין בריאזג־וואַגאָן;
פּאַקט מען יעטווידן עקספּרעס
מיט אַ וואָלקן־קראַצער אָן;
טוט מען וואו פֿון צוג אַ שפּאַר,
שווינבלט שוואַרץ דער טראָטואַר.

שטראָמט מען גערן איר פֿאַרביי —
זעען אַלע, ווי זי וואַרט
ליב אין פֿענצטער, ליב און טריי,
שיינענדיק אַזוי און צאַרט —
וואַרט אַזוי געשפּענסטיק־שיין,
און זי ווייס דאָס ניט אַליין.

## 4

# דער כשוף

אין די ווייטע פענצטער, אין די הויכע פענצטער,
שפּיגלט זיך דער כשוף, שפּיגלט זיך דער שענסטער.

טרעטן שווער די גייער, ווי אין שפּאַן די פערד,
קוקן אַלץ אַרונטער, קוקן צו דער ערד.

ווער עס קען די אויגן צו דער הויך ניט הייבן,
וועט שוין ניט דערזען דאָס וואונדערלעכע אויבן.

נאָר די אויסדערוויילטע, די וואָס קענען זען,
זעען מיט אַנטציקונג, ברענען מיטן ברען.

וואו פאַרבאָרגט ער זיך, דער וואונדערלעכער צינדער,
וואָס אַנטציקט אַזוי די מידע מענטשן־קינדער?

שטייט ביים טאָג ביים גוסס ערגעץ־וואו און ברענט,
שענקט אונז פון זיין שפּע כאָטש נאָך איין מאָמענט;

שפּילט אין אייביקייטן אַלץ דעם שפּיל דעם זעלבן,
אין די הימל־הויכע, ראָזיקע געוועלבן.

נאָך אַ ליכט־עקסטאַז פאַר אונז, די שמאַכטיקע,
נאָך אַ ליכט־מיראַזש פאַר די בייגאַכטיקע.

שטראַלן אין די הויכן הימל־הענט צעשפּרייטע,
ברענען פענצטער, ווי די ליכט, צום בענטשן גרייטע.

אין גרויען אינדערוואָכן ברענען יום טוב־ליכט —
איבער זיי פאַרשטעלט־וואו בענטשט אַ זון־געזיכט.

קומען מידע מענטשן דעם מיראַזש אַנטקעגן,
זוניקט זיי די זעאונג אויף די וויסטע וועגן.

ווייטע פענצטער, ווייטע טרוימען, און אַ ברען,
וואָס אַ ווילע פריער איז נאָך ניט געווען.

און אַ ווילע שפּעטער לעשן זיך די שיינען —
זיינען זיי די לעצטע, כל זמן נאָך זיי זיינען.

זאַפּן מענטשן איין דעם לעצטן יום טוב־שיין,
ביז אין וואָכעדיקן, וויסטן הויז אַריין.

ביז־וואו איינזאַם אין אַ פענצטער אין אַ בלינדן
שפּילן זיך נאָך פלעמלעך, צינדן זיך און צינדן.

ביז־שוין דער מיראַזש, דער פלאַם־פאַרגאַנגענער,
שווינדט אין שוואַרצער נאַכט אַן אויסגעלאָשענער.

ניו יאָרק, 1930.

# ניו־יאָרקער פרילינג

## 1

### די גאַס

און די גאַס איז פול מיט פושקאַרטס,
פול מיט קאַנעז, פול מיט מיסט;
בליקט אַריין די זון פון אויבן,
טוט אַ שמייכל און באַגריסט.

פאַלן שטראַלן פון איר שמייכל,
גיסט איר גרוס אַ ליבן שיין,
דורך די כמורנע, הויכע הייזער,
אין דער טיפער גאַס אַריין.

און די גאַס איז פול מיט גינגאָלד,
פול מיט פריידן, פול מיט גלאַנץ;
קומט צו גיין דער קאַטערינשטשיק,
שפילט און זינגט און רופט צום טאַנץ.

טראָגט זיך מונטער־מילד דאָס רופן,
וואַרעם, פרילינג־ליב באַשטראַלט;
שפרינגט אַרויס אין גאַס די קליינוואַרג,
דרייט זיך, פרייט זיך, טאַנצט און שאַלט.

און די גאַס איז פול מיט קינדער,
פול מיט צאַרטקייט, פול מיט חן;
הענטלעך פלעכטן זיך אין הענטלעך,
פיסלעך הויבן זיך אַליין.

שיסן אויגלעך מיט אַנטציקונג,
לויכטן פּנימלעך באַזעלט;
בויגן, נייגן זיך און וויגן,
ווי די בלומען אויפן פעלד.

און די גאַס איז פול מיט ריטם,
פול מיט פאַרבן, פול מיט קלאַנג;
רייסט זיך שווער אַריין אַ וואָגען,
בלינד אין זינגענדיקן דראַנג.

שניידט אַדורך די לופט אַ טויט־קרעכץ,
לויפט די קליינוואַרג אָפּ אין שרעק;
טויט אַ פּאָך מיט שוואַרצע פליגלען,
טראָגט אַ לעבנדל אַוועק.

און די גאַס איז פול מיט פּחד,
פול מיט ווילדן דיסאַנאַנס;
דורך די קאַנען, דורך די פושקאַרטס
שווידערט אויף אַן אַמבולאַנס.

ניו יאָרק, 1902.

2

## די טרעמפּס

עס וואַרעמען זיך טרעמפּס אויף דער זון, און די פֿויגלען,
זיי שמייען אַרום און זיי ברייען;
די טרעמפּישע הערצער, עס פֿרייט זיי צו הערן
דעם פֿויגלשן לשון, דעם פֿרייען.

די שטראַלן, די קוואַלן פֿון קראַפֿט און ענערגיע,
זיי שטראָמען פֿון הימל אַרונטער;
די טרעמפּס טרינקען דאָרשטיק פֿון זיי — עס צעשפּילט זיך
דאָס טרעמפּישע בלוט אַזוי מונטער.

דער ווינטער איז לאַנג געווען, שווער געווען, פֿראָסט־טויט,
דער פֿראָסט־בלייער טויט האָט געהוליעט,
געדרייט זיך אַנטקעגן די טרעמפּס אויף די וועגן,
אַלץ פֿעסטער צו זיי זיך געטוליעט.

ער האָט מיט זיין אָטעם געברענט און פֿאַרברענט זיי,
זיי זיינען, ווי פֿליגן, געפֿאַלן —
אין פֿעלד אין די שנייען, אין גאַס אין זאַווייען,
ביים שוועל פֿון די שיינקען און שטאַלן.

געשטייגט האָט די צאָל פֿון די קבֿרים אָן נעמען
מיט יעדערן פֿראָסט־גראַד אַלץ גרעסער;
און מער ווי די גרוב האָט פֿאַרשלונגען דער קאַלעדזש —
דער שאַרפֿער, סטודענטישער מעסער.

ווי ליבט דער סטודענט זיי, די פּגרים פון וואָגלער,
וואָס קענען זיין שניט ניט פאַרמיידן —
נאָר ביין און נאָר אָדער, קיין פעטס ניט, קיין לייב ניט,
זיי לאָזן זיך לייכט אַזוי שניידן.

אַ זול איז געווען אויף די טרעמפּישע פּגרים,
מען האָט זיי געקליבן אין מאַסן;
געפּאַקט ווי מען האָט זיי געפונען אין קאַסטנס,
געמאַכט פון זיי גאַנצע זאַפּאַסן.

מען האָט זיך אויף יאָרן פאַרזאָרגט מיט די מתים!
דאָך טרעמפּס זיינען אַלץ נאָך פאַרבליבן
פון קהלשער גרוב און סטודענטישן מעסער,
צו גריסן דעם פרילינג דעם ליבן.

זיי וואַרמען זיך איצט אויף דער זון, און די פויגלען,
זיי שמייען אַרום און זייברייען;
די טרעמפּישע הערצער. עס פרייט זיי צו הערן
דעם פויגלשן לשון, דעם פרייען.

דער ווינטער איז לאַנג געווען, שווער געווען, טויטלעך!
און האָט זיך דער פרילינג פאַרנומען,
די טרעמפּס זיינען גלייך שוין פון זון־שיין פאַרשיכורט,
די טרעמפּס האָבן פליגלען באַקומען.

זיי פליען באַלד־באַלד איבער בערג, איבער טאָלן,
אין שטראַליקע וועלטן, אין נייע,
אַזוי ווי די זאָרגלאָזע פויגלען, די ווילדע —
די ווילדע, די ווייטע, די פרייע.

ניו יאָרק, 1902.

## 3

## דאָס גרעזל

שפּילן זיך קינדערלעך, טענעמענט־קינדערלעך —
קויטיק און קרענקלעך און קליין,
העמדלעך צעריסענע, בעקלעך פאַרמורזעטע,
דאָך אַזאַ ריר, אַזאַ חן!

שפּראָצן זיך גרעזעלעך, שטאָטישע גרעזעלעך,
טוליען און ווינקלען זיך דין —
שוין ביי דעם שפּראָץ ביי דעם ערשטן צעטראָטענע,
דאָך אַזוי צאַרט, אַזוי גרין!

ציט זיך דער קאַלט־גראָער מדבר פון טענעמענטס,
כמורען זיך ענדלאָזע ווענט;
אטעמט אַרונטער אַ פרילינג אַ לויטערער,
וואַרעמט און מונטערט און בלענדט.

שמייכלט דאָס קינד באַרמהאַרציק צום גרעזעלע,
קוקט אַזוי איידל און בלאַס;
קוקט מיטן שמייכעלע פון אַ צעטראָטענעם,
יונגינקן גרעזל פון גאַס.

שמייכלט צוריק באַרמהאַרציק דאָס גרעזעלע,
קוקט אַזוי ליבלעך און לינד,
קוקט מיטן שמייכעלע פון אַ באַ'חנ'עוועטן,
פרענקלעכן טענעמענט־קינד.

שמייכלען דיביידע אַזוי אַ קליין ווילע נאָר,
ביז עס טראָגט אָן זיך אויף זיי,
שטורמיק, אַ מענגע פון וואָגענס און פוס־גייער,
בוואַליעס פון שטויב און געשריי.

ניו יאָרק, 1919.

4

## די ווינטלעך

אין דעם כעס, אין דעם רעש, אין דעם גראָען גוואַלט,
וואו אין אַלטער משוגעת דער אוקיאַנוס שאַלט —
איבער תהומות, דורך די אימות, לאָזן זיך אין וועג,
פון די וואַרעמע מקומות, ווינטלעך שטיל צום ברעג.
וואו דער זקן פלעכט די לאָקן ווייס אין טאָל און באַרג,
און די וואָלקנס בלאַס־דערשראָקן פויזן אויף זיין קאַרק —
ציט אַ ווינטל נאָך אַ ווינטל דורך דער פרילינג־לופט,
אַ פאַרחלומט־מילד געזינטל, פול מיט ימ'ען־דופט —
אַ פאַמיליע ווינטלעך שטילע, ליב אַזוי און לינד,
ווי אַ פלאפּל, ווי אַ תפילה פון אַן איידל־קינד.

אויף די ברעגן זיי אַנטקעגן שטייט די וועלט־שטאָט האַרט,
האַלט מיט שטיין און שטאָל די וועגן ענג פאַר זיי געשפּאַרט.
טראָגט זיי ווייטער אַלץ געשייטער איינברעכן אין שטאָט;
בלייבן דאָך דערביי די שטרייטער פול מיט ליבן גנאָד.

ווינטלעך קומען, ווינטלעך זשומען, גרייזלען זיידן־ווייך,
האָבן שוין די שטאָט פאַרנומען דרייסיק שטאָק די הויך;
אויף די גאַסן, אין דעם בלאָסן, ווייסטן מאָרגן־ליכט,
טרייבן נעבלען זיי און שפּאַסן יעדן אין געזיכט.
צו פאַרשוואַכטע, לאַנג־פאַרשפּאַרטע, שמייכלען זיי אַ גרוס,
און אויף ליפּן אויף פאַרשמאַכטע פרעסן זיי אַ קוש.

זינגען פרויען, נאָס אין טויען, צווישן קוימנס רויך,
וואו עס נעבלען זיך און גרויען דאך אויף דעכער הויך.
גרעט צעהאַנגען אויף די שטאַנגען, ווערט זיי עפּעס באַנג —
ווינטלעך האָבן זיי געפאַנגען אין דעם פרילינג דראַנג.
שיסט אַלץ פרייער דורך אַ פייער זיי אין יעדן גליד,
זייער זון־לאַנד, ווייט און טייער, גליט און פלאַמט אין ליד.
גליי־געזאַנגען, פלאַם־פאַרלאַנגען טראָגן זיך אַ שטראָם,
אונטן טיף אין גאַס דערלאַנגען, אין דעם מענטשן־תהום;
מענטשן־כוואַליעס — אַלעס־אַלעס שטעלט זיך אָפּ און שאַלט,
קוקט די זון פון נעבל־טלית, און דער פרילינג שטראַלט.

ניו יאָרק, 1917.

# בײם פּאָר־קאַטעדזש אַ״ן פּאָרדהעם

*And the fever called "Living"*
*Is conquered at last.*
—Edgar Allen Poe.

הויכע הײזער, האָפּערדיק־פאַרכמורעטע,
און אין װינקל שטײט אַ הײזקעלע אַ װײסע,
אָן אַ זײט פון טומל, אַ פאַרנורעטע,
װי זי װאָלט געשעפּטשעט אַ טשיקאַװע מעשה;
קוקן גלײכגילטיק די פענצטער טױזנטער,
װי זי װערט פאַרטױבט פון גאַס פון ברױזנדער.

האָט געװאַכט דאָרט שטילקײט, װי איך בין אַהין
מיט אַ האַרץ אַ קלאַפּנדיקס — צו אים געקומען;
פון דעם דיכטערישן אומזין פון זײן זין,
פון זײן שײנקײט פון זײן פאָרכטיקער באַנומען;
דורכן שטױב פון נײנציק יאָר אַ קוק צו טאָן
אױף אַ לעבן, װאָס ער רופט עס „פיבער” אָן.

האָבן זיך בײם שװעל די נײנציק יאָר צערוקט,
און אין שרעק־פּראַכט זײנער איז ער אױפגעטראָטן;
האָט די װעכטערין, די שטילקײט, מיך באַקוקט
און זיך פיבעריק געשושקעט מיט זײן שאָטן,
װי עס איז געװאָרן אַ מוזײ זײן פײן —
אָ, דו װײטער־װײטער! נאָענטער דו מײן!

* * *

האָט אַזוי די הערבסט־זון דעמאָלט אויך פֿאַרגליט,
פֿון אַ גאָלדן־פֿאַנצער פֿול אַרומגענומען;
און אַ פֿאַרדהעס־וועלדל אויף אַ שטיק גראַניט
האָט געפֿינקלט פֿינצטער מיט אַ שטראַל אַ קרומען;
און געלעגן איז צעפּליקט אין ווינט אַ טרוים
אויף דער ווייסער הייזקע און דעם קאַרשן־בוים.

מאַך איך צו די אויגן, און איך זע אים שטיין,
אַ פֿאַרפֿינצטערטן, ביים וואָלקן ביים צעשטראַלטן,
שטיקנדיק מיט שטאָלץ אין האַרצן אַ געוויין,
קוקנדיק פֿאַרלאָרן צום קאַמין צום קאַלטן,
ווי ער שמאַכט נאַרקאָטיש, פֿיבערט אַלץ און גאַלט —
אַ צעשויבערטע, צעשווידערטע געשטאַלט.

וואַכט די זעלבע שטילקייט, און זיין קראַנק „קינד־ווייב"
ליגט דאָ אויפֿן זעלבן בעטל אויסגעצויגן;
ראַבען־שוואַרץ די לאָקן, פּערל־ווייס דאָס לייב,
און ווי צוויי בריליאַנטן, בלישצען גרויסע אויגן;
זיין באַליבטסטע, וואָס „געגלוסט אויך האָבן זי
די מלאכים אין די הימלען" — אַנאַבל לי.

האָט פֿון וואָלקן זיך אַ ריס געטאָן אַ ווינט,
פֿון דעם זומנעדיקן, גאָלד־צעשטראַלטן פֿאַנצער,
און געטאָן אַן אָטעם אויף זיין טייער קינד
הערבסטיק־טויטלעך, מיט דער פֿינצטערניש דער גאַנצער,
און איר בליק, וואָס „שענער נאָך האָט ניט געשיינט
קיין שום שטערן", נעמט זיך אויסלעשן שוין היינט.

ליגט זי גוסס אויפֿן שטרויענעם מאַטראַץ,
אַ פֿאַרוויקלטע אין זיין שינעל דעם אַלטן;

וואַרעמט מיטן קערפּער איר די ברוסט אַ קאַץ,
און כּדי די הענט איר וואַרעם אויפצוהאַלטן,
אָטעמט ער אויף זיי און אָטעמט, און צום טאַקט
האַקט אַ בייזער רעגן אויפן דאַך און האַקט.

* * *

קוקן גלייכגילטיק די פענצטער טויזנטער,
פון די הויכע הייזער, אויף דער גאַנצער מעשה —
ווי אין גרויקייט פון דער גאַס דער ברויזנדער
טוליעט זיך פאַרשטעקט די הייזקעלע די ווייסע,
וואו געשפּענסטיק אַלץ די אַלטע שטילקייט וואַכט
איבער אַלץ, וואָס איז געשען אין יענער נאַכט.

הענגט שוין אַ וואראָנע אַ מעטאַלענע,
אויף דער וואַנט, דעם „קיינמאָל־מער" צו רעקלאַמירן;
און זי קוקט שוין אוים אַזאַ געפאַלענע,
ווען זי טוט דערביי די קראַמען אויך באַצירן —
ביי דער אויסשטעלונג פון ווילדסטן עלענד דיין —
ווייטער, שטאָלצער שאָטן! נאָענטער דו מיין!

(אברהם וואלט־ליעסינס פאָרלעצט ליד — געשריבן מאָנטיק,
אָקטאָבער 31, 1938 — פינף טעג פארן טויט.)

# אינהאַלט-פאַרצייכעניש פון ערשטן באַנד

## I — א י ד י ש

צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ........................ 12
אידיש ........................................ 13

## II — מיין אַלטע מינסקער היים

צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ........................ 20
אָפּשיינען פון פלאַמען ............................ 21
שמחת תורה ביינאַכט ............................... 22
חנוכה .......................................... 26
דער געלער קלויסטער ................................ 30
אשרי תמימי דרך ................................... 33
והיה באחרית הימים (מ. ווינטשעווסקין א מתנה) .... 35
אגרת בת מחלת ...................................... 39
שיר השירים (צום אנדענק פון מיין באַליבטן
רבי ר׳ שואל קאַרעליטשער) ......................... 41
צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ........................ 44
שבועות .......................................... 45

פון דער באָבעס מעשות (צום אנדענק פון מיין
באָבען פייגל בהרב):
1. קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן טיר .................. 48
2. די מעשה מיטן גזלן בויטרע ..................... 50
צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ........................ 52
3. דער הויכער ר׳ ר׳ לייב ........................ 53
4. די מעשה מיט די קאָזאַקן און די אינגלעך ....... 55
5. אין די נעכט פון ניסן .......................... 57

פרשה בהעלותך (שמואל קטן־לואים — א מתנה)··60
תשעה באב (די מעשה פון חנה און אירע
זיבן זין)······························65
צייכנונג פון מאַרק שאגאל···················70
שמחת בית השואבה (מיין זעליקן פאָטער
געווידמעט)······························71
תיקון חצות······························75
מיטן „שארית ישראל"······················78
מיט א מעשה פון דער אינקוויזיציע··········80
מיטן „צמח דוד" (ר' שמעון דובנאָוו — א מתנה) 82
מיטן „עמק הבכא"·························88
ויהי בנסע הארון·························93
מיטן „יוסיפון" (ש. ניגערן)··················96
יום כפור אין שול·························100
צייכנונג פון מאַרק שאגאל···················104
מידקייט·································105

## III—די ערשטע טריט

צייכנונג פון מאַרק שאגאל···················108

1. די פיאָנערן (צום אנדענק פון א. קרעמער) 109
2. אין די פארנאכטן (צום אנדענק
פון צ. קאפעלזאָן)························111
3. אויפן פאראַד·························114
4. רעפלעקסיעס··························116
5. דער „קאַריעריסט" (נח'ן)·················119
6. דער קאָנספיראַטאָר·····················122
7. דער סאָלדאַט·························125
8. שבת צו נאכט אויפן שפאציר
(ב. וולאַדעקן)···························127

9. אויפן קאַטאָק (ב. פּרומקינען) ............ 130
10. צווישן די קראָמען ........................ 136
11. צווישן די שנייען (צום אנדענק
פון שמואל לעווין) ........................ 141
12. די ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג
(מענדעל ראָזענבוימען) .................... 146
צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל .................. 150
13. אין גאונ'ס קלויז (פּ. קורסקין) ............. 151
14. טריקעניש ................................ 155

## IV—צוריק אַהיים

צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל .................. 158

בכורים (ב. ריווקינען) ....................... 159
שמחת תורה בייטאָג ........................... 161
א ווינטער־אָוונט ............................. 167
ביי דער פּוסטער קרעטשמע ...................... 168
די אומוואַנדלונג ............................. 170
אויפן טייך סוויסלאָטש ........................ 173

אליהו (ח. זשיטלאָווסקין):
1. ליל שמורים ............................... 176
2. אויפן אַלטן באַרג ......................... 177
3. אין שאָטן פון דורות ...................... 179
4. די זעאונג ................................ 180
5. אנגסט .................................... 182
6. דער הלל ................................. 183
7. אין דער שטילקייט ......................... 185
8. די כמאַרע ................................ 186
אין בעריאָזאָווען וועלדל
(מיין שוועסטער סטערע'ן) ..................... 188

אונטערן עפּלבוים 190
אויפן וועג צו סענדי הוק 193

## V—אין דער פרעמד

צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל 196

אין דער פרעמד 197

אין גאָרטן:
1. איינגעהילט אין בשמים־ריחות 199
2. אויף די ווייטסטע שטערן קוק איך 200
3. איז דאָס טאַקע וואָר, מיין ליבע 201
אין א שווערער מינוט 202

הערבסט־מאָטיוון:
1. די בלעטער 203
2. די וואָלקנס 205
3. דער טויט 206
4. דאָס לעבן 207
צייכנונג פון מארק שאַגאַל 208
דער תנא און דער שאָטן 209

א באַזוך:
1. די פינצטערע פענצטער די זעלבע 211
2. עס שטייט די לבנה אין הימל און קוקט 212
שבת פארנאַכט 213

אָוונט־קלאַנגען:
1. עס ווערן אַלץ לענגער די שאָטנס 216
2. עס האָט אויף מיין הימל געגליט נאָר 216

3. אך, ענג, ווי די גרוב, איז די וועלט מיר 217
אין א שטורעמדיקער מאי־נאַכט
(צום אנדענק פון ב. מ.) 218
ווינטער אין דער פרעמד 221
א געוויין 222

## VI—געשטאַלטן און געשטאַלטעלעך

צייכנונג פון מארק שאגאל 224

דער קרעמער 225
א געלעכטער 230
דער דועל 232
דער שפה־ברורהניק 238
ישראליק 243
דער וואוקס פון פון ניו־יאָרק 245
דער סקיף (יעקב קרעפּליאַקן) 249
ביי דער עמפּייר סטייט־בילדינג 252
די קעמפער 253
דער חבר מוישע 256

סערע:
1. דער באַנקעט 261
2. די רעדעס פון די פּאַרטרעטער 262
3. נאָכן באַנקעט ביי סערע'ן אין צימערל 266
4. דער צוזאַמענברוך 269
צוויי פּיאָנערן 270

## VII — אין דער נייער וועלט


צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ······ 274

ים-לידער:

1. די דעבאַטע ······ 275
2. אָונט אויפן שיף ······ 278
3. בענקעניש ······ 280

די סטאַטוע פון פרייהייט:

1. די געטין ······ 284
2. די שיפן ······ 286
3. דער געזאַנג פון דער געטין ······ 287
4. די שטאָט ······ 290
5. די שפּינוועבס ······ 292

צי קענסטו יענע לאַנד? (א סאָנעט) ······ 293

די אַלטע היים ······ 294

דער ניוס-באָי ······ 295

דער זייגער ······ 296

א פרימאָרגן ······ 298

דער אַמבולאַנס ······ 299

דאָס ליד ······ 300

די עגונה ······ 302

א געוויינלעכע געשיכטע ······ 304

די שאַפּמיידל ······ 306


## VIII — ניו יאָרק אין בילד און קלאַנג


צייכנונג פון מאַרק שאַגאַל ······ 308

די פייערן פון בראָדוויי (ה. לייוויקן א מתנה):

1. די פייערן די פּלאַטערדיקע פון בראָדוויי ······ 309

2. אן אומגעזעענער גיט פייערדיק א פּאַך ...... 310
3. איך שווים אַן איינזאַמער אין רויש פון
מענטשן־שוים ........................ 311
4. אין נעבל נורעט זיך און ניכטערט זיך
דער רויש ........................ 312
5. די שטילקייט נידערט פון דער הויך
אויף מיינע טריט ........................ 313
ניו־יאָרק בעי ........................ 314
קומט דער ליבער זומער ........................ 315
שניי ........................ 319
גרענד קאָנקורס ........................ 320
נעבל ........................ 322
פאַרן לייכט־טורעם ........................ 323
די קרוין פון ווענערע ........................ 326

ניו־יאָרקער פאַרנאַכטן:

1. אָוונט־פענצטער ........................ 329
2. די קונדסים׳לעך פון ליכט ........................ 330
3. נאָך דער הויז־אַרבעט ........................ 332
4. דער כשוף ........................ 334

ניו־יאָרקער פרילינג:

1. די גאַס ........................ 336
2. די טרעמפּס ........................ 338
3. דאָס גרעזל ........................ 340
4. די ווינטלעך ........................ 341
ביים פּאָר־קאַטעדזש אין פאָרדהעם ........................ 343